STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02789

# FALIK IN ZAYN HOYZ

Jacob Dineson

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב דינעזאָן

# פֿאַליק און זיין הויז

דערצעהלונג.

פֿאַרלאַג „אחיספֿר" וואַרשע

Printed in Poland

Copyright by S. Sreberk New-York U. S. A 192[illegible]

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

# I.

שוין אַ שעהן ביסעל יאָהרען זינט פאַליק וואוינט אין זיין אייגענעם הויז.

אין דעם הויז האָט איהם זיין ווייב מאַטלע אַלע זייערע קינדער געבוירען. דאָ האָט זי זיי אויפגעהאָדעוועט, צער און נחת פון זיי געהאַט, און פון דאַנען זענען זיי זיך איינציגווייז צופאָהרען און אין דער גרויסער ווייטער וועלט אַוועק. גע־בליבען דאָ נאָך זיי איז ווידער נאָר פאַליק מיט מאַטלען אַליין. אַפילו זיין איינציגע טאָכטער טויבעלע, וועלכע האָט דאָ נאָך איהר חתונה עטליכע יאָהר כסדר מיט איהר מאַן געוואוינט, און פאַליקען דאָ זיין ערשט אייניקעל, איציקלען, געבוירען, וואוינט שוין איצט אויך אין איין אַנדער הויז, און אין איין אַנדער גאַס אַפילו.

געקויפט דאָס הויז האָט פאַליק נאָך אין יענע יאָהרען, בעת פלעצער און הייזער זענען נאָך נישט אַזוי בראַנד־טייער געוועזען ווי איצט, און אַ יוד אַ בעל־מלאכה, וואָס האָט זיינע עטליכע רובל אָנגעזאַמעלטע געהאַט, האָט נאָך צו אַ שטיקעל אייגענער נחלה זיך געקאָנט צושלאָגען.

און טאַקע גאָר אַנדערע צייטען, גאָר אַנדערע יאָהרען זענען דעמאָלט אויף דער וועלט געוועזען.

פאַליק נאָך אַ יונגערמאַן פול כח און לעבען געוועזען, זיין בערדעל נאָך שוואַרץ און צוגעפוצט, און דאָס הויז זיינס — נאָך ניי, נאָך פריש מיט אַ נייעם שענעם שינדעל-דאַך צוגעדעקט. צווישען שטאָדטיגע שניידער האָט נאָך פאַליק די גרויסע ראָלע געשפּיעלט, און זיין הויז האָט זיך גערעכענט פאַר דאָס שענסטע און גרעסטע אין דער גאַנצער גאַס. היינט זענען זיי ביידע אויף צרות: פאַליקס שוואַרץ צוגעפוצט בערדעל פון אַמאָל איז שוין לאַנג אַ געדיכטער נישט-געפוצטער באָרד, און לאַנג שוין וויס געוואָרען, און דאָס הויז זיינס — לאַנג איינגעחושכ'ט און אַלט, און דער אַמאָליגער שענער שינדעל-דאַך איז שוין ערטערווייז צופליקט און אינגאַנצען מיט אַ דיקען מאָך בעוואַקסען.

פאַליק איז שוין פון דער מאָדע אַרויס.

אין שניידערשען בית-מדרש שטעהט ער נאָך אפילו היינט אויך אויף זיין שטאָט אין רעכטען מזרח אויבענאָן, אָבער שוין מיט אַ אַלטען צופליקטען טלית, און ער ווייזט אויס, צווישען זיינע שכנים פון ביידע זייטען אין זייערע נייע טליתים מיט די זילבערנע עטרות, ווי אַ קבצן צווישען לויטער גבירים.

אַזאַ פּנים האָט אויך זיין הויז מיט זיין מאָך פערוואַקסענעם דאַך, צווישען די נייע הייזער פון ביידע זייטען אויף זייערע שטיינערנע פונדאַמענטען און בלעכערנע דעכער.

דאָס וואַרפט זיך שוין לאַנג יעדען פאַרבייגעהער אין די אויגען, און דאָס זעהען אויך פאַליק און זיין ווייב מאַטלע אַליין. פונדעסטוועגען פאַלען זיי ביי זיך גאָר נישט אַראָב. מאַטלע דאַנקט נאָך און לויבט זיין ליעבען נאָמען, וואָס זי ווייסט נישט דעם צער פון קראַמען און שלעפּען זיך אַלע יאָהר פון איין דירה אַרויס — אין דער אַנדערער — אַריין, ווי אַנדערע, „נישט געפּרובט זאָל מען ווערען!"

פאַליק'ן איז דאָס הויז נאָך ליעבער און נאָך טייערער ווי עס איז זיין ווייב מאַטלען. ווענוג האָט ער אַרום דעם הויז צו טהון געהאַט? ווענוג געלד, מיה און דאגה קאָסט איהם דאָס הויז?

אין די גוטע צייטען, ווען אין פאַליקס קעשענע פלעגט

זיך נאָך אַ פרייער רובל אָפּט וואַלגערן, האָט ער שטענדיג דעם רובל אין הויז אַריינגעשפּאַרט... אָט ווילט זיך לאָדענס צומאַכען צו די פּענסטער, אָט ווילט זיך איהם דעם פּאַרקען אָבפּאַרבען. היינט — דאָס, מאָרגען — יענס. „אַרום אַ הויז איז עפּיס דאָ וואָס צו טהון!" פלעגט פאַליק זאָגען. שפּעטער, ווען קיין פרייער רובל האָט זיך שוין אין קעשענע נישט געוואַלגערט, און פאַליק האָט זיך שוין נישט געקאָנט פערגינען דאָס פערגניגען פון צובויען, פון צופּוצען דאָס הויז זיינס, פלעגט ער עס חאָטש היטען, אַרומפּאַדיען אַרום די ווענד, צוקוקען זיך אויפ'ן הויף און היטען יעדעס ברעקעלע, וואָס געהערט צום הויז און הויף, ווי דאָס אויג פון זיין קאָפּ. מען קאָן זאָגען, אַז אין די גאַנצע פערציג יאָהר, וואָס ער איז שוין בעל-הבית, איז כמעט אַ טאָג נישט אַריבער, וואָס ער האָט וועגען הויז נישט געהאַט עפּיס וואָס צו טהון, אָדער האָטש עפּיס וואָס צו טראַכטען און זאָרגען צוליעב דעם הויז. קיין וואונדער נישט, וואָס ער האָט זיך מיט'ן הויז אַזוי איינגעלעבט, ביז עס איז אַ שטיק פון זיין לעבען געוואָרען, און האָט ער ווען דאָס וואָרט „איך" פון זיין מויל אַרויסגערעדט, איז דאָס אַלעמאָל געמיינט געוועזען: „איך און מיין הויז".

איז זיך פאַליק אין בעט אונטער דער וואַרימער קאָלדרע געלעגען, און אויף דרויסען האָט בעת מעשה אַ שטורם-ווינד געבלאָזען און די שינדלען פון זיין דאַך געריסען, האָט זיך איהם געדאַכט: דורך זיינע ביינער יאָגט דער ווינד אַדורך, און פון זיין פלייש רייסט ער שטיקער הויט אַראָב און צוטראָגט זיי אין דער ווייטער קאַלטער וועלט אַריין. איז אַ בעל-עגלה פאַרביי געפאָהרען און האָט אונגערן מיט דער אַקס אַ רייב אָן וואַנד געטהון, האָט איהם פאַליק נאָכגעשריען: „גזלן איינער, ווי האָט עס אַ יוד קיין צער בעל החיים נישט?!"

און ווי אַ מוטער איהר קינד, ווען עס פאַלט און שעדיגט זיך, פלעגט פאַליק שטענדיג דעם געשעדיגטען אָרט אין וואַנד פערגלעטען, אָדער מיט אמת'ן פיין בעטראַכטען, גלייך ווי ער

וואָלט דעם וועהטאָג געפיהלט, וואָס דאָס הויז האָט בעדאַרפט פיהלען פון אַזאַ גזלנישען רייב.

אָבער נישט נור ער אַליין האָט זיין הויז מיטגעפיהלט, נור אויך זיין הויז האָט מיטגעפיהלט — האָט זיך איהם גע-דאַכט—אַלץ, וואָס ער, דער בעל-הבית זיינער פיהלט: איז פאַליק פרעהליך, עס גיעט זיך איהם איין אַ רעכט שטיקעל אַרבייט אָנצוגעהמען, אָדער ער בעקומט אַ פרעהליך בריוועלע פון זיינע קינדער פון אַמעריקאַ, דאַכט זיך איהם, אַז דאָס הויז זיינס שיינט גאָר פאַר נחת, חאָטש נעהם און געה מיט איהם אַ טענצעל אַרויס; חלילה פערקעהרט, עפּיס אַ צער, אַ פערדרוס, אָדער מאַטלע זיינע האָט אַ פינסטערן טאָג פון איהר רעוומאַטיזם און זי קרעכצט נעביך, אַזנ ור דאָס לעבען ווערט איהם פער-אומערט ביי זיין וואַרשטאַט, דאַכט זיך פאַליקען, אַז אויך דאָס הויז איז אומעטיג, און עס קוקט ווי דערשלאָגען פון צער.

שטעהענדיג אַמאָל אין אַ פריהמאָרגען אין זיין הויף און בעמערקענדיג, ווי איין וואַנד פון הויז האָט זיך עפּיס אויסגעקרימט, איז פאַליק צוגעגאַנגען און מיט אַ זיפץ געזאָגט:

„סטאַראָסט ניע ראַדאָסט, בראַט! מיר ברעכט שוין אויך דער רוקען זעהר אָפט פון עלטער... מיר, זעהסטו, העלפט נאָך אַמאָל טרוקענע באַנקעס, טאָמער וואָלט איך עס אויף דיר אויך אַמאָל אויספּרובען?"...

און ווען פאַליק'ן האָבען שוין קיין טרוקענע באַנקעס אויך נישט מעהר געהאָלפען, האָט ער צום הויז ווידער געזאָגט:

— אַ מענש, צי אַ הויז, אַלץ איינס! ווערט מען עלטער קען מען זיך נישט גלייך האַלטען... איך האָב גאָר קיין פּאַראיבעל נישט אויף דיר, וואָס דו קרימסט זיך מיר אַזוי. מעג מען זיך לאַכען פון דיר, איך אָבער געדענק, ווען דו ביזט נאָך יונג, שען און אַ העלד געוועזען...

פון שול געהענדיג דעם ערשטען טאָג פסח, און דער-זעהענדיג פון ווייטען דעם צופליקטען, מיט מאָך בעוואָקסענעם דאַך, האָט זיך פאַליק דערמאָהנט אָן דאָס ניי היטעל, וואָס ער טראָגט אויף זיין קאָפּ, — דאָס איינציג שטיקעל מלבוש,

מיט וואָס ער האָט זיך לכבוד יום-טוב בענייט — און ער האָט זיך בעת מעשה דערפיהלט, ווי עפּיס שולדיג פאַר'ן הויז.

„דו מיינסט פאַר מזומן? האָט ער צוקומענדיג צו זיין היים געזאָגט — אויף נאמנות, ביי הערשקע קירזשנער אויף באָרג גענומען! פּופציג קאָפּיקעס, נישט אום יום-טוב גע'דבר'ט, האָט ער זיך געהייסען געבען... און מיינסט דו אפשר, מען וואָלט מיר נישט באָרגען פאַר דיר אויף אַ ניי היטעל? באָרגען, זעהסט דו, וויל מען, אָבער מען פערלאַנגט, דו זאָלסט פאַר מיר ערב זיין... דאָס אָבער וועלען זיי ביי מיר נישט פועלן. גיב דעם טייוועל נור אַ פינגער, וועט באַלד דיין גאַנצע האַנד בלייבען ביי איהם! בין איך אפשר נישט גערעכט, וואָס איך וויל נישט באָרגען?"

---

# II

פינף גרויסע חדרים, חוץ אַ קיך מיט אַ גרויסען באַק-אויוועז, האָט פאַליקס הויז. ביז נישט לאַנג צוריק האָט נאָך אַ פרעמדער שכן ביי פאַליק'ן נישט געוואוינט. בעת ער איז נאָך אין דער מאָדע געוועזען און האָט מיט די אייגענע בנים, מיט פועלים און לערן-יונגלעך זיין וואַרשטאַט געפיהרט, זענען איהם די חדרים נישט איבעריג געוועזען. „קינדער זענען מענשען, פלעגט ער זאָגען, און אַ פועל, אַפילו אַ לערן-יונגעל איז אויך אַ מענש. און אַ מענש מוז האָבען זיין אָרט. אַ מענש, וואָס האָט נישט זיין אָרט, ווייסט נישט זיין אָרט"...

ווען די קינדער זענען זיך צופאָהרען און די פועלים האָבען שוין קיין אַרבייט נישט געהאַט ביי זיין וואַרשטאַט, האָט ער דריי חדרים אָבגעגעבען דעם יונגען פאַרפאָלק, זיין טויבעלען מיט'ן מאַן, און דערפאַר האָט דער איידים געצאָהלט אַלע יאָהר פאַר פייער-קאַסע און אויף אייגענער רעכענונג די חדרים געלאָזט אויסווייסען אַלע ערב פסח, ביים שוועהר אויף דעם נישט צושטייער צו בעטען.

איצט, אַז דער איידים האָט זיך אַרויסגעקליבען, ווייל ער האָט געקראָגען אַ קראָם מיט אַ דירה אינאיינעם, און פאַליק מיט מאַטלען זענען נור „דיעד אי באַבאַ“ געבליבען, האָט ער קיין ברירה נישט געהאַט, און האָט, געגען זיין ווי-לען, אַריינגעלאָזען אַ פּאָר שכנים. ערשטענס, פון פרעהליכ-קייט וועגען, און, צווייטענס: עס זאָל טאַקע זיין פון וואָס צו צאָהלען פייער-קאַסע און נאַלאָגען, וואָס יעדער בעל-הבית אין שטאָדט מוז צאָהלען. אַליין פערנעהמט פאַליק נור די גרויסע עס-שטוב, וואו עס שטעהט נאָך דער אַלטער וואַר-שטאַט, און דעם חדר דערנעבען, וואו עס שטעהען די צוויי בעטען, נאָך שען און ציכטיג פערבעט, ווי אין אַמאָליגע גוטע יאָהרען.

צו דער חיונה פאַלט איהם פון דעם דירה-געלד אַ גראָשען נישט צו. בלייבט אפילו איין אַנדער יאָהר וועלכע צעהן, פופצען רובל, צוברעכט זיך ביי אַ שכן דער אויווען, אַ פענסטער-ראַם, אָדער אַזוי עפּיס, וואָס אַ שכן, וועלכער צאָהלט דירה-געלד, קאָן איינפאַלען פון בעל-הבית צו פערלאַנגען, און עס קומט נישט אַראָב אפילו וואַסער אויף קאַשע.

זיין גאַנצע חיונה ציהט ער נאָך פון זיין נאָדעל-פּאָדים. עס האַלטען זיך נאָך אָן איהם עטליכע עלטערע בעלי-בתּים, וואָס וועלען קיין אַנדערן נישט אָוועקגעבען אַ בגד אויפנייהען, ווען מען זאָל זיי אַפילו צוצאָהלען.

טרעפט אַ שטילע צייט, ווען פאַליק זיצט אָהן אַ שטאָך אַרבייט, קאָן זיין מאַטלע אַזוי קונציג אויסקומען מיט דער הוצאה, אַז עס זעהט זיך כמעט גאָר נישט אָן, דאָס עס פעהלט עפּיס צום טיש, אָדער אין דער בעל-הבתּישקייט.

אַ דאגה נור האָט ער, איידער ער שלאָגט צונויף די עטליכע רובל אין פייער-קאַסע צו בעצאָהלען.

„מיט דער פייער-קאַסע שפּיעלט מען זיך נישט! זאָגט פאַליק — פריהער ווי אַלץ אין דער וועלט מוז דאָס הויז זיין פערזיכערט פון אַ שרפה“! און עס דאַכט זיך איהם, ער וואָלט איין נאַכט נישט קאָנען איבערשלאָפען, ווען דאָס הויז

זאָל חלילה נישט פערזינדיגט ווערן. קוים אָבער האָט ער דאָס געלד אין פייער-קאַסע אַריינגעטראָגען. שלאָפט ער שוין רוהיג. און אויב עס בלייבט איהם נאָך אַ צער, איז עס נור, וואָס דאָס הויז ווערט פון יאָהר צו יאָהר אַלץ מעהר אָבגעלאָזען, און עס העלפט נישט זיין פאַדיען אַרום איהם, זיין היטען און זיין זיפצען. דער דאַך ווערט אַלץ עלטער און פוילער, עס פעהלען שוין ערטערווייז צו גאַנצע האָפּטעס שינדלען, און עס הויבט שוין אָן, אין אַ רעגען, אין שטוב אַריינצוקאַפּען.

נור אַ נייעם דאַך צו מאַכען, אַפּילו שוין פון פּראָסטע ברעטער, מוז קאָסטען קרוב צו אַ מאה קערבלעך, און וואו נעהמט מען עס? ווען נישט די דאגה וועגען דאַך, וואָלט זיך איצט פאַליק אויך שעצען פאַר דעם גליקליכסטען יודען אין דער גאַנצער שטאָדט, ווי ער פלעגט זיך שטענדיג אין גוטע יאָהרען אַזוי שעצען.

פון די קינדער, וואָס וואוינען דאָ, דאָס הייסט: פון זיין טאָכטער מיט'ן איידים מיט זייערע צוויי קינדערלעך, האָט ער אַ שטיקעל נחת. פון זיינע דריי זיהן, וואָס זענען אין אַמעריקאַ — אויך קיין צער נישט... עס קומט איהם אָן אַ פּאָר מאָל אין יאָהר אַ בריוועלע, אין וועלכען זיי שרייבען, אַז עס געהט זיי גוט און זיי „מאַכען אַ לעבען".

און טאַקי אויף זייער לעצט בריוועל זיצט שוין איצט פאַליק עטליכע טעג כסדר, און שרייבט זיי אָב אַ תשובה. פאַליק איז קיין גראָבער עם הארץ קיינמאָל נישט געוועזען, און שרייבט אַ בריוועל קיין מעשה נישט.

„קינדער, שרייבט ער זיי — איך דאַנק אייך זעהר פאַר אייער בריוועל, וואָס איהר דערמאָהנט אייך האָטש איינמאָל אין אַ האַלב יאָהר מיר צו שיקען! דאַרף דען אַ טאַטע נאָך מעהר פערלאַנגען?

פון אייערע בילדער, אָדער „פּיקציעס" ווי איהר רופט עס, בין איך צופרידען און נישט צופרידען. צו-פרידען בין איך, וואָס איך זעה אייך מעשה לייט, מיט גאָלדענע זייגער-קייטלעך מיט בריליאַנטענע רינגען... סיידען אין אַמעריקאַ

איז עס בחנם, ביי אונז פערגינט זיך נישט אַזעלכֿע קייט־לעך און רינגעלעך צו טראָגען אפילו שעיה מיהלנערס אַ זוהן. אַ סימן, אַז דאַנקען גאָט, קיין ברויט פעהלט אייך נישט. נישט צופרידען אָבער בין איך, וואָס אין אַמעריקאַ קאָן זיך קיין באָרד נישט איינהאַלטען!... אַלע דריי, זאָלט איהר געזונד זיין, האָט איהר דעם באָרד אַראָבגענומען, און דאָס איז מיר אַ ביסעל נישט לרצון...

איך וויל פון אייך גאָר נישט פערלייקענען: אין מיינע יונגע יאָהרען פלעג איך אַליין מיין בערדעל צופוצען מיט דער שער, אָבער אַ בריטווע האָב איך פיינט ווי חזיר...

נור איך וועל זאָגען ווי אייער קלוגע מאַמע זאָגט: „אויף וואָס פאַר אַ פוהר מען פאָהרט, אַזאַ נגון זינגט מען, מסתמא איז אין אַמעריקאַ אַזאַ מאָדע, און געה פיהר עפּיס אויס קעגען דער מאָדע!"

מוחל אייך דעם באָרד! מסתמא וועט אייך גאָט ברוך הוא אויך מוחל זיין. אָבער בעטען בעט איך אייך, מיט דעם באָרד חלילה אויך דאָס רעדנעל נישט אָבבייטען... שוין קיין יונגע לייט נישט אייער טאַטע־מאַמע, און אויף זיהן האָפט מען, אַז זיי וועלען אַמאָל קדיש זאָגען נאָך טאַטע־מאַמע. האַלט איהר, אַז דאָס איז אַ עולה חלילה? אָדער איז אין אַמעריקאַ קדיש נאָך טאַטע־מאַמע, אויך אַרויס פון דער מאָדע?

„ווייטער האָב איך גרויס עגמת נפש, וואָס שלומ'קע מיט חיימ'קען האָבען אַוועקגעוואָרפען די מלאכה. איז שוין אין אַמעריקאַ שניידעריי אויך אַזוי אין דער אדמה ווי דאָ ביי אונז? און רעדט מען מיט אַ היגען אַרבייטער, זאָגט ער: אַז אין אַמעריקאַ און אין לאָנדאָן איז שניידעריי מיט גאָלד גלייך, און יעדער פועל, וואָס קאָן נור עטליכֿע רובל אויף דער הוצאה צונויפקלויבען, מאַכֿט פיס קיין אַמעריקאַ, אָדער קיין לאָנדאָן. איז אַמעריקאַ באמת נאָך ווייטער ווי לאָנדאָן?

„ווידער שרייבט איהר, אַז חיימ'קע דינט אין פּאָליציע, און שלומ'קע אַרבעט אין אַ פּעקטראַ. מיין קאָפּ האָב איך מיר שוין צובראָכֿען צו דערקלערען זיך וואָס מיינט איהר דער־

מיט? וואָס האָט חיימ׳קע צו טהון מיט פּאָליציע? און וואָס איז טייטש: ער אַרבעט אין אַ פּעקטראַ?

איהר קענט דאָך אונזער שכן ברוך משה דעם יאָלד מיט זיינע חקירות, מיט זיינע ווערטלעך, ווייסט איהר, וואָס ער זאָגט: „ער דינט אין פּאָליציע״ איז טייטש—ביי אונז הייסט עס פּשוט, זאָגט ער,—זאָל ער זיך בעסער אַ שטיק צונג אָבבייסען — ער זיצט אין פּאָליציע, מסתּמא נישט פאַר נישט-וועלען תּהלים זאָגען... און „ער אַרבעט אין אַ פּעקטראַ״, זאָגט ער, איז טייטש: ער אַרבעט מיט דער גאַל. — אַרבעטען זאָל ער, ברוך משה יאָלד, מיין איך, מיט די זייטען פאַר זיין בייז מויל!—

„איך, למשל, שטויס זיך, וואָס מען מיינט „ער דינט אין פּאָליציע״—אַ שטייגער, ווי מען דינט ביי אונז אין סאָלדאַטען. אָבער וואָס פּעקטראַ איז, הויב איך נישט אָן צו פערשטעהן. פרעג איך ביי אייך, קינדער, צו וואָס דאַרפט איהר ריידען מיט מיר און מיט דער מאַמען אייערער אויף פראַנצויז? איהר ווייסט דאָך, אַז אייער טאַטע איז אַ פּראָסטער יודישער שניידער, די מאַמע — אַ פּראָסטע יודינע; דאַרפט איהר דען פאַר אונז זיך אויך בעריהמען, אַז איהר זענט די וואויל-געלערנטע, די פיינע בריות מיט פראַנצויז?

„אויף באמנות, איך וואָלט אייך אַ האָהר נישט ווייניגער ליעב געהאַט, ווען איהר וואָלט גאָר קיין פראַנצויז נישט קענען! און אַ סך קליגער און איידעלער איז, מוז איך אייך זאָגען, אַז יודישע קינדער ריידען מיט יודישע טאַטע-מאַמעס אויף יודיש, דאָס הייסט, אויף טאַטע-לשון און אויף מאַמע-לשון, און גאָר...

„ווייטער בעט איך אייך, ווען חיימ׳קע וועט זיך אויסדינען אין פּאָליציע, און ווען שלומ׳קע וועט זיך אָבאַרבייטען אין דער פּעקטראַ, זאָלען זיי זיך צוריק נעהמען צו דער נאָדעל.

„אמת, די מלאכה איז נישט אַ פעט שטיקעל ברויט, אָבער אַ זיכער שטיקעל ברויט איז זי אַלעמאָל, און שעמען זיך מיט דער מלאכה טאָר מען אודאי נישט...

„קינדער, אין אייערע יאָהרען האָב איך שוין מיין אייגען

הויז געהאַט פון דער מלאכה. און גלויבט מיר, איך בין דע־מאָלט שוין צופרידענער געוועזען און רייכער ביי זיך אַליין, ווי די גאַנצע וועלט. איי איצט בין איך פון דער מאָדע אַרויס, און עס לעבט זיך מיר נישט גאָר גרינג ווי אַמאָל, בין איך אין דעם נישט שולדיג. די וועלט איז שוין אַזוי: זומער בליהט און געדייהט אַלץ, קומט דער ווינטער, ווערט אַלץ אויסגע־פראָרען און פוסט...

„מיין זומער, קינדערלעך, איז שוין אַריבער, איך האָב מיינע יונגע יאָהרען אָבגעלעבט. איצט לעב איך נאָך אין מיין ווינטער, און וואָס האָט איהר געוואָלט: אייער טאַטע זאָל גאָר קיינמאָל נישט אַלט ווערען?

„ביי אייך, קינדער, הויבט זיך אָבער ערשט אָן אייער רעכטער זומער, לאָזט נישט די צייט זאָל אייך אַריבערגעהן אין פוסטע, נישט זיכערע געשעפטען. אַרבייט מיט דער נאָ־דעל, מיט שער און אייזען. צו גוטס און צו רייכקייט איז קיין ברעג נישטאָ... נאָר זאָלט איהר קיין ערגערן זומער נישט האָבען, ווי דעם זומער, וואָס דער טאַטע אייערער האָט אין זיין לעבען אָבגעלעבט!

„און איך האָב קיין רייכען טאַטען, אָדער קיין רייכען פעטער נישט גע'ירשנט. די נאָדעל און נאָר די נאָדעל האָט מיר מיין ליכטיגען וואַרימען זומער געמאַכט!... גערענקט עס!

„די מאַמע אייערע בעט אייך זעהר, איהר זאָלט נישט פערגעסען, אַז עס איז שוין צייט וועגען אַ תכלית צו טראַכ־טען. זי מיינט, וועגען שדוכים טהון, און חתונה האָבען.

„קינדער, הערט, וואָס איך זאָג דערצו: ווילט איהר אַראָב־קומען דאָ טהון אַ שדוך, איז מה טוב; דאָ קאָן מען אייך, און איהר קאָנט אַלע מיידלעך, און אויך די פון זיי, וועלכע וועלען אייך בעשערט זיין. אלא איהר ווילט נישט, אייער טאַטע און אייער מאַמע זאָלען אייך צו דער חופה פיהרען, בעט איך אייך איין זאַך: ווייסט, מיט וועמען איהר טהוט און וואָס איהר נעהמט, וואָרום, קינדערלעך, אַ ווייב איז דאָס לעבען. אַ קלוג ווייב און אַ פרום ווייב, ווי די מאַמע אייערע,

זאָל זי מיר געזונד זיין, איז אַ זיס לעבען!.. חלילה אַ נאַריש ווייב און אַ נישט רעכטע, איז אַ לעבען ביטערער ווי דער טויט. געדענקט עס, קינדער, און גאָט זאָל אַייך פון אַלדאָס ביֵיז בעשיצען, און פון אַ שלעכט ווייב נאָך מעהר!

„טויבעלע מיט איהר מאַן וואוינען שוין נישט ביי מיר. צי עס שטעהט זיי נישט אָן, צי אפשר איז זיי טאַקי נישט גוט צו האָבען אַ דירה אין איין גאַס, און די קראָם—אין פינף גאַסען ווייטער, נאָר וואו זיי האָבען ביי מיר געוואוינט, וואוינען איצט גאַנצע דריי שכנים. נישט קיין גבירים, ווי עס פערשטעהט זיך, און רייך צו ווערען פון זייער דירה-געלד האָף איך נישט, הלואי קום איך מיט זיי אויס גלייך אויף גלייך, דאָס הייסט: הלואי דערלעג איך נישט מעהר, וואָס זיי מאַכען מיר אָן הזיקות, וויפיעל זיי גיבען מיר פאַר זייער וואוינען ביי מיר.

„און וואָס זאָל איך מיך שעמען פאַר אייגענע קינדער? הערט-זשע וואָס איך בעט אַייך: עס פעהלט מיר אַ רעכטער בגד, עס פעהלט דאָס אייגענע דער מאַמען אַייערער, אין אַ מקום קדוש צווישען לייטען נישט פערשעמט צו ווערען...

„עס פעהלט אונז אפילו צייטענווייז אין טאָפ אַריין, נאָר מיר לאַכען זיך אויס דערפון... עס פעהלט אָבער אונזער הויז אַ דאַך... אָבגעריסען, אָבגעפליקט, אַז דאָס האַרץ פלאַצט אין מיר דאָס עלענד צוצוזעהן... האָט רחמנות, קינדער, אויף אַייער אַלטע היים! נישט איינמאָל האָט איהר אַרומגעטאַנצט אויף דעם דאַך. — שיקט אַייער טאַטענס הויז אַ מתנה אַ נייע היטעל האָטש אויף סכות.

קינדער, מיין הויז איז עס שוין מעהר געוועזען, ווי עס איז נאָך,—אַייער הויז וועט עס אָבער נאָך אַמאָל זיין. ווער ווייסט, ווי לאַנג איך וועל נאָך לעבען אין איהם... נאָר ווי לאַנג איך לעב, פערגינט מיר, אונטער אַ גאַנצען דאַך צו לעבען, און נאָך מיין טויט, ווען מיין שעה וועט קומען, נישט איבערלאָזען אַייך איין אַלטע חורבה אָהן אַ דאַך אפילו.

„טויבעלע מיט'ן מאַן וועלען אַייך

דערצעהלען חכמות פון איציקלען. איהר מאָגט זיי גלויבען. איציקעל איז טאַקי אַ וואויל קינד און געראָטען קינד, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר! נאָר דאָס מיידעלע, איטינקע, איז נעביך אַ קראַנק קינד. די מאַמע אַי־ערע זאָגט, אַז דאָס האָט איטינקע נעביך אַזאַ „ריפ-קוכען" אין זייטעלע, נאָר דער דאָקטאָר זאָגט, אַז דאָס איז אַזאַ ענגלישע קרענק. פון וואַנען קומט צו אַזאַ קינד אַ ענגלישע קרענק? זאָל איך אַזוי פון שלעכטס וויסען, אויב איך ווייס! דער זיידע איהרער האָט שוין אפשר אַ יאָהר צוואַנציג קיין ענגליש שטיקעל סחורה אין האַנד נישט געהאַלטען.

„מילא, ווער קאָן זיך שטעלען אַ דאָקטאָר אַ אויסגע-שטודירטען אָבלייקענען? אָט טהוט מען זיינע רפואות: באָדען, גוט עסען, פרישע לופט. צי ווערט עס העלפען? ווייס איך נישט, אָבער שאָדען קאָן עס אויך נישט.

„וואָס נאָך זאָל איך אַייך שרייבען? אַלע זענען מיר, השם יתברך, געזונד. די שטאָדט שטעהט אויף דעמזעלבען אָרט ווי זי איז געשטאַנען. דאָס קליין שטיבעל געגענאיבער דער גאַס איז שוין גאָר אַ פוסטקע. ביינאַכט איז אַמאָל סכנות פון שטוב אַרויסצוגעהן: עס נעכטיגען אין דער פוסטקע כל המינים גנבים. — נאַרען זאָגען, אַז שדים האָבען זיך אין שטיבעל פערקליבען. איך גלויב נישט אין אַזעטיגע זאַבאַבאָנעס. נור אָט שמועסט מען, אַז שעיה מיהלנער האָט דעם פּלאַץ אָבגעקויפט, און ווערט נאָך היינטיגען זומער זיך שטעלען מויערן אויף דעם אָרט פון דער פוסטקע אַ גרויסע קאָמעניצע מיט דריי שטאָק. די גאַס ווערט, צוליעב דעם, גאָר איין אַנדער פנים בעקומען.

„געשטאָרבען איז ר' ישראל דער אַלטער שוהל-חזן. אַ זקן פון פינף און אַכציג יאָהר, הלואי לעבען מיר אויס זיינע יאָהרען! זייט זשע מיר געזונד, פערגעסט נישט דאָס הויז צוליעב דעם טאַטען, און דעם טאַטען — צוליעב זיין הויז.

איך שרייב עס, ווייל אַמאָל איז אַ סכנה ביי קינדער עפּעס הילף צו בעטען, צוליעב דעם קאָנען זיי ברוגז ווערען און גאָר אויפהערען צו שרייבען... נור זאָגען זאָג איך אַייך,

צי איהר וועט שיקען אויף אַ דאַך, צי נישט, ביי טאַטע-מאַמע זענט איהר גלייך ליעבע און טייערע קינדער, און איהר דאַרפט אויף אונז גאָר נישט ברוגז ווערען. און זייט מיר געזונד נאָך אַמאָל, פון מיר אביכם פאַליק שערמאַן, און פון מיר אמכם מאַטלע שערמאַן".

---

## III.

נאָך שווערער, ווי עס איז פאַליקען געוועזען דאָס ברי-וועלע צו זיינע קינדער אויפצושרייבען, איז איהם אָנגעקומען דאָס אַוועקשיקען עס.

די אַדרעסע אָנשרייבען האָט ער געמוזט אָנקומען צום איידימס לאַסקע, און דער איידים האָט די אַדרעסע נישט געוואָלט אויפשרייבען, סיידען דער שוועהר זאָל אויסמעקען די עטליכע שורות, וואו ער בעט די קינדער, זיי זאָלען איהם געלד שיקען אויף אַ נייען דאַך אויף זיין אַלטער חורבה.

— זאָג מיר אָפּען, פאַרוואָס ווילסט דו נישט, איך זאָל זיי דאָס בעטען? האָט פאַליק געפרעגט.

— ווייל עס שטעהט מיר נישט אָן, אַז איהר בעט זיי, וואָס דאַרף זיי אַייער הויז שוין גאָר נישט אינטערעסירען, און איהר בעט נישט מיך, וואָס דאַרף מיך עס מעהר אינטערע-סירען,—האָט דער איידים דערקלערט.

— אדרבא, אָט בעט איך דיך טאַקע, פּרוב נאָר באמת זיך אינטערעסירען מיט'ן הויז, ווי עס דאַרף צו זיין, וועל איך זיי לאָזען צו רוה,—ענטפערט פאַליק, און איז גרייט דאָס גאַנצע בריוועלע איבערצושרייבען.

— גלויבט מיר, שוועהר, זאָגט דער איידים — ווייל אַייער הויז אינטערעסירט מיך מעהר ווי איין אַנדערן, דערי-בער זאָג איך אַייך, אַז דאָס גאַנצע הויז איז נישט ווערט וויפיעל אַ נייער דאַך דאַרף קאָסטען.

— אָבער אַז מען וועט עס מיט אַ נייעם דאַך צודעקען, וועט עס ווידער ווערט זיין!—ענטפערט פאַליק.

—ווייסט איהר, שוועהר, ווי אַייער הויז וועט אויסזעהן מיט אַ נייעם דאַך?

—ווי?

—ווי אַ יונגער קאָפּ אויף אַלטע פּלייצעס!—זאָגט דער איידים און שמייכעלט אַליין צו פון זיין גלייכוואָרטעל.

—זאָל אויסזעהן ווי עס וויל! אָהן אַ דאַך וועט שווער זיין ווייטער צו וואוינען. און וואוינען אין הויז מוז איך!— רעדט שוין פאַליק מיט רוגז. — פון ווערטלען זיך וועט קיין דאַך נישט ווערען. אַהין אָדער אַהער, — אָדער לייה מיר דו אויס אויף אַ דאַך, אָדער אַז ניט—לאָז מיך דאָס בריוועלע אָוועקשיקען.

—ווייסט איהר וואָס איך האָב אָבגעקלערט?—זאָגט דער איידים — אַז פאַר אונז ביידען איז גלייכער, איהר זאָלט דאָס הויז גאָר פערקויפען, נעהמען די עטליכע רובל, זיך אַריינ- קלויבען צו מיר, און לעבען מיט אונז אינאיינעם, ווי מיר האָבען געלעבט.

—ניין, מיין זוהן, וואָס פאַר דיר איז גלייכער, ווייסט דו, און וואָס פאַר מיר איז גלייכער, ווייס איך!... און מיר דאַכט זיך, אַז פאַר מיר איז גאָר ניט גלייך, איך זאָל אויף דער עלטער דאַרפען וואוינען ביי מיין קינד, כל-זמן קיינער נויט מיך נאָך נישט אַזאַ נאַרישקייט צו טהון.

פאַרוואָס, שוועהר?—פרעגט דער איידים מיט אַ מינע פון אַ בעליידיגטען—האָב איך איך חלילה ווען פוגע בכבוד געוועזען? אָדער צי זענט איהר מיר נישט אַ ליעבער גאַסט, ווען איהר קומט אַריין צו מיר מיט איציקלען ציצית בענשען און קריאת-שמע לייענען?

איך קאָן מיר אויף דיר נישט בעקלאָגען, מיין זוהן,— דערקלערט פאַליק—אמת, דו האָסט ביז איצט מיין כבוד נישט אָנגעריהרט, אָבער ווייסטו, וואָס איך האָב מורא?

—וואָס?

—איך האָב מורא, אַז דאָס איז נאָך אַלץ איצט אַזוי, כּל-זמן איך האָב נאָך מיין אייגענע היים, און וויל איך, קום איך צו דיר אַריין, וויל איך נישט—קום איך נישט. גאָר אַנ-דערש, מיין קינד, קאָן ווערען און מוז ווערען, ווען איך וועל שוין מיין אייגענע היים נישט האָבען, און וועל שוין מוזען זיצען נאָר ביי דיר... קינדער ביי עלטערן ווערען קיינמאָל נישט מיאוס און איבערדריסיג; עלטערן אָבער ביי זייערע קינדער ווערען צו לאַסט און איבערדריסיג, בפרט ווען זיי מוזען נאָך צו זייער לאַסקע אָנקומען.

—אָבער איהר וועט דאָך האָבען אייערע עטליכע רובל, שוועהר, און איהר וועט אַלעמאָל די ברירה האָבען! האָט דער אײדים איינגעוויזען—וועט איך גוט זיין ביי מיר, וועט איהר וואוינען ביי מיר, וועט איך ביי מיר אונאַנגענעהם זיין, וועט איהר זיך דינגען אַ דירה ביי איין אַנדערן. איך פער-בינד אייך דאָך נישט מיט אַ קאָנטראַקט!

—אָבער זאָג אַליין, רופט זיך פאַליק אָב—צו וואָס לוינט מיר די פּראָבע צו מאַכען, און צו וואָס לוינט דיר צו אַזאַ נסיון זיך צו שטעלען?

—עס לוינט אייך, ענטפערט דער אײדים—וויל אַזוי וועט איהר פון דער דאגה פּטור ווערען וועגען אַ דאַך אויף אייער אַלטער חורבה.—און עס לוינט מיר, וויל אַז איהר מיט דער שוויגער וועלען דאָ ביי אונז וואוינען, וועט טויבע-לע מיר קאָנען צוהעלפען אין קראָם; איצט איז זי, פון בע-גינען ביז שפּעט אין דער נאַכט. צו די קינדער צוגעבונדען, און אין קראָם צוטראָגט מען מיר די ביינער. וואָס ווייסט איהר, שוועהר, ווי איך געה אַיין צוליעב דעם, וואָס איך האָב נישט קיין אייגענעם מענש אין קראָם, וואָס זאָל מיט אַ געטריי אויג אַכטונג געבען אַמאָל אויף אַ קונה, און אַמאָל אויף אַ פּריקאַזטשיק אפילו!

פאַליק האָט זיך אַ רגע פערטראַכט; דעם אײדים'ס האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע רייד האָבען אויפ'ן שוועהר אַ איינדרוק געמאַכט.

— אָבער דאָס אַלץ, מיין זוהן, איז כּלל נישט נוגע צו דער אַדרעסע, — האָט פאַליק נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטען זיך ווידער צום איידים געווענדט—.און קוים האַלטסט דו מיר אַיין דעם אַדרעס פאַר אַ משכּון, איז דאָך אַ סימן, אַז דו גלויבסט מיר נישט; פאַרוואָס-זשע ווילסט דו, אַז איך זאָל דיר נאָך מעהר גלויבען?

דער איידים האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און האָט באַלד די אַדרעסע אויפגעשריבען.

נור דערמיט האָט זיך נאָך נישט געענדיגט. אויף מאָר-גען איז טויבעלע, פאַליקס טאָכטער, געקומען, געטענה׳ט און געוויינט פאַר דער מאַמען, ווי שווער איהר איז אָהן דער מאַמען אויסצוקומען, און דעריבער פערלאַנגט זי, אַז די מאַמע זאָל אויך העלפען צוריידען דעם טאַטען, ער זאָל דאָס הויז פערקויפען און וואוינען אינאיינעם, וועט בעסער זיין פאַר איהר געשעפט, פאַר איהרע קליינע קינדער און טאַקע פאַר דער מאַמען און פאַר דעם טאַטען אויך.

מאַטלען האָט זיך שוין אַפילו אויפ׳ן שכל געלעגט, אַז טויבעלע איז טאַקע גערעכט, חאָטש אויף קיין גרויס נחת צו וואוינען ביי קינדער האָט זי זיך נישט גערעכט. נור וואָס טהוט אַ מאַמע נישט צוליעב אַ קינד? האָט זי זיך בערעכענט.

און אַז מען וויל זאָגען, וואָס האָט זי פאַר וואָס מורא צו האָבען? וועט דאָס קינד וויסען, וואָס פאַר אַ קרבן טאַטע און מאַמע האָבען צוליעב איהם געבראַכט, וועלען טאַטע-מאַמע איהם מוחל זיין, טאָמער וועט זיי אפילו נישט אַזוי גוט זיין ביים קינד צו וואוינען, ווי אַ בעל-הבית׳טע צו זיין ביי זיך אין אייגענעם הויז: אלא וועט דאָס קינד טאַטע און מאַמעס גוטס באַלד פערגעסען, און וועט זיך אַיינריידען, אַז זיי זעגען ביי איהם אויף לאַסקאַווען ברויט, וועלען טאַטע און מאַמע אַ ברירה האָבען צו זאָגען: „קינדערלעך, טהוט אונז קיין טובות נישט, לעבט אַייך צופרידען און גליקליך. ווי איהר ווינשט זיך אַליין, מיר קאָנען אונזער וועלטעל בעשטעהן אָהן אייער לאַסקע!“ —

אַז מאַטלע האָט דעם חשבון פאַליק׳ן קלאָר געמאַכט, האָט פאַליק איהר געענטפערט:

— איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז דאָס, וואָס די וועלט זאָגט: „לאַנגע האָהר, קורצער שכל״, מיינט מען דאָס מיין מאַטלען אויך אַזוי גוט ווי אַנדערע ווייבער; איצט זעה איך, אַז קיין אמת׳ע קלוגע אשה איז טאַקי גאָר אויף דער וועלט נישטאָ... נאַרישע מאַטלע, וואָס פערשטעהסט דו דאָ נישט, אַז נישט די הגדה, נור די קניידלעך מיינט דער גע-טרייער איידים?—נישט מיך, נישט דיך אַפילו פאַר אַ אומזיסטע דינסט ביי איהם אין שטוב, איז זיין כונה. מיינען מיינט ער די עטליכע רובל, וואָס איך וועל אָבנעהמען, אַז איך וועל דאָס הויז פערקויפען. פערשטעהסט דו, ביי וואָס עס האַלט?

— וואָס איז די ראיה?

— אַ ראיה ווילסט דו? אָט האָסט דו אַ סימן. איך וועל איהם זאָגען: „הער צו, מיין זוהן, וויבאַלד דיר געהט אינ-גאַנצען, אַז טויבעלע זאָל דיר קאָנען צוהעלפען אין קראָם, טאָ וואָס דאַרפסט דו, איך זאָל דאָס הויז פערקויפען? קלויב זיך צוריק אַריין צו מיר אין שטוב, וועל איך מיט דער שווי-גער קאָנען אַכטונג געבען אויף די קינדער, זאָלען געזונד זיין, און טויבעלע וועט קאָנען דיר אין קראָם צוהעלפען״. וועסט דו שוין זעהן, מאַטלע, וואָס פאַר אַ קרים ער וועט זיך טהון!

— אָבער עס איז איהם צו ווייט פון קראָם, פרובט זיך מאַטלע פאַר איהר איידים אַ תרוץ זאָגען.

— צו ווייט, איז אַ תרוץ, מאַטלע! זאָלען מיינע שונאים אַזוי דאַרפען לעבען אויף דער וועלט, ווי ער האָט גאָר בע-דאַרפט זיך אַרויסקלויבען פון אונז, און נעהמען אויף זיך אַזאַ הוצאה מיט דירה-געלד...

און פאַליק האָט די פראָבע געמאַכט: געזאָגט דעם איידים, אַז ער האָט קיין אַנדער עצה נישט פאַר איהם, נור זיך צוריק אַריינצוקלויבען צו איהם אין שטוב, כדי טויבעלע זאָל נישט צוגעבונדען זיין צו די קינדער. דער איידים האָט געפּרובט דרעהען מיט דער צונג. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז

עס איז ווי בוימאייל אויפ׳ן וואַסער אַרויף, אַז מיינען מיינט ער נאָר די עטליכע רובל, וואָס דער שווער וועט אָבנעהמען פאַר דאָס הויז, און צוליעב די עטליכע רובל וויל ער איהם האַלטען מיט דער שוויגער ביי זיך.

און אַז דער איידים האָט די גאַנצע בושה אָבגעטהון, האָט ער אויך דעם שוועהר אַ פּאָר שפּילקעס אַריינגעשטאָכען, דער־מאָהנט, אַז ער, דער איידים, איז אַ בעל־הבתיש קינד, און דער שוועהר איז נור אַ חייט, און מעג ער האָבען זיבען היי־זער אַפילו, בלייבט חייט אַלץ חייט, און נישט קיין בעל־הבית.

קומענדיג פון זיין איידים אַהיים, האָט פאַליק צום הויז געזאָגט:

— הערסט דו, ברודער, אַז אַ וועלט זאָגט אַ ווערטעל: „איידים שדים״, — איז עס טאַקע צו דרוקען! מקנא בין איך דיר, וואָס דו ביזט אַ הויז, און וואָס דו האָסט נישט קיין טאָכטער, און נישט קיין איידים צוליעב איהר!...

---

# IV.

דאָס קליינע שטיבעל געגען פאַליק׳ס פענסטער, וואָס שעיה מיהלנער זאָל האָבען אָבגעקויפט, ווי פאַליק האָט דער־מאָהנט אין ברִיעף צו זיינע קינדער, האָט איהם, פאַליק׳ן, טאַקע דאָס לעבען פערזאומערט.

אַמאָל האָט דאָס הייזעל געהערט צו אַ רייכען בעל־הבית, וועלכער איז שוין לאַנג געשטאָרבען און האָט דאָס הייזעל אַ פער׳יתומ׳ט געלאָזען פאַר זיינע קליינע יורשים. עס האָבען נאָך געוואוינט, נאָך יענעמס טויט, אַ פּאָר שכנים, וועלכע האָבען אָהן אַ בעל־הבית וואָס זאָל אַכטונג געבען, דאָס הייזעל אינ־גאַנצען חרוב געמאַכט. איצט שטעהט עס שוין, צייט צוויי יאָהר ליידיג און פערלאָזען, די פענסטער־ראַמען אַרויסגעריסען, די לעכער, וואָס זענען אַמאָל פענסטער געוועזען, מיט

ברעטער פערשלאָגען, דער פאַרקען—צובראָכען, און ווער עס האָט גאָט אין האַרצען, דער רייסט און צופט פונ׳ם הייזעל וואָס נור ער קאָן. בייטאָג האַלטען זיך דאָ אויף די שטאָרטיגע ציגען, וואָס האָבען די טשערעדע אין פעלד פערשפעטיגט, און ביינאַכט איז עס אַ מקום מנוחה געוואָרען פאַר אַלערליי שכורים און גנבים, וואָס האָבען קיין אַנדער היים, נישט וואו איבערצונעכטיגען.

אין שטאָדט רעדט מען, אַז אין דעם הייזעל האָבען זיך שדים און רוחות אַריינגעקליבען, און מען האָט מורא ביינאַכט פאַרבייצוגעהן. נור נישט דאָס אַרט פאַליק׳ן. דאָס הייזעל ברענגט איהם צו אומעטיגע געדאַנקען: ער זעהט אין דעם אַ משל, אַ מוסר זיך אַראָבצונעהמען פאַר זיין אייגען הויז, חלילה, ווען ער, פאַליק, וועט אַ אויג צומאַכען. און עס דאַכט זיך איהם אָפט, אַז די אַלע נייע הייזער, די פערשייטע יונגע לייט אויף זייערע שטיינערנע פונדאַמענטען אין דער גאַס, קוקען און ווינקען צו דעם אָרימען פערלאָזענעם שכן מיט גאוה און חוצפה, אַזוי ווי עס קוקען די לעבעדיגע יונגע-לייטלעך אויף אַ אַלטען פערלאָזענעם אָרימאַן, וועלכער האָט שוין קיין כח נישט אויף זיינע אייגענע פיס זיך צו האַלטען.

נור זיין הויז אַליין, דאַכט זיך פאַליק׳ן, קוקט מיט רחמנות אויף דעם קראַנקען פער׳יתומ׳טען שכן פון אַנטקעגען.

אַז ער, פאַליק, געדענקט נאָך, ווי דאָ אין די אַרויס-געריסענע פענסטער האָט אַמאָל די זון אַזוי שען געשיינט ווי אין אַנדערע פענסטער, איז זיין הויז אויך מחויב עס צו גע-דענקען. יענע נייע הייזער — דאָס זענען יונגע שקצים, נו, איז היינט זייער וועלט!..

„וואַרט ברידער,—רעדט ער צו זיי אַמאָל אין זיינע געדאַנקען — עס וועט קומען אויך אויף אַייך אַ צייט, און איהר וועט נאָך אַמאָל אפשר נישט רייכער און נישט יונגער אויס-זעהען ווי דאָס הייזעל זעהט איצט אויס קליגער זייט בעסער, יונגע לייטלעך, און נעהמט זיך אַראָב אַ מוסר פון איהם, אָט פון דער חורבה!"

און מיט אונגעדולד ווארט פאַליק, אַז שעיה מילנער זאָל שוין דעם עלענדען זקן זיין רעכט אָבטהון, און זיך נעהמען דאָ אויסבויען אַ הויז אַ פּאַלאַץ, וואָס זאָל זיין אַ נחת פאַר דאָס אויג צו זעהן.

חאָטש פאַליק האָט זיין אייגען הויז אַליין נישט געבויט,— ער האָט עס אַ פאַרטיגעס געקויפט האַלט ער זיך פונדעסט-וועגען פאַר אַ מבין אויף אַ הויז.

אַז מען איז שוין באַלד פערציג יאָהר אַ בעל-הבית אויף אַ אייגען הויז, זאָגט ער, ווערט מען ממילא אַ מבין אויף הייזער!"—

און ליעב האָט ער אַ פיינעם בנין פון אייביג אָן. ער פערגינט זיך אַמאָל צו שעהנע עטליכע מינוטען אָבשטעהן, מיט פערגניגען צו קוקען אויף ערגיץ אַ שעהנעם בנין, וואָס ווארפט זיך איהם אין אויג.

„און וואָלט נור שעיה פעמפּיק מיך פרעגען, טראַכט זיך פאַליק, וואָלט איך איהם שוין ווייזען, ווי אויסצובויען אַ הויז, וואָס זאָל זיין טאַקע אַ צירונג פאַר דער גאַנצער גאַס!"

און ממון קרח, אויף צו בויען, האָט שעיה, און דער פּלאַץ איז גרויס געגוג און מען קאָן טאַקע עפּיס וואָס רעכטס און וואָס שעהנס דאָ אויסבויען.

נאָר שעיה האָט צייט, נישט ער פרעגט ביי פאַליק'ן און נישט ער שטעלט זיך אַליין בויען.

— ווען איך האָב אַ צעהנט-חלק פון שעיה'ס געלד, האָט פאַליק אַמאָל צו זיין מאַטלען געזאָגט,—מיינסט דו אפשר, איך וואָלט זיך שטעלען דאָ בויען אַ הויז אַנטקעגען?

— וואָס דען וואָלסט דו טהון? פרעגט זי.

— איך וואָלט ערשטענס אונזער הויז אָבפרישען, אונטער-מויערן, אויסגלייכען, נייע פענסטער מאַכען און צודעקען מיט אַ בלעכענעם דאַך. און אונזער הויז וואָלט נאָך אַלע נייע הייזער אויסלאַכען און זיי אַריבערלעבען. אויף דעם פּלאַץ פון אַנטקעגען וואָלט איך אין פראָנט זעצען שעהנע בוימער. מאַכען אַ גערטעל מיט שעהנע בלומען, אַ נחת פאַר'ן אויג! הינטען, זעהסט דו, וואָלט איך אָנבויען פּיתום און רעמסס.

— חלומות! — ענטפערט מאַטלע — וואָלט איך, העט

איך!... טהו בעסער דיין אַרבייט, און זאָל דיר דער קאָפּ נישט וועה טהון פאַר שעיה'ן!

נור אין איין פריהמאָרגען, שבועות-צייט, האָט פאַליק דורך זיין פענסטער דערזעהן, אַז אַרבייטער זענען אויפ'ן דאַך אַרויפגעקראָכען פון דער אַנטקעגענדיגער חורבה, און האָבען אָנגעהויבען דאָס הייזעל אײַנצולעגען.

— מאַטלע, האָט פאַליק מיט פרייד אַ געשריי געטהון — דו זעהסט, אַז מען לעבט, דערלעבט מען זיך! מען רייסט דאָך שוין אַראָב דעם דאַך פון שטיבעל!

— טאָ וואָס איז מיט דיר אַזוי גרויס די שמחה? פרעגט מאַטלע.

— דו ביזט אַ יודינע, האָסט אין דעם קיין ידיעה נישט!

— זיץ און נייה, עס איז ערב יום-טוב, און דו ביזט מיט אַרבייט פערוואָרפען! — האָט מאַטלע אויף איהם זיך אָנגעבייזערט.

און עס פערדריסט פאַליק'ן, פאַר וואָס נעהמט זיך שעיה צו בויען דוקא ערב יום-טוב, ווען ער, פאַליק, האָט נישט קיין צייט דערבּיי צו זיין. עס איז איהם אפילו שווער אין שטוב ביים וואַרשטאַט אײַנצוזיצען, נור מען דאַרף די אַרבייט אויף יום-טוב ענדיגען — אַ יוד נייהט זיך אַ בגד נור לכבוד יום-טוב.

און פאַליק נייהט, און דאָס האַרץ איז אויף דער גאַס, דאָרט וואו מען צולעגט דאָס שטיבעל.

ערשט פאַר נאַכט, איידער מען צינדט אָן אַ לאָמפּ ביי אַ בעל-מלאכה, האָט פאַליק אַרויפגעוואָרפען אויף זיך זיין ראָק און איז אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טהון — וואו האַלט מען?

דאָס הייזעל איז שוין אינגאַנצען צונומען געוועזען, און זיינע ביינער, די ברעטער און אַלטע באַלקעס, אין אַ קופּע אָנגעוואָרפען דערביי.

קינדער גראָבען אין די פוילע באַלקעס און קלויבען צונויף דאָס געלע פּולווער — אַ נויטיג מיטעל פאַר מאַמעס, וואָס האָבען זויגעדיגע קינדער. אַנדערע — ציהען אַרויס די פערראָסטעטע צוועקעס פון די פוילע ברעטער. די צוועקעס

לאָזען זיך נישט שטאַרק בעטען, און די קונדסים דאַרפען זיך גאָר נישט פיעל אָנשטרענגען, זיי מיט די דינגע פינגערלעך צו בעקומען.

— וואָס קינדער קאָנען, רעדט פאַליק צו זיך — וואָס טויג זיי די צוועקעס? נור פאַר קינדער איז דאָס אויך אַ עסק, אַבי נישט ליידיג צו שטעהן!

פאַליק בעקוקט די אַלטע ברעטער און געהילץ, און ער טראַכט: „ווען שעיה זאָל מיר וועלען אָבלאָזען דאָס ביסעל געהילץ פאַר עטליכע רובל, בין איך אַ האַלבער אַ געהאָלפענער מיט מיין דאַך. פון אַזאַ באַרג געהילץ ווי איז שייך נישט אויסקלויבען עטליכע נאָך נישקשה'דיגע ברעטער האָטש צו פערריכטען מיין דאַך? אַפילו די באַלקעס קענען מיר אויך צוניץ קומען, מיין פאַרקאַן אונטערצושפאַרען. פאַר אָנמוטען קומט דאָך קיין פאַטש נישט. איך וועל מיך פרובען שעיה'ן אַ פרעג טהון, וואָס האָב איך פאַר איהם מורא?"

און באַלד דערזעהט ער טאַקע שעיה'ן אַליין, און פאַליק געהט צו צו איהם און זאָגט:

— גאָט העלף, ר' שעיה! בעשערט אייך, אַפנים, מיך פאַר אַ נאָהענטען שכן צו האָבען.

שעיה טהוט אַ ליעבען שמייכעל, אַזוי ווי עס פרעהט איהם מיט פאַליק'ן פאַר אַ שכן צו האָבען.

— וואָס קוקט איהר אַזוי אויף דאָס אַלטע געהילץ, ר' פאַליק? פרעגט שעיה.

— פערקויפט עס מיר, ר' שעיה, רעדט פאַליק אַרויס אַזוי ווי בעטענדיג.

— אויף וואָס דאַרפט איהר דאָס געהילץ?—פרעגט שעיה.

— ווייס איך? וואָס עס וועט זיך לאָזען אויסקלויבען, וועל איך פאַר מיין הויז פערניצען, ענטפערט פאַליק, — אַ ביסעל מיין דאַך פערריכטען, אַ ביסעל מיין פאַרקאַן אונטערשפאַרען. — איהר פרעגט, אויף וואָס אַ בעל-הבית דאַרף אַ ביסעל געהילץ?

— הערט נור ר' פאַליק, רופט זיך אָב שעיה עפּעס מיט

אַ מינע פון פריינדשאַפט — איהר וועט מיר גלויבען, וואָס איך וועל אייך זאָגען?

— פאַר וואָס נישט?

— טאָ הערט-זשע, וואָס איך זאָג אייך: מיר איז אַ שאָד יעדער גראָשען, וואָס איהר ווילט זיך נאָך לאָזען קאָסטען אויף אייער הויז.

— מיר איז אָבער אַ גרעסערער שאָדען, ענטפערט פאַליק, וואָס דאָס הויז מיינס וועדט מיר פון יאָהר צו יאָהר אָבגעלאָזענער... מיינט איהר, איך ווייס נישט, אַז מיין הויז פערלאַנגט אַ גרויסע אָפּעראַציע? הלואי האָב איך די פּאָר מאות קערבליך, ווי איך וועל עס נאָך מאַכען, עס זאָל צוריק אַ הויז ווערען מיט לייטען גלייך!

— איהר האָט אַ טעות, ר' פאַליק, אויף אַלטע פּלייצעס און אויף אַ אויסגעבויגענעם צובראָכענעם גוף קען מען קיין יונגען קאָפּ נישט אַרויפזעצען!... רעדט זיך גאָר נישט איין! און איך זאָג אייך, אַז יעדען רובל, וואָס איהר וועט אויסגעבען צוליעב דעם הויז, ווארפט איהר גלייך ווי אין בלאָטע אַריין.

פאַליק האָט אויף שעיה'ן אַ פּאָר אויגען אויסגעשטעלט.

— איהר האָט פּאַראיבעל, וואָס איך זאָג אייך דעם אמת? פרעגט שעיה,—אַלט, קראַנק און אויסגעקרימט איז אייער הויז, אָט איז אייך דער אמת אינגאַנצען.

— און וואָס בין איך? ענטפערט פאַליק. — נישט אַלט, נישט קראַנק און נישט אויסגעבויגען? צוזאַמען, ר' שעיה, זענען מיר, איך מיט'ן הויז, מיין איך, יונג געוועזען, צוזאַמען זענען מיר ביידע אַלט געוואָרען... איך וויל נאָך דער-האַלטען די נשמה אין מיר און לעבען; פאַר וואָס זאָל איך נישט וועלען, אַז אויך דאָס הויז זאָל נאָך לעבען?

— און אַז איהר וואָלט מיר פאָלגען, וואָלט איך אייך ראַטען, מיר דאָס הויז מיט'ן פּלאַץ צו פערקויפען, נעהמען די עטליכע רובל, זיי אַוועקלעגען אין זיכערע הענד אויף אַ קליינעם פּראָצענט, און האָבען צושטייער אויף דירה-געלד און פּטור ווערען פון דער דאגה וועגען אַ דאַך, וואָס רינט, וועגען

אַ וואַנד וואָס קרימט זיך, און וועגען אַ פּאַרקען וואָס וויל זיך לעגען.

— ר׳ שעיה, ענטפערט פאַליק קורץ און שטאָלץ — איך וויל ביי אייך קויפען דאָס ביסעל געהילץ; ווילט איהר, פער־קויפט עס מיר; וועגען מיין הויז צו טראַכטען, — איז מיין עסק... און עובר בטל בין איך נאָך נישט, איך ווייס נאָך וואָס מיר טויג און וואָס נישט.

— ווייסט איהר וואָס, ר׳ פאַליק? זאָגט שעיה, איך האָב פאַר אייך איין אַנדער מסחר. וועגען אייער הויז וועלען מיר נאָך ריידען. איהר וועט נאָך קליגער ווערען און בעסער ווע־רען. דערווייל, זאָגט איהר, איהר ווילט קויפען ביי מיר דאָס ביסעל אַלט געהילץ? גוט!—איך לאָז אייך אָב דאָס גע־הילץ, און דוקא נישט פאַר מזומן: נעהמט איהר דאָס געהילץ, און גיט מיר אייער הויף, מיינע ציגעל אָבצושטעלען, ביז דאָס הויז, וואָס איך שטעל זיך דאָ בויען, וועט פאַרטיג ווערען.

אין גוטען מוטה, וואָלט פאַליק צופרידען געוועזען פון דעם מסחר, וואָס שעיה לעגט איהם דאָ פאָר, דער הויף זיינער איז געננוג גרויס, און וואָס קאָנען איהם שעיה׳ס ציגעל שאַדען? נור אין דער רגע איז פאַליק אויפגעבראַכט געוואָרען אויף שעיה׳ן, וואָס ער קאָט גאָר אַ האַרץ געהאַט איהם צו זאָ־גען: „פערקויפט מיר אייער הויז״. איהם פאַליק׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז נור אַ תירוץ, ער מיינט נישט די צי־געל אָבשטעלען, נור טאַקע דעם הויף מיט׳ן הויז, און מען טאָר איהם קיין דריסת הרגל נישט צולאָזען.

— אַ דאַנק פאַר אייער גוט האַרץ! האָט פאַליק געענט־פערט — איך דאַרף מיין הויף פאַר זיך, פאַר די שכנים מיינע. אייער געהילץ ברויך איך שוין נישט. אַ נאַרישקייט געוועזען, וואָס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַ רגע, אַז עס טויג נאָך אויף עפּיס. אַ גוטען אָוועגד!

— דעם ערשטען מאָל זעה איך אין מיין לעבען, אַז אַ אָרימאַן זאָל ביי זיך אַזוי גרויס זיין! רעדט שעיה אַרויס מיט כעס, און וויל נאָך פאַליק׳ן נישט אָבלאָזען. נור פאַליק רייסט

זיך אַרויס און וויל שוין אפילו נישט קוקען אויף שעיה׳ן.

— ר׳ פאַליק, שרייט איהם שעיה נאָך — הערט, וואָס איך זאָג אייך, — אַ אָרימאַן, ער מעג זיך אפילו זיין אַ שטיקעל בעל-הבית, טאָר ער אַזאַ בעל-גאוה נישט זיין, ווי איהר זענט!

— ר׳ שעיה, ענטפערט פאַליק צוריק — הערט, וואָס איך זאָג אייך: אַ נגיד טאָר נישט וועלען די גאַנצע וועלט איינשלינגען!

און מיט די ווערטער איז פאַליק צוריק אין שטוב אַריין, מעריב אָבדאַווענען, וועטשערע אָבזופען, און זיך נעהמען צוריק צו דער מלאכה. עס איז ערב יום-טוב, די צייט איז קורץ און טייער.

V.

אין שטוב האָט פאַליק די הענד געוואַשען און זיך גע-שטעלט דאַווענען מעריב. נור שעיה לאָזט איהם נישט דאַווענען: עס דאַכט זיך פאַליק׳ן, אַז ער דאַווענט גאָר נישט, נור ער קריגט זיך מיט שעיה׳ן. שעיה זאָגט איהם: „איהר וועט נאָך קליגער ווערען און בעסער ווערען!” און ער, פאַליק, ענט-פערט איהם: „איך וויל נישט קליגער ווערען, און איך וויל נישט בעסער ווערען!” — „אַז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהן”... זאָגט שעיה, און פאַליק ענטפערט: „נישט דערלעבען זאָלט איהר עס!”

אַז ער האָט צו „עלינו” אַ שפיי געטהון, האָט ער דאָס-מאָל געטראַכט: „איך שפיי אויף אייך, ר׳ שעיה, איך לאַך פון אייערע יאָהרען... אַז איך וויל נישט, וויל איך נישט, און טהוט מיר עפּיס!”

די וועטשערע האָט איהם אויך נישט געשמעקט. ער האָט אַ זופּ געטהון אַ פּאָר לעפעל און באַלד דעם טעלער פון זיך אָבגעשטויסען.

— וואָס עסט דו נישט? פרעגט מאַטלע.

— גאָר קיין טעם האָט עס נישט! ענטפערט פאַליק — צי זאָלץ, צי ווייס איך וואָס דאָ פעהלט אין דער וועטשערע?

— עס פעהלט דיר אַפּעטיט, און ווייטער גאָר נישט! בעמערקט מאַטלע — איך וועל אַוועקשטעלען וואַרים אויף שפּע-טער, וועסט זיך נאָך אויסהונגערן, ביז דו וועסט זיך שלאָפען לעגען. דו וועסט דאָך היינט מסתּמא שפּעט זיצען?

פאַליק האָט איהר נישט געענטפערט, און זיך גענומען ווידער צו זיין אַרבייט.

מיט'ן נייהען האָט ער געמיינט, די ביטערע געדאַנקען צו פערטרייבען, נור עפּיס פלאָנטערט זיך איהם דער פאָדים, עס העלפט נישט דאָס אָנוואַקסען, און די נאָדעל איז אויך אַ פּאָר מאָל גאָר פון וועג אַראָב.

— וואָס האָט דאָס צו דיר? רעדט ער צו דער נאָדעל — זיי דו מיר נור געטריי, לאָך איך פון שעיה'ס באָבען!

זעהסט דו, ווען איך וועל שוין חלילה מיט דיר נישט קאָנען קאָמאַנדעווען, זאָל די שעה נישט זיין, דעמאָלט וועט זיין ביטער...

עס ווייזט אויס, די נאָדעל האָט איהר מייסטער פער-שטאַנען און צוגעזאָגט געטריי צו זיין. פאַליק האָט זיך פער-טיעפט אין נייהען, און האָט אָן שעיה'ן פערגעסען.

— וועסט אפשר איצט עסען? פרעגט מאַטלע אין אַ פּאָר שעה שפּעטער, איידער זי געהט זיך שלאָפען לעגען.

— גיב אַהער, דאָס האַרץ חלשט מיר טאַקי, ענטפערט פאַליק.

ער זעצט זיך באַלד עסען און עסט מיט אַפּעטיט.

— פריהער האָט עפּיס גאָר קיין טעם נישט געהאַט, און איצט איז אַ מאכל-מלך! בעמערקט פאַליק און וואונדערט זיך אַליין, פאַר וואָס שמעקט איהם די אייגענע וועטשערע איצט מעהר ווי פריהער.

— אַז די מויז איז זאַט, איז דאָס מעהל ביטער! בע-מערקט מאַטלע.

— זאַט, זאָגסט דו? איך האָב דען פון וואַרימעס אָן אין מיין מויל געהאַט?

— וואָס דען האָסט דו פריהער נישט געקאָנט עסען?
— דאָס האַרץ איז מיר אויף אַ אָרט נישט געוועזען.
ענטפערט פאַליק — די גאַל האָט ער אין מיר איבערגעקאָכט, דער גראָבער פעמפיק.
— וועמען מיינסט דו? פרעגט מאַטלע.
— שעיה מיהלנער, מיין איך! — אָנגעשטאָפּט ממון קרח, און די גאַנצע וועלט וואָלט ער אַיינגעשלונגען אין זיין גראָבען בויך אַריין!
— וואָס האָט ער צו דיר געהאַט? וואָס פאַר עסקים האָסט דו צו שעיה מיהלנער? וואונדערט זיך מאַטלע, וואָס ווייסט נאָך פון גאָר נישט.
— איך זאָג דיר דאָך, אַז די וועלט איז איהם וועניג! ענטפערט פאַליק — אונזער הויז איז איהם צו גרויס אין די אויגען. אָבער נישט כדאי גאָר איצט איבערצוריידען וועגען דעם פאַר'ן שלאָף, עס זאָל זיך נישט חלום'ן.
— ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען, מאַטלע? בעט מיר בעסער אויס דאָס בעט, איך פיהל מיך עפּיס אַזוי מיעד און שלעפעריג, ווי איך וואָלט שוין צעהן נעכט נישט האָבען געשלאָפען. איך רעכען, בעסער פריהער אויפשטעהן און זיך וועצען נייהען, ווען דו וועסט נאָך שלאָפען.
מאַטלע האָט באַלד דאָס בעט אויסגעבעט. פאַליק האָט נאָך אָבגעבענשט, גענומען זיך אויסטהון און לייענען קריאת-שמע, נור איידער ער האָט נאָך די קריאת-שמע געענדיגט, איז ער שוין אַנטשלאָפען געוואָרען.
און ווי דאָס האַרץ וואָלט איהם געזאָגט! שעיה מיהל-נער איז איהם טאַקי צו חלום געקומען.
און עס חלומ'ט זיך פאַליק'ן טאַקי, אַז ער זיצט ביי זיין וואַרשטאַט און נייהט, און עס פלאָנטערט זיך איהם דער פאָ-דים. ער מאַטערט זיך אויספלאָנטערן, אָט איז שוין גאָר אויסגעפלאָנטערט, נור ווי ער טהוט אַ ציה די נאָדעל, האַלט! אַ קניפּעל אין מיטען פאָדים. ער רייסט איבער דעם פאָדים און נייהט ווייטער, נור אָט טהוט ער אַ ציה, און דער גאַנצער

נאָהט ציהט זיך אַרויס. פּלוצלונג עפענט זיך די טהיר, און שעיה מיהלנער קומט אַריין מיט זיין גראָבען בויך, און עפּיס פרעהליך איז שעיה'ס פּנים, אָנגעגאָסען מיט חלב.

„גוטען אָוועגד, ר' פאַליק! דאַכט איהם, זאָגט שעיה— איך בין געקומען, איהר זאָלט מיר אַ מאָס אַראָבנעהמען אויף אַ ראָק מיט אַ פּאָר הויזען און פאַרטיג מאַכען אויף שבועות".— „נאָך איין וואָך צו שבועות, און ווען וועל איך עס אוספיי-ען"? פרעגט פאַליק.—„איהר האָט אַ טעות. עס איז נאָך צוויי וואָכען! זאָגט שעיה — אָט האָט איהר דעם לוח, טהוט אַ קוק, וועט איהר זעהן, אַז איך בין גערעכט".

און עס דאַכט זיך פאַליק'ן, ער זעהט אין לוח, און טאַקע נאָך צוויי גאַנצע וואָכען נאָך צו שבועות.

„פאַרוואָס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז עס איז שוין נישט מעהר ווי איין וואָך?" פרעגט ער.

— „דאָס האָט זיך אייך אויסגעדאַכט אַזוי אין חלום, אויפ'ן וואָהר אָבער איז צוויי וואָכען, און איהר וועט נאָך צייט האָבען מיר מיין ראָק און הויזען אויפצונייהען ביז שבועות", ענטפערט שעיה אין חלום, און שטעלט זיך אַוועק, פערשפיליעט זיין ראָק, איהם אַ מאָס אַראָבצונעהמען.

און עס דאַכט זיך פאַליק'ן, ער זעהט ווי שעיה'ס ראָק וויל זיך נישט צונויפגעהן.

„אַ פאַרטאַטש אַ שניידער האָט אייך דאָס מלבוש גע-נייהט! דאַכט זיך פאַליק'ן, אַז ער זאָגט צו שעיה'ן — איך וועל אייך אַ ראָק אויפנייהען, ער וועט זיין טאַקע אַ האָרעלע ברייטער, אָבער עס זאָל פערגעהן אַ פאָלע איבער אַ פאָלע מעהר ווי אַ האַלב אַרשין ווייט."

„בעריהמט זיך נישט, ר' פאַליק! ענטפערט איהם שעיה— אַ אָרעמער שניידער טאָר קיין בעל-גאוה נישט זיין! ביי מיר איז דער בויך צוגעוואַקסען, און יענער שניידער איז גאָר נישט שולדיג".

און עס דאַכט זיך פאַליק'ן, אַז עפּיס איז ער נישט צו-פרידען מיט שעיה'ן, און ער ענטפערט איהם: „אַז אייך

געפעלט יענער שניידער, וואָס האָט דעם ראָק אויפגעצייהט, האָטש ער איז שמאָל און קורץ אויף אייך, טאָ געהט אייך געזונדערהייד צו יענעם! איך וועל אייך מיין הויז נישט פער-קויפען ..."

ווי אַזוי איז איהם עפּיסאַ ייגגעפאַלען וועגען זיין הויז צו דערמאָהנען, איז איהם אין חלום קיין קשיא נישט.

„איך וויל גאָר נישט קויפען, ר' פאַליק, זאָגט איהם שעיה — וואונט אייך געזונדערהייד אין אייער הויז. די גרעסטע נאַרישקייט אין דער וועלט וועט איהר אָבטהון, אויב איהר וועט שעיה מיהלנער אייער הויז פערקויפען".

„און ווער זענט איהר?" פרעגט פאַליק פערוואונדערט— דאַכט זיך, ער האָט נור וואָס מיט שעיה'ן גערעדט.

„איהר דערקענט מיך נישט, שווער? איך בין דאָך אייער. איידים, אייער טויבעלעס מאַן, אייער אייניקעל איציקעלס טאַטע", דאַכט זיך פאַליק'ן, רעדט צו איהם דער איידים זיינער

„אָבער דער בויך, געוואַלד, דער בויך! שרייט פאַליק— דער בויך איז שעיה'ס... ווי קומט צו דיר שעיה'ס בויך?"

„עס איז שוין רעכט, נעהמט נור אַראָב אַ מאָס גיכער, ווארום דער בויך וואַקסט דערווייל."

און פאַליק נעהמט זיין סאַנטימעטער און וויל אַראָבנעה-מען אַ מאָס, נור דערווייל וואַקסט שעיה'ס בויך ווי אויף הייוועז, דער סאַנטימעטער איז צו קורץ, און ער קאָן איהם קיין מאָס נישט אַראָבנעהמען.

און שעיה—דאַכט פאַליק'ן—שטעהט שוין ביי'ם טויער און הייסט די גויים מיט די פוהרען ציגעל צו איהם אַרויפפיהרען.

פאַליק שפּרינגט פון שטוב אַרויס און וויל נישט לאָזען. נור אַ גאַנצע חברה יונגלעך רינגלען איהם אַרום און שיטען איהם אָן אַ פולען פנים מיט געלען האָלץ-פולווער, מיט פער-ראָסטעטע צוועקעס, און די גויים פיהרען אַרויף די פוהרען מיט די ציגעל אויפ'ן הויף.

„פערקויפט איז פערקויפט! שרייט שעיה—אייער איידים

איז אַ עדות, אַז איך האָב אייער הויז אָבגעקויפט! נאַט זעהט, שוואַרץ אויף ווייס."

און פאַליק זעהט אַ פּאַפּיר ביי שעיה'ן אין האַנד, און ער דערמאָהנט זיך, אַז דאַכט זיך, אמת, ער האָט איהם טאַקע פערקויפט.

ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, געדענקט ער נישט, נור דאָס האַרץ פּלאַצט איצט אין איהם פון חרטה.

„נאַט אייך אייער געלד צוריק, איך וויל נישט, איך קאָן נישט, איך טאָר אייך מיין הויז נישט פערקויפען!" שרייט ער. נור שעיה לאַכט זיך אויס.

„רעדט צו דער וואַנד! זאָגט ער, עס וועט אייך אייער שרייען און וויינען העלפען, ווי אַ טויטען באַנקעס. אָבגעקויפט איז אָבגעקויפט!"

„גזלן, רוצח איינער! וואָס האָט איהר צו מיר? — טענה'ט פאַליק אין חלום — איהר זענט געקומען צו מיר, איך זאָל אייך אַ מאָס אַראָבנעהמען, האָט איהר דערווייל מיין הויז, מיין לעבען צוגענומען!"

און שעיה נעהמט און געהט אַוועק. פאַליק לויפט איהם נאָך, נור שעיה געהט גיך, ער פליהט כמעט אין די לופטען.

און פאַליק'ן דאַכט, אַז זיינע פיס זענען שווער ביי איהם ווי בליי, קוים וואָס ער האָט נאָך כח אַ טריט צו שטעלען. דאָס האַרץ דריקט איהם, ער וויל שרייען, נור ער האָט דעם קול פערלאָרען. ענדליך דאַכט איהם, שטעהט ער שוין נעבען שעיה'ס מיהל. עס ליגען אָבגעלייגטע זעק מיט מעהל, און שעיה זאָגט:

„איהר מיינט אפשר, דאָ אין די זעק איז מעהל? טהוט אַ קוק און זעהט, אַז די זעק זענען פול מיט געלד, און דאָס גאַנצע געלד גיב איך אייך אַוועק פאַר אייער הויז."

„נעהמט, שוועהר, דאָס געלד, און לאָזט איהם זיך ווערגען מיט דער אַלטער חורבה אָהן אַ דאַך!" דאַכט איהם, שטעהט דאָ זיין איידים און ווינקט איהם, נור ער, פאַליק, ציטערק עפּיס אַקוק צו טהון און וויל נישט אָנריהרען זיך אפילו.

„פאַליק, קום אַהיים״, דאַכט זיך איהם, שרייט צו איהם מאַטלע.

„און דאָס הויז אונזערס שטעהט נאָך? שעיה האָט עס נאָך נישט צעוואָרפען?״ פרעגט ער מאַטלען, דאַכט זיך איהם.

„נאַר איינער, זאָגט זי איהם אין חלום — דאָס איז דאָך אינגאַנצען אַ חלום געוועזען! נישט דו האָסט פערקויפט, נישט שעיה האָט געקויפט. קום אַהיים, קוק נישט אויף שעיה׳ס געלד, דאָס איז קיין געלד נישט, נור אַ חלום!״

און עס דאַכט זיך פאַליק׳ן, אַז ער געהט צו צו שעיה׳ן און טהוט איהם אַ שפיי אין פנים און זאָגט: „איך שפיי אויף אייך! איך בין אַזוי רייך ווי איהר; אייער געלד איז אַ חלום, און מיין הויז איז אויפ׳ן וואָהר. קום, מאַטלע, אַהיים!״

און עס דאַכט זיך איהם, ער געהט מיט מאַטלען אַהיים. נור עפּעס בלאָנזשען זיי ביידע אין די גאַסען. גאָר נישט די גאַסען וואָס פריהער... און ער פערשטעהט נישט, פאַרוואָס קען ער אַהיים נישט צוקומען. און עס דאַכט זיך איהם, אַז בעגעגענט ער דעם בריעף-טרעגער, וועלכער דערלאַנגט איהם אַ בריעף. מאַטלע עפענט דעם קאָנווערט און געפינט אַ אָנוויי-זונג אויף הונדערט רובל: די קינדער האָבען געשיקט, אַ נייעם דאַך צו מאַכען.

„הערסט דו, מאַטלע, רעדט ער צו זיין ווייב נאָך אַלץ אין חלום — קינדער זאָל מען טאַקע האָבען! כדאי דער צער ארום זיי, איידער מען מאַכט זיי פאַר לייט... אויף דער על-טער האָט מען נחת פון זיי, חאָטש זיי זענען וויט, אַזש אין אַמעריקאַ. וואָס וואָלטען מיר איצט טהון אָהן אַ דאַך? קום, איך וויל שוין געהן אין ברעטער-סקלאַד אַריין און זיך זעהן מיט בעל-מלכות״.

„אומזיסט דיין פרייד, מיין מאַן, ענטפערט איהם מאַט-לע — אונזער הויז איז שוין פערקויפט! שעיה האָט עס שוין אַראָבגעוואָרפען, און מיר האָבען שוין אַפילו נישט, וואו אונ-זער אַלטען קאָפּ צו צושפאַר׳ען״...

„וואָס רעדסט דו, מאַטלע? גיט ער אַ געשריי, דאַכט

איהם, און ער הערט כמעט זיין אייגען קול נישט — דו זאָגסט דאָך, אַז דאָס אַלץ איז נור אַ חלום!"

„דאָס האָב איך דיר אָבגענאַרט, ענטפערט זי — פערקויפט איז פערקויפט, פערפאַלען. מיין מאַן! מיר האָבען שוין קיין הויז נישט, קיין היים נישט!... איך געה צו טויבעלען, און דו געה צו שעיה'ן אין מיהל".

„ניין, ניין, מאַטלע, איך גלויב דיר נישט, עס איז אַ חלום! אַ חלום, זאָג איך דיר, אויפ'ן וואָהר קען עס גאָר נישט געשעהען"! טרייסט זיך פאַליק אין חלום.

„נאַ, זעה, צי איז דאָס אַ חלום, צי אַ אמת"! זאָגט מאַטלע.

און פאַליק דערזעהט, אַז פון זיין הויז איז שוין קיין זכר נישטאָ. דער גאַנצער הויף איז אָנגעשטעלט מיט שעיה'ס ציגעל. אין אַ זייט ליגען די פונאַנדערגענומענע גליעדער פון זיין הויז. ער דערקענט יעדעס שטיקעל געהילץ, וואו עס איז פריהער אין הויז געוועזען, און יעדע באַלקע קוקט אויף איהם אַזוי טרויעריג, ווי מיט טויזענד פערוויינטע אויגען.

„וואָס האָסט דו צו אונז געהאַט? דאַכט זיך איהם, טענה'ן די אַראָבגעריסענע אַלטע שינדלען פון זיין דאַך — נאָך הונדערט יאָהר האָבען מיר געקענט לעבען. און דו האָסט אונז פערקויפט לעבעדיגערהייד.

— אין מיטען גאַס, דאַכט זיך איהם, זעהט ער זיינע צוויי בעטען, פערבעט מיט די איבערגעצייגענע ווייסע קישענס און געשטעפטע וואָלענע קאָלדרעס. דערביי שטעהט זיין וואַרשטאַט די שער, דאָס פרעס-אייזען, נור די אַרבייט איז נישטאָ.

„וואו איז די סחורה? פרעמדע סחורה, מען וועט מיך נאָך אין אָסטראָג אַריינזעצען" — שרייט פאַליק און צעווייגט זיך פון שלאָף אַזוי הויך, ביז מאַטלע האָט באמת זיין ווילד חליפען דערהערט, איז אַ צושראָקענע פון איהר בעט אַראָב־געשפרונגען, און האָט איהר מאַן אָנגעהויבען ציהען און טרייס־לען, ער זאָל פון זייז שווערען שלאָף ערוואַכען.

## V.

פאַליק האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ צושראָקענער, אַ צוברא־כענער. דער חלום האָט איהם נאָך ווי אין זיינע געוואַלדיגע הענד געהאַלטען און זיין ברוסט צוגעדריקט.

— וואָס האָט זיך דיר אַזוינס גע׳חלומ׳ט, אַז דו האָסט אַזוי געברומט און געחליפּעט פון שלאָף?

— ווידער גע׳חלומ׳ט? ווילסט מיך ווידער אָבנאַרען? ענטפערט פאַליק, און ער ווייסט נאָך אַלץ נישט, צי רעדט ער אין שלאָף, אָדער אויפ׳ן וואָהר.

— וואָס רעדסט דו, פאַליק? גאָט איז מיט דיר, איך האָב נאָך די הענד נישט געוואַשען, ווען האָב איך דיך גענאַרט? קום צו זיך.

— וואו בין איך? פרעגט ער, נאָך אַלץ נישט גלויבענ־דיג, צי ער איז שוין איצט באמת וואַך.

— וואו זאָלסט דו זיין? אין דיין בעט ביזט דו.

ער טאַפּט די בעט, די קישען צוקאָפּענס, די וואַנד, וואָס נעבען בעט, נור דאָס אַלץ איז איהם נאָך ווייניג, זיך צו איבערצייגען, אַז דער חלום איז שוין אַוועק, און ער רעדט שוין מיט זיין מאַטלען ווירקליך וואַכערהייד.

— עפען אַ לאָדען! בעט ער, לאָמיך מיט אָפענע אויגען זעהן, וואָס טהוט זיך דאָ אַרום מיר.

מאַטלע האָט באַלד אַ לאָדען געעפענט. אַ שטראָם גרויע בעגינען־ליכט האָט זיך אין שלאָף־צימער אַריינגעריסען. ערשט איצט האָט פאַליק אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז ביז אַהער איז אַלץ אַ חלום געוועזען און איצט ערשט איז ער שוין וואַך מיט אַ אמת.

— גיב מיר נעגעל־וואַסער אָבגיסען! בעט ער מאַטלען — אויס שלאָפען, אויס חלום! אַ האַלב לעבען האָב איך אין דער נאַכט פערלאָרען.

— שלאָף נאָך, האָט מאַטלע געזאָגט — דער פאַסטוך האָט נאָך נישט געטרובעט, די טשערעדע אין פעלד צו טרייבען.

— ניין, פאַר קיין געלד אין דער וועלט וועל איך שוין

איצט נישט שלאָפען מעהר! ווילסט דו שלאָפען, שלאָף געזונדער-הייד! זעה נור, אַז שעיה — זאָל איהם קיין גוטער יוד נישט קענען — זאָל זיך דיר נישט חלומ'ן, און ביי דיר אַ שטיק געזונד אַרויסנעהמען, ווי ער האָט מיר אַ שטיק געזונד צוגענומען.

דאָס איז אַ ביסעל אַ יוד אויף דער וועלט! ווייניג דאָס עגמת-נפש, וואָס ער האָט מיר אָנגעטהון בייטאָג וואַכערהייד, קומט ער נאָך אין חלום צו מיר און פייניגט מיך, אַז איך ווייס נישט, ווי אַזוי האָב איך עס גאָר איבערגעלעבט — נישט מעהר ווי אַ מאָס זאָל איך איהם אַראָבנעהמען, האָט ער, דאַכט זיך, געבעטען. אויף תכריכים, רבונו של עולם, זאָל מען איהם שוין אַ מאָס אַראָבנעהמען!

מאַטלע איז באַלד צוריק אין בעט אַריין און אַנשלאָפען געוואָרען. פאַליק איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף, אַ קוק טהון, וואָס דאָרט טהוט זיך.

קיינמאָל האָט ער אַזוי פיעל פרייד און נחת פון זיין הויז און הויף נישט געהאַט, ווי אין דעם בעגינען, נאָך אַזאַ שרעקליכען חלום. ער וואונדערט זיך, ווי אַזוי איז ער אַזוי נאַריש געווען אין חלום צו גלויבען, אַז ער האָט דאָס הויז פערקויפט. ווי אַזוי קען ער גאָר פערקויפען דאָס, וואָס איז איהם ליעבער ווי דאָס לעבען, טייערער פאַר אַלע גליקען אין דער וועלט?...

„קלוג, קלוג און פאָרט אַ נאַר! רעדט ער צו זיך, — קוים האָט שעיה אַרויסגערעדט די ווערטער:" איהר האָט מיר, ר' פאַליק, אייער הויז פערקויפט!" האָב איך באַלד בעדאַרפט פערשטעהן, אַז דאָס איז אַ חלום, אַ שפיי טהון איהם אין פנים אַריין, וואַרטען ביז איך וועל אויפשטעהן, און גאָר קיין עגמת נפש נישט האָבען... און איך, נאַר, נעהם און גלויב איהם און האָב אַזוי פיעל עגמת נפש, אַזוי פיעל צער און יסורים!"

און ער נעהמט זיך פאָר: נאָך אַמאָל ווען שעיה וועט צו איהם קומען אין חלום און בעטען איהם אַ מאָס אַראָבנעהמען, זאָל ער איהם באַלד זאָגען: „געהט, ר' שעיה, צו חלום צו וועמען איהר ווילט, צו מיר זאָלט איהר נישט קומען,

וואָרום איך וועל אַייך מיט׳ן פרעס-אַייזען אַייער שאַרבען צו-פּלעטען״.

ער געהט אין שטוב אַריין, עפּענט אַלע לאָדען, זעצט זיך צו דער אַרבייט, און פיהלט פונדעסטוועגען, דאָס האַרץ זיינס האָט זיך נאָך אַלץ נישט בערוהיגט, עס בייהט זיך עפּיס ווי אין חלום. ער לעגט די אַרבייט אַוועק, שטעלט זיך זאָגען די ברכות, לעגט טלית און תּפילין און דאַווענט היינט אַזוי פרום, אַזוי האַרציג, ווי ער געדענקט שוין נישט, ווען נאָך האָט ער אַזוי פרום זיין האַרץ פאַר גאָט אויסגעגאָסען.

און דאָס דאַוונען שטאַרקט איהם, בערוהיגט איהם, און אַז ער לעגט זיין טלית און תּפילין צוזאַמען, רעדט ער צו זיך: „עס איז נאָך נישט הפקר די וועלט, עס איז דאָ אַ גאָט אין הימעל, וואָס לאָזט נישט דעם רייכען, ער זאָל אַיינשלינגען זיין גאַנצע וועלט, ווי שעיה וויל!״

מיט דעם געדאַנק האָט ער זיך אינגאַנצען בערוהיגט, זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט, און דאָסמאָל האָט זיך גענייהט מיט נייע כּחות און מיט לוסט ווי גאָר אין די יונגע יאָהרען, ווען ער האָט נאָך פון קיין דאגה נישט געוואוסט, און האָט נאָך געגלויבט, אַז ער איז רייכער ווי די גאַנצע וועלט.

דערווייל איז מאַטלע אויך אויפגעשטאַנען, ברכה אָבגעזאָגט, טהיי געמאַכט און פאַליק׳ן דערלאַנגט אַ שעהן גלאָז טהיי מיט מילך און מיט פרישע בייגעל. פאַליק האָט זיך ווידער געפיהלט גליקליך, צופריעדען און געטרייסט.

— הערסט דו, מאַטלע, האָט ער אַ צופריעדענער צו איהר געזאָגט — אַ מענש איז אַ נאַר, אַז ער דאגה׳ט, כּל-זמן ער האָט נאָך די מלאכה אין האַנד! איך האָב איצט אין איין צוג אָבגעטהון, וואָס איך וואָלט אפשר אין צוויי טעג נישט געקענט אָבטהון איין אַנדערש מאָל. איך געה באַלד בונים׳ן פּאַסען זיין פּאַלטאָ און אָנצייכענען, וואו די קנעפּ אַיינצונייהען. וועסט זעהן, איך וועל ביז יום-טוב, מיט זיינער הילף, אַלעמען די אַרבייט אָבטראָגען, און מיר וועלען האָבען אַ שבועות גאָר אַ פרעהליכען.

און הערסט דו, זאָגט ער ווידער צו מאַטלען, זאָלסט גאָר נישט קאַרגען, זאָלסט באַקען פוטער-געבעקס, אָבער אַזוי ווי דו קאָנסט, און קאַווע זאָלסטו אָנגרייטען, ווי גאָר אַמאָל, בעת עס איז נאָך געוועזען חי געלעבט!

— גאָטס גאָב און דיין האַריוואַניע, מיין מאַן! האָט מאַטלע געענטפערט — איך וועל דיר נישט קאַרגען, הלואי וואָלסט דו דעם שכל תמיד געהאַט, וואָלסטו אַ סך געזונטער געוועזען.

פונדעסטוועגען, ווען פאַליק האָט בונים׳ס פאַלטאָ אין אַ שטיקעל קאָלענקאָר אַיינגעבונדען, דאָס פעקעל אונטערן אָרים אַרונטערגעלעגט און איז פון שטוב אַרויס, צו בונים׳ן צו געהן, און ער האָט אויף דער גאַס עטליכע פוהרען ציגעל דערזעהן שטעהן, האָט איהם עפּעס אַ צופּ געטהון אין האַרצען, און ער האָט ווידער געפיהלט ווי אַ אָבקלאַנג פון יענעם שרעקליכען וועהטאָג, וואָס ער האָט אין חלום געליטען. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די גוים פון די פוהרען וואַרטען, שעיה זאָל קומען, זיי אָנווייזען אַ אָרט אויף זיין הויף, וואו די ציגעל אָבצושטעלען.

ער איז צוריק אין שטוב אַריין, אויסגעזוכט אַ שלאָס און האָט זיין טויער פערשלאָסען. אַריינגעהענדיג אין שטוב צוריק, האָט ער מאַטלען אָנגעזאָגט:

— טאָמער קומט שעיה, און וויל די ציגעל ביי אונז אין הויף אָבשטעלען, זאָלסט דו איהם נישט לאָזען. טאָמער באָט ער דיר געלד, אַ רובל פאַר אַ ציגעל אַפילו, זאָלסט דו איהם שפייען אין פנים. הערסט דו, וואָס איך זאָג דיר אָן?

— טויב בין איך?

— נו, זיי נאָר נישט אין כעס, איך וועל באַלד צוריק קומען.

— געה געזונדערהייד!

און פאַליק איז ווידער, מיט׳ן פעקעל אונטערן אָרים, מיט׳ן קרייטעל אין קעשענע און מיט דער נאָדעל-פאָדים אין לאַץ, צו בונים׳ן אַוועק, איהם אָנפּאַסען זיין נייעם פאַלטאָ.

## VI.

דער-יום טוב שבועות איז שוין אַריבער, אָבער פאַליק האָט נאָך געגוג אַרבייט.

— מיינע שונאים זאָלען נייהען אַליין אָהן אַ פּועל! בע-קלאָגט ער זיך פאַר די בעלי-בתים, וואָס זייער אַרבייט איז אויף יום-טוב נישט פאַרטיג געוואָרען, אָדער פאַר די, וואָס ברייגגען אָב די אַרבייט, ער זאָל פעררי̄כטען, „ארויסלאָזען", אָדער „איינגעהמען", די קנעפּלעך איבערשטעלען, אַ קעשענע איינגייהען און נאָך אַזעלכע תקונים, וואָס פאַליק האָט זיי צוגעזאָגט נאָך יום-טוב צו פעררי̄כטען.

— וואָס זאָל מען טהון, אַז מען איז פון גאָט ברוך הוא געשטראָפט, און מען קאָן היינט קיין רעכטען אַרבייטער נישט האַלטען? ערשטענס איז די העזה פון אַ היינטיגען אַרבייטער נישט אַריבערצוטראָגען... און צווייטענס, וואו נור אַ רעכטער אַרבייטער, איז היידאַ אין לאָנדאָן, אָדער אין אַמעריקאַ, און געה יאָג זיך נאָך זיי! אַזוי רעדט ער זיין הארץ אויס, און נייהט טאָג און נאַכט, און בלענדט די אַלטע אויגען שוין די אַנדערע וואָך נאָך יום-טוב ווי פאַר יום-טוב.

און שעיה'ס בנין האָט זיך אָנגעהויבען בויען.

יודען, וואָס געהען פון דאַוונען, מיט די טלית-און תפילין-זעק אונטער די אָרעמס, שטעלען זיך אָב אַ קוק טהון, ווי מען לעגט דעם פונדאַמענט, ריידען, ווייזען מיט די פינגער, שפּאַרען און קריגען זיך צווישען איינאַנדער, גלייך ווי זיי וואָלטען האָבען אַ ידיעה אַ גרויסע אין דעם ענין פון בויען. אַנדערע, ליידיגגעהער מסתמא, שטעהען אָב צו גאַנצע שעה'ן אונטער פאַליק'ס פענסטער, און קוקען ווי מען מישט וואַפּנע מיט זאַמד, ווי מען לעשט געברענטע קאַלך, און ווייזען אַרויס געניטקייט, אָדער זאָגען אַזוי חקירות און ווילדע השערות.

פאַליק זעהט עס אַלץ דורך זיין פענסטער. ער הערט, ווי די וואָס שטעהען אויף דער גאַס זאָגען: „גאָלד גיסט

שעיה אַריין אין דעם פונדאַמענט", און זיי ווינשען זיך איי-גענס צו האָבען חאָטש וואָס דער פונדאַמענט וועט קאָסטען.

און עס ווילט זיך פאַליק'ן אויך אויף דער גאַס אַרויס, אַ קוק טהון, זעהן, עס מוז דאָך טאַקע זיין וואָס צו זעהן... עס ציהט איהם, פיהלט ער, ווי מיט צוואַנגען, נעבען די מויער'ער נאָהענט צו זיין, אַ קוק טהון ווי מענשען אַרבייטען.

צו זיין אַ נישט-געבעטענער מחותן אויף יענעמס חתונה אָדער אויף יענעמס מפלה, און זיך אַריינמישען אין יענעמס עסקים, — איז אַ יודישע זאַך, און וואָס איז פאַליקס נשמה נעביך דען נישט קיין יודישע נשמה?

נור פאַליק האַלט זיך, ער זיצט די פיס אונטער זיך פערלעגט, נייהט און נייהט, חאָטש דאָס האַרץ און נשמה רייסען זיך אויף דער גאַס אַרויס, אַהין וואו עס קאָכט די אַרבייט, וואו מען טראָגט ציגעל, וואו מען לעגט שטיינער און מען פערגיסט מיט קאַלך, און דער בנין הויבט שוין באַלד אָן פון דער ערד אַרויסצוקריכען.

— עס טאָר זיך נישט ווּעלען! רעדט ער צו זיך, — איך האָב נישט ווער עס זאָל פאַר מיר מיין אַרבייט אָבטהון! אין י ע נ ע גוטע יאָהרען, ווען מיינער אַ שכן שטעלט זיך בויען אַזאַ בנין געגען מיין פענסטער, ווי מיינסטו דו, פאַליק, וואָלסט דו געקאָנט איינזיצען אין שטוב, נישט דערביי צו זיין? היינט איז אָבער אַנדערע יאָהרען... אַז נישט אַליין, וועט אַ שטיקעל בגד קיינמאָל נישט אויפגענייהט ווערען. היינט, פאַליק, מיט'ן קאָפּ אין דער אדמה, טאָרסט זיך אַזאַ פערגניגען נישט פער-גינען נישט פערגינען... זיץ אין געהאַקטע צרות און נייה, כּל זמן עס איז דאָ צו נייהען! אַי שעיה'ס בנין בויט זיך אָהן דיר דערווייל? — טאָ שריי „חי וקים!"

און אַ ליגען זאָגט זיך פאַליק; נישט די אַרבייט האַלט איהם צוריק, ער וואָלט שוין פאַר זיך אַליין און פאַר די בעלי-בתים, וואָס וואַרטען אויף זייער בגד, ווי עס איז גע-פינען אַ תּירוץ: „וועלכער בעל מלאכה קאָן דאָס אַזוי פּינקטליך זיין?" איהם האַלט אָבער גאָר אַ אַנדער סבה אין שטוב און

לאָזט איהם אויף דער גאַס נישט אַרויס, האָטש ער וויל זיך אַליין אין דעם נישט מודה זיין.

„שעיה מיהלנער, זאָל איהם קיין גוטער יוד נישט קאָנען, האָט מיר די גאַס פערשטעלט און מיין תענוג, נעבען דעם בנין צו שטעהן, פערשטערט!"... שרייט און קאָכט דאָס האַרץ אין איהם.

„און אַז איך וויל זאָגען, רעדט ער אַנ'אַנדערטמאָל צו זיך, האָב איך פאַר איהם אַזוי מורא ווי פאַריאָהריגען שניי. צי בין איך דען איהם חלילה געלד שולדיג? אָדער אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר איז ער, איך זאָל מוזען פאַר איהם מורא האָבען? אין חלום נור האָט ער געקענט מיר צער און שבירת הלב אָנטהון, אין חלום נור האָט ער געקענט ביי מיר מיין הויז כלומרשט אָב-קויפען, אָבער אויפ'ן וואָהר, הער איך איהם ווי דעם קאָטער!... אַדרבה, איך וויל איהם טאַקע ווייזען, אַז איך לאַך פון זיין באָבען, און זאָל ער פרובען האָטש איין פוהר ציגעל אַרויפ-פיהרען צו מיר אין הויף, — מיט'ן פלעט-אייזען איבערן קאָפּ, מיט דער שער אין בויך! און ווייס, אַז אַ אָרימאַן האָט אויך אַ דעה, נישט צו לאָזען צונעהמען איבער גוואַלד וואָס זיינס איז.

און צו ווייזען שעיה'ן, כלומרשט, אַז ער האָט פאַר איהם קיין מורא נישט, טהוט זיך פאַליק אַ הויב אויף פון זיין וואַר-שטאַט, האַפּט עפּיס אַ שטיקעל מלבוש אויף די פלייצעס און לויפט אַרויס מיט קוראַזש אַ קוק טהון, ווי מען בויט שעיה'ס בנין; נור נאָך איידער ער קומט צו נאָהענט, דערזעהט ער שעיה'ן, וועלכער שטעהט דאָ נעבען די אַרבייטער פון פריה-מאָרגען ביז אָוועגד, און פאַליק רעדט צו זיך:

„האַפּט איהם דער וואַטען-מאַכער! זאָל ער זיך פרובען אָנהויבען מיט מיר; איך מיט איהם וויל קיין עסקים נישט האָבען, וואָס טויג עס מיר?"

מיט די רייד געהט ער אָבהענדיג צוריק אין שטוב אַריין, וואַרפט צוריק אַראָב דאָס שטיקעל מלבוש פון די אַקסעל, בלייבט אין זיין טלית קטן און הויזען... און זעצט

זיך צוריק נייהען, צוברומענדיג עפּיס, צי כּעס, צי גאוה פֿאַר זיך.

אַזוי זענען זיך אַ פּאָר וואָכען אַריבער. ביי פֿאַליק'ן איז די אַרבייט ווענינער געוואָרען. ער האָט שוין קוים עטליכע שעה אין טאָג נאָך וואָס צו נייהען אָדער פֿערריכטען, — און שעיה'ס בנין איז שוין פֿון דער ערד אַרויסגעוואַקסען. פֿאַליק זעהט שוין דורך זיין פֿענסטער די ערשטע רייהען ציגעל איבערן פֿונדאַמענט.

ער ווייסט טאַקע, אַז פֿון קוקען דורכ'ן פֿענסטער ביז שטעהן אויף דער גאַס גאָהענט נעבען בנין, איז אַזוי ווייט, ווי טאָג פֿון נאַכט, נור אַ ברירה האָט ער? שעיה מילנער איז איהם פֿאָרט נמאס ומאוס געוואָרען, און שטעהט איהם ווי אַ ביין אין האַלז. איידער מיט איהם אויג אויף אויג זיך צו בעגעגענען, איז שוין בעסער חאָטש קוקען דורכ'ן פֿענסטער פֿון וויטען, און יוצא זיין דערמיט.

נור וואָס אַ רשע מרושע קאָן! אין איין פֿריהמאָרגען דערזעהט פֿאַליק: מען גראָבט גריבער אין מיטען גאַס, מען שטעלט אַריין שטאָלבעס, און מען וואַרפֿט אַריבער ברעטער, כּלומרשט אַ פֿאַרקאַן פֿאַר'ן פֿראָנט בנין, ווי לאַנג מען וועט מויערן.

פֿאַליק בערעכענט גאָר נישט, אַז עס קאָן זיין, דאָס פּאָליציע האָט שעיה'ן געהייסען מאַכען דעם פֿאַרקאַן, עס זאָל אַ פֿאַרבייגעהער נישט פֿאַלען אַ ציגעל אין קאָפּ בעת'ן מויערן. ער וויל דערפֿון נישט וויסען, ער איז זיכער, אַז דאָס האָט שעיה דעם פֿאַרקאַן געמאַכט, עקסטרא איהם פֿאַליק'ן אויף להכעיס, ער זאָל נישט קענען דורכ'ן פֿענסטער זעהן, ווי מען מויערט, און האָבען אַ רגע, מיט וואָס זיין אויג צו זעטיגען.

— דאָס איז אַ ביסעל אַ יוד אַ רשע, אַ צורר, ימח שמו! האָט זיך פֿאַליק פֿאַר מאַטלען בעקלאָגט — דו זעהסט, וואָס אַזאַ אָנגעשטאָפּטער יוד מיט ממון קרח קען? איך זאָל זיין בנין קיין עין הרע נישט געבען, אָדער ווייס איך וואָס ער טראַכט זיך, נעהמט ער און שטעלט אַוועק אַ פֿאַרקאַן, מיר

אויף להכעיס, ווי איינער זאָגט: נאַ דיר אַ פייג, פאַליק, קוק דורך דיין פענסטער וויפיעל דו ווילסט, אָבער מכות וועסט דו זעהן!
— נישט זעהן זאָל ער די וועלט! ווינשט איהם מאַטלע— שלאָגט ער זיך קאָפּ אָן קישען! ביזט דו בדלות, אַז דו וועסט נישט זעהן ווי מען מויערט! אדרבה, אפשר איז גאָר אַזוי בעסער, ווערט וועניגער שטויב ביי אונז אין שטוב אריין. מען קאָן דען אַ פענסטער איבער איהם איצט עפענען? קעהר און קעהר, עס איז זיך נישט צו דערדוימען, זינט מען האָט אָנגעהויבען מויערן... מויערן זאָל מען איהם שוין אַ קבר אויפ'ן גוטען אָרט, רבונו של עולם!

„זי פערשטעהט נישט, זי איז אַ יודינע, רעדט פאַליק פאַר זיך איבער — געה גיב איהר צו פערשטעהן, אַז עס ווילט זיך אַ קוק טהון, אַז עס ציהט ווי מיט צוואַנגען צוקוקען זיך, ווי עס וואַקסט אויס אַזאַ הויז."

איין אַנדערש מאָל קוקט פאַליק דורך זיין פענסטער אַרויס אויף דעם פאַרקאַן, צעהלט די ברעטער, און קלערט בעת מעשה: „רבונו של עולם, פאַר וואָס גיעסט דו איינעם גאָר, און דעם אַנדערן—גאָר נישט? דו ווייסט דאָך, בין איך אַמאָל גאָר מקנא שעיה'ן זיין געלד, זיין נייעם בנין, וואָס ער בויט איצט? זעהסט דו, דאָס ביסעל ברעטער, וואָס שעיה האָט, מיר אויף להכעיס, מיט זיי דעם פאַרקאַן געמאַכט, ווען דו גיעסט עס מיר, וואָלט איך דיר לויבען און דאַנקען. דאָס איז אַ שפּאָר ביסעל ברעטער, די והותיר מיין דאַך איבער-צודעקען ... שעהן וואָלט זיין, רבונו של עולם, ווען דו שיקסט מיר צו אַזאַ פאַרטיע ברעטער, און איך רייס באַלד אַראָב מיין פוילען דאַך, און נעהם מיר אַ נייעם דאַך צודעקען. די אויגען וואָלט שעיה'ן אַרויסקריכען, פלאַצען וואָלט דער גראָבער בויך זיינער פון כעס. דאָס וואָלט זיין אַ פאַטש פאַר אַ פאַטש: דו פערשטעלסט מיר דיין בנין מיט אַ פאַרקאַן, איך זאָל נישט קאָנען קוקען, ווי מען בויט, און איך וויז דיר, אַז איך האָב גאָר אין זינען נישט מיין הויז דיר צו פערקויפען, אָט מאַך איך אַ נייען דאַך, נאַ קוק און פלאַץ!"

און וואָס ווייטער שעיה׳ס הויז וואַקסט אין דער הויך, אַלץ טיעפער פאַלט אַראָב פאַליק ביי זיך. ער קאָן זיך כמעט אַליין קיין רעכנונג נישט אָבגעבען פאַר וואָס ער האָט שעיה׳ן אַזוי פיינד.

„פאַר אַנמוטען קומט דאָך קיין פאַטש נישט, האָט ער אַמאָל אַליין געזאָגט צו שעיה׳ן, ווען ער האָט געוואָלט דאָס אַלט ביסעל געהילץ ביי איהם אָבקויפען. וואָס קומט שעיה׳ן, אַז ער האָט איהם אַנגעמוט דאָס הויז זיינס איהם צו פערקויפען?“.

פאַליק פרעגט זיך דאָס אַליין אַמאָל, און וויל אויף שעיה׳ן קיין שלעכטס נישט טראַכטען, אָבער געגען זיין ווילען טראַכט זיך פאָרט.

„שעיה פערביטערט מיר דאָס לעבען, ענטפערט ער זיך. די גאַנצע כונה שעיה׳ס מיט׳ן בנין, מיט דעם פאַרקאַן פאַר׳ן בנין, מיט אַלץ, וואָס ער דרעהט זיך דאָ אַרום, איז נור אַנ׳אויסקוק אויף מיין הויז. די וועלט איז איהם קאַרג, אָבער ביי מיר וועט איהם נישט געראָטען...“

און עפּ׳ס אָרימער, עלענדער און גאָר איינגעהושכט, דאַכט זיך פאַליק׳ן, איז זיין הויז געוואָרען, צוליעב דעם נייעם חבר, וואָס שעיה שטעלט איהם אַוועק אַנטקעגען. און עס ווילט זיך פאַליק׳ן טרייסטען דאָס הויז זיינס, זאָגען איהם, עס זאָל ביי זיך נישט זיין אַראָבגעפאַלען מיט זיין אָרימקייט...

אַז ער אַליין פיהלט זיך איצט אַראָבגעפאַלען און נידערגע-שלאָגען צוליעב זיין אָרימקייט, וויל ער פון זיך פערלייקענען...

---

## VII.

די אַרבייטער, וואָס האָבען שעיה׳ס הויז געבויט, פלעגען אָפט צו פאַליק׳ן אין קיך אַריינגעהן. טייל—נאָך אַ טרונק וואַסער און טייל — אַ טעפּעל וואַרימעס אויף פאַליק׳ס קיך

אָנגעצוואַרימען. פאַליק פלעגט אַמאָל ביי זיי אויספרעגען: וואָס הערט זיך? וואו האַלט דער בנין? אָדער — וואָס קלערט שעיה? און פון זיי האָט ער זיך דערוואוסט, אַז שוין אַ טאָג דריי, אַז שעיה קומט נישט אַ קוק טהון אויף זיין בנין. די סבה, פאַר וואָס ער קומט נישט, האָבען די אַרבייטער אַליין נישט געוואוסט. פאַליק האָט זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען ביי די יודישע משרתים שעיה'ס, און זיי האָבען איהם דערצעהלט, אַז שעיה איז אין די לעצטע עטליכע טעג קראַנק געוואָרען, דאָס שמאַלץ פון זיין גראָבען בויך האָט זיך איהם אויפ'ן האַרצען צוגאָסען, פון די גרויסע היצען מסתמא, און דער הויפּי־שער דאָקטאָר האָט איהם אַוועקגעשיקט אין די וואַרים־בעדער, זיך דאָרט לאָזען אָבצאַפּען שמאַלץ פון זיין גראָבען בויך.

— ווען וועט ער צוריקקומען? האָט פאַליק מיט אַ טאָן פון צופרידענהייט אַ פרעג געטהון.

— הלואי קומט ער צוריק אויף שבת נחמו, אָדער אויף ימים טובים.

— דאָס קאָן נור אַ גביר זיך פערגינען, האָט מאַטלע בעמערקט — בויען דאָ אַזאַ בנין, און אַליין גאָר אַוועקפאָהרען אין די וואַרים־בעדער.

פאַליק'ן איז שוין אין זיבען נישט געלעגען זיין מיינונג וועגען דעם צו זאָגען — אַבי שעיה איז אַוועקגעפאָהרען, אַבי פון איהם פטור געוואָרען חאָטש אויף אַ פּאָר חדשים.

„איצט הער איך איהם ווי אין טראָק!" האָט ער צו זיך געזאָגט. און נישט וואַרטענדיג אַ רגע, איז ער שוין אַרויס בעקוקען, וואָס האָט מען ביז איצט אָבגעטהון, וואו האַלט מען און ווי בויט מען.

און געקוקט האָט פאַליק ווי עס דאַרף צו זיין. נישט אַזוי פאַרבייגעהענד, ווי אַבי ווער, נור ווי אַ הונגעריגער נאָך אַ לאַנגען תענית חאַפּט זיך צום עסען, האָט ער זיך צוגעחאַפּט צום קוקען, און ער האָט גאָר נישט בעמערקט, אַז אַ האַלבער טאָג איז שוין אַריבער, און דאָרט אין שטוב ביי איהם האָט ער די אַרבייט זיינע צעוואָרפען געלאָזען, אפילו קיין צייט

זיך נישט געגונען דעם אָנגעהויבענעם שניט צו ענדיגען.

— פאַליק, פאַליק! אַ קונד איז געקומען, געבראַכט אַ שטיקעל אַרבייט,—האָט ער פּלוצלונג דערהערט ווי מאַטלע רופט איהם דורכ׳ן פענסטער,

נישט וועלענדיג האָט ער זיך פון זיין פערגניגען אָבגע-ריסען און איז צוריק אין שטוב אַריין.

— זעה נור ווי דו זעהסט אויס! האָט איהם מאַטלע אין פאָרהויז בעגעגענט און געוויזען אויף זיין היטעל, ראָק און זשילעט, וואָס זענען אין קאַלך איינגעשפּריצט געוועזען, און די שטיוועל מיט ציגעל-שטויב בעדעקט ווי ביי אַ מויערער: וואוהין ביזט דו געקראָכען?

— פאַליק האָט זיך אַליין פערשעמט, אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי איינגעשטויבט און מיט קאַלך פערגאָסען ער איז.

— עס שאַדט נישט, האָט ער מאַטלען געענטפערט — דערפאַר האָב איך אָבער אַלץ געזעהן.

— אָבער לאָז זיך אַרומשטויבען, אַרומפוצען, עס איז מיר אַ חרפה פאַר׳ן קונד! טענה׳ט מאַטלע. פאַליק אָבער רייסט זיך גיכער אין עס-צימער אַריין, דעם קונד אַ מאָס אַראָבנעה-מען, פּטור ווערען פון איהם, כדי באַלד ווידער צום בנין אַרויס, וואו ער האָט נאָך עפּיס צו בעקוקען, צו פרעגען און צו דערגעהן אַקוראַט, וואָס ער פערשטעהט דאָרט נישט. מאַטלע לויפט איהם נאָך מיט׳ן פוצבערשטעל, איהם גלעטענדיג דעם רוקען און די פּלייצעס.

— היינט האָבען מיר דינסטאָג, ר׳ פאַליק, זאָגט דער קונד — נעהמט מיר אַראָב אַ מאָס, זעצט זיך נייהען און מאַכט פאַרטיג אויף שבת.

— אַלע ווילען אויף שבת! ענטפערט פאַליק ווי נישט צופרידען — איהר מיינט, אַ בעל-מלאכה קאָן זיך צורייסען? אָט דאָס, וואָס איהר זעהט אויפ׳ן טיש ליגען, וויל מען אויך דוקא אויף שבת.

— אַז איהר וועט נור וועלען, וועט איהר זיך אַ עצה געבען, ר׳ פאַליק. איך בין פאָרט ביי אייך איין אַלטער קונד.

— אַז איהר גלויבט נישט, וואָס זאָל איך מיט אײַך טהון? זאָגט פאַליק — אדרבה, גיט אַ עצה, ווי פאַר יענעם אויך יוצא צו זיין.

— מיין עצה איז: וועניגער זיך צו אינטערעסירען מיט שעיה'ס בנין, נישט צושלאָגען די צייט, אָבשטעהן אַ שעה אַ גאַנצע אין מיטען טאָג, קוקען ווי מען מויערט.

— עס קומט טאַקע אויס ווי די וועלט זאָגט, ענטפערט פאַליק — „בעת מען וויינט — זעהט קיינער נישט, בעת מען לאַכט — זעהען אַלע". פאַר וואָס האָט איהר נישט געזעהן, אַז די גאַנצע צייט זינט מען בויט דאָ בין איך געזעסען ווי אַ קרוק אײַנגעבויגען, און אפילו איינמאָל נישט געקאָנט אַרויס-געהן אַ קוק טהון?

— ווער האָט אײַך נישט געלאָזען?

— איהר מיינט אודאי, שעיה האָט מיך נישט געלאָזען? האָט פאַליק זיך אַרויסגעהאַפּט, גלייך ווי יענער וואָלט געוואוסט, וואָס ביי איהם אין האַרצען טהוט זיך — איך לאַך פון זיין קאָפּ! וואָס האָב איך פאַר איהם מורא? נור גלאַט אַזוי, די אַרבייט, מיט וועלכער איך בין ביז איבערן קאָפּ פערוואָרפען געוועזען, האָט מיך נישט געלאָזען.

פאַליק האָט דעם קונד אַ מאָס אַראָבגענומען, אין זיין ביכעל אײַנגעשריבען, און האָט געמיינט, ער ווערט שוין פון דעם קונד פטור; ערשט יענער האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט געזאָגט, ער געהט נישט אַוועק, ביז פאַליק וועט פאַר איהם אין די אויגען די סחורה צושניידען, וועט ער וועניגסטענס וויסען, אַז ער זעצט זיך באַלד נייהען און וועט אויף שבת פאַרטיג מאַכען.

פטור צו ווערען פון אַזאַ בייז אָנשיקעניש, האָט פאַליק די שער, די ליניע מיט'ן קריידעל גענומען און האָט די סחורה פאַר'ן קונד אין די אויגען צושניטען; אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפען: דער קונד איז פון יענע עלטערע בעלי-בתים געוועזען, וואָס זייערע ווייבער זיצען אין די קראָמען, קוקען אַרויס אויף אַ קונה, און זיי, די מאַנען, קוקען אַרויס, וואו אַ שעה צוצוברענגען, דעם צו לאַנגען טאָג זיך אָבצוקירצען.

דעריבער האָט ער פאַליק׳ן גענומען אויספרעגען, וואָס שריי־בען זיינע בנים פון אַמעריקאַ, און אַז פאַליק האָט איהם קורץ געענטפערט, האָט איהם יענער אָנגעהויבען דערצעהלען פון זיינע קינדער; און פאַליק האָט געמיינט, אַז עס עקט זיך איהם דאָס לעבען, ער וואָלט שוין וועלען פריי ווערען און צוריק צו שעיה׳ס בנין צוגעהן.

„נאַ דיר אַזאַ שלאַק! — רעדט עס אין איהם פון כּעס — אַ נייער שעיה אויף מיין קאָפּ!...”

ערשט מנחה-צייט איז דער קונד אַוועקגעגאַנגען.

בין מנחה למעריב האָט ער זיך ווידער אַרויסגעכאַפּט, און זיך חאָטש צוגעקוקט, ווי דער הויפּט-מייסטער דערקלערט די אַרבייטער, וואָס מאָרגען פריה צו טהון, איידער ער וועט קומען; דערפאַר אָבער האָט פאַליק היינט שפּעט אין דער נאַכט אַריינגעגייהט.

מאַטלע האָט איהם אומזיסט דערמאָהנט: פאַליק, עס איז היינט נישט ערב יום-טוב; אַ שאָד די קעראָסין; די גרויסע אַרבייט, וואָס די האָסט, וועסט דו קאָנען ביי טאָג אויך אָב־טהון. נור עס האָט נישט געהאָלפען.

„זי איז אַ יודינע, האָט ער צו זיך גערעדט, אָנשטאָט איהר צו ענטפערן — זי האָט אין דעם קיין ברעקעל ידיעה נישט, איהר איז אַלץ איינס, צי מען בויט אַ הילצערן הייזעל, צי מען שטעלט אַוועק אַ דרייגאָרענדיגען מויער, וואָס עס איז יאָ דאָ עפּיס וואָס צו זעהן דערביי. צום קונד האָט עס נישט, זיין בגד מוז איך איהם מאַכען אויף שבת, באָדיי די גאַנצע נאַכט דורכצוזיצען.”

אויף מאָרגען ווידער אַזוי: פאַליק צוטיילט דעם טאָג צווישען דער אַרבייט אויף זיין אייגענעם וואַרשטאַט און דער אַרבייט ביי שעיה׳ס בנין.

אין אָנהויב איז דאָס נייעס אַליין, צו זעהן ווי אויף דעם אָרט פון דער אַנטקעגענדיגער אַלטער חורבה וואַקסט אויס אַ גרויסער מויער, געגוג געוועזען אָבצושטעהן שעות אונטער דער ברענענדער זוהן, און קוקען און זיך נישט דער־

מאָהנען, אַז אין שטוב ליגט נישט-געענדיגטע אַרבייט, און די קונדען וואַרטען.

שפּעטער אָבער האָט ער אָנגעהויבען צו בעגרייפען, ווי אַלץ, וואָס ווערט ביים בנין געטהון, טהוט זיך מיט אַ סדר, לויט נאָך אַ פריהער אויפגעצייכענטען פּלאַן, און די אַרבייט אַליין האָט ביי איהם עפּיס אַ טעם געקראָגען. אַ טעם, וואָס זיין שכל אין קאָפּ איז אַ מבין, און וואָס דאָס האַרץ, אַפילו אינוויינינג ביי איהם, פיהלט און האָט דערפון תענוג.

מיט די פּראָסטע אַרבייטער איז ער נאָך פריהער בעקאַנט געוועזען: „סאָסיעד” האָבען זיי איהם גערופען און געלאָזט איהם פראַנק און פריי אויף דער ריסטאָוואַניע אַרויפקריכען, און אפילו אויף דער וואַנד, וואָס זיי מויערן, נעבען זיי שטעהן. מיט דער צייט איז ער אויך מיט דעם אַרכיטעקטאָר בעקאַנט געוואָרען, און ער איז פון איהם געוואָהר געוואָרען אַ סך ידיעות אין דעם ענין פון בויען, וואָס די פּראָסטע אַרבייטער האָבען איהם נישט געקענט דערקלערען. וואָס אַ טאָג, איז ער אַלץ געניטער געוואָרען, און שעיה׳ס בנין האָבען זיינע אַלע געדאַנקען צוגענומען. טעג גאַנצע האָט ער צוגייסעט צוליעב דעם.

— געוואַלד, פאַליק, וואָס טראַכסט דו זיך? ! איז צו איהם אַמאָל מאַטלע צוגעשטאַנען — וואו איז דאָס געזעהן אָדער געהערט געוואָרען, אַ מענש זאָל גאַנצע טעג ביי יענעמס אַ בנין פערברענגען? זאָג אַליין, ווי איז דיר קיין חרפה נישט פאַר גאָט און פאַר לייטען, איך רעד שוין נישט — פאַר זיך אַליין? ברענגט אַ קונד אַ שטיקעל אַרבייט, אָדער קומט מען דיך רופען צו אַ בעל-הבית אַ מאָס אַראָבנעהמען, געפינט מען דיך קיינמאָל אין שטוב נישט. „וואו איז ר׳ פאַליק?” געה דערצעהל זיי אַ מעשה, אַז ר׳ פאַליק איז אויף דער עלטער אויס שניידער געוואָרען, און העלפט שעיה מיהלנער זיין הויז בויען!

— און מיינסט דו, אַז די קונדען זעהען דיך אודאי נישט אויבען אויף דער ריסטאָוואַניע? „וואָס טהוט דאָרטען אין דער

הויך אייער מאַן?״ פרעגט מען, און מען ווייזט מיט די פינ-גער אויף דיר...

פאַליק הערט זיך איין. מאַטלע, דאַכט זיך איהם, איז גערעכט, אָבער זי איז פאָרט אַ יודינע! זי האָט אין דעם קיין ברעקעל ידיעה נישט — און ער קאָן איהר נישט געבען צו פערשטעהן, וואָס ער פיהלט, בעת ער איז אויבען אויף דער ריסטאָוואַניע און קוקט ווי מען מויערט.

— און איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס האָסט דו דער-פון? טענה׳ט מאַטלע ווייטער — צי געזונד קומט דיר דערפון צו? צי אין קעשענע קומט דיר עפּיס אַריין? אָדער צי צאָהלט דיר אפשר שעיה שכירות, דו זאָלסט אַכטונג געבען ווי מען בויט זיין הויז?

—עפּיס אַ כשוף, נישט דאָ געדאַכט, האָט דער שעיה דיר געמוזט אָבטהון: פון דער רגע אָן, ווי ער האָט זיך גע-שטעלט דאָ בויען זיין הויז, ביזט דו מעהר גאָר נישט דער מענש וואָס געוועזען... וואָס שווייגסט דו? וואָס ענטפערסט דו אַ וואָרט נישט? פרעגט זי, בעת ער הערט אויס איהר טענה, ווי אַ קינד, בשעת זיין מאַמע מוסרט עס.

— דו מיינסט, מאַטלע, אַז שניידעריי אַליין איז אַ מלאכה? חאַפּט ער זיך פאָרט אַרויס מיט אַ וואָרט — זיי וויסען, אַז אויסמויערן אַ הויז נאָך אַ פּלאַן איז אויך אַ מלאכה. אַ גרויסע מלאכה, זאָג איך דיר... און עס ליגט אין דעם אַ שכל גדול. און די טבע פון אַ שכל גדול איז: עס ציהט, עס ווילט זיך פשוט אַלץ זעהען און בעסער פערשטעהן. פערשטעהסט דו, וואָס מען רעדט צו דיר?

---

## VIII.

אין דער גאַנצער צייט, וואָס פאַליק איז אַזוי אַריינגע-טהון געוועזען אין שעיה׳ס בנין, האָט ער כמעט אָן שעיה׳ן

איינגאַנצען פערגעסען. דאָס הויז בויט זיך, האָט זיך איהם געדאַכט, גאָר אָהן אַ בעל-הבית, אָהן עפּיס אַ כּונה פון אַ שעיה׳ן, אָדער פון ערגעץ אַיין אַנדערן. עס בויט זיך, ווייל דאָס בויען אַליין איז אַ שׂכל׳דיגע מלאכה און די אַרבייט האָט אַ טעם, וואָס איז כּדאי דערמיט זיך עוסק צו זיין. אַיי מאַטלע שרייט? איז זי אַ יודענע! פון וואַנען זאָל זי באמת וויסען דעם טעם פון בויען? בויען איז אַ מאַנסבילשע זאַך, און דאָס איז נישט אַנ׳עסק פאַר אַנ׳אשה, וואָס האָט אין דעם קיין ברעקעל ידיעה נישט.

נור אָט האָבען זיך אָנגעהויבען די דריי וואָכען פאַר תשעה-באב. עס ווייזט זיך שוין צו ביסלעך אַרבייט ביי שטאָדטי-גע שניידער. צו פאַליק׳ן ברענגט מען אויך אַריין פערשידע-נע שטאָפען אויפצונייהען לכבוד שבת נחמו. מאַטלע טרעט נישט אָב כּמעט אַ גאַנצען טאָג פון טיש, און לאָזט פאַליק׳ן די צייט נישט צו גייסען. קוים אָבער איז מאַטלע פערנומען אין קיך מיט עפּיס, אָדער זי האָט אַנ׳עסק צו היטען, די קאַץ זאָל פון זאַלץ-ברעטעל אַ שטיק פלייש נישט אַראָבחאַפּען, חאַפּט זיך פאַליק באַלד אַרויס, ווי ער שטעהט און געהט, מיט דער סאַנטימעטער-מאָס איבער די אַקסעל, אָפּט אפילו אָהן אַ שטיקעל אויבער-בגד איבער זיין וואָלענעם טלית-קטן, און איידער מאַטלע קוקט זיך אַרום, איז ער שוין אויף דער העכסטער ריסטאָוואַניע נעבען די מויערער.

— פאַליק, פאַליק! הערט ער אָבער באַלד מאַטלעס קול איהם רופענדיג — אין שטוב זאָלסט דו מיר די מינוט אַריינ-געהן, דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר?!

און ווי אַ חדר-יונגעל, וואָס איז פערשטיפּט אויפ׳ן הויף ערגעץ מיט חברים, אַז דער רבי רופט איהם צוריק אין חדר צום חומש, אַזוי געהט פאַליק נישט גערן צוריק צו זיין וואַר-שטאַט. נעהמט זיך פאַר דער אַרבייט, און מורמעלט פאַר זיך:

„אַלץ פאַר דער קישקע! זיצען אַ גאַנצען טאָג ווי אַ קרוק איינגעבויגען און נור נייה און נייה! אַז אַ שניידער האָט אויך אַ נשמה און אויגען אין קאָפּ, צו זעהן און צו האָבען אַ הנאה

פון וואָס עס איז שלדיג און שעהן, הויבען זיי גאָר נישט אָן צו פערשטעהן.

שטעהענדיג אויף דער ריסטאָוואַניע אין אַזאַ מאָמענט, וואָס זיין מאַטלע איז מיט עפּעס אין קיך, אָדער אויפ'ן הויף פערנומען געוועזען, און זיך ערנסט צוקוקענדיג צו עפּעס, וואָס איז פאַר איהם נאָך פון נעכטען אַ „צריך עיון" געבלי-בען, האָט ער דערפיהלט, אַז עמיץ נעהמט אָן פאַר אַ ברעג סאַנטימעטער, וואָס הענגט איהם איבער די אַקסלען, און רעדט צו איהם:

— וואָס מאַכט איהר, ר' פאַליק?

ער קוקט זיך אום און דערזעהט — שעיה'ן. דער אייגע-נער שעיה אין פנים, אָבער פון זיין בויך איז קיין דריטעל נישט געבליבען.

„אַפנים, נישט אויף צופלייסען געוועזען אין די וואַרים-בעדער!... מען האָט איהם טאַקע דאָרט אַ היבש ביסעל שמאַלץ אָבגעצאַפּט", לויפט פאַליק'ן אַ געדאַנק דורכ'ן קאָפּ, און אין דערזעלבער רגע שטעלט זיך איהם פאַר דאָס בילד, ווי שעיה פעמפּיק שטעהט דאָרט אין די וואַרימבעדער מיט'ן בויך אַרויס-געשטעלט, אין אַ גוטער אָנגעהייצטער שוויץ-באָד; דער דאָק-טאָר דרעהט איהם אַריין אַ צאַפּען אין בויך, צי אַ מעשענעם, צי אַ קופּערנעם — „שעיה חזיר וועט זיך דאָך נישט פערגינען צו לאָזען זיך קאָסטען אויף אַ זילבערנעם צאַפּען!" — דער דאָקטאָר שטעלט אונטער אַ בעקען, צי אַ טאָפּ, גיעט אַ עפען דעם צאַ-פּען, און פון שעיה'ס בויך הויבט זיך אָן גיסען דאָס שמאַלץ, ווי בוימאייל פון אַ פאַס.

„אַ מצוה אויף איהם! טהוט פאַליק אַ טראַכט, — זאָל אַזאַ יוד נישט וועלען איינשלינגען די גאַנצע וועלט אין זיין גראָ-בען פעמפּיק אַריין!"

— וואָס, ר' פאַליק, איהר זענט נאָך אַלץ ברוגז אויף מיר? פרעגט שעיה מיט אַ פריינדליכען שמייכעל.

וואָס איז שייך ברוגז? ענטפערט פאַליק ווי פערלע-

גען — אַז איך וויל זאָגען, האָט איהר מיר גאָר נישט געטהון, און וואָס קאָנט איהר מיר טהון?

— און איך האָב אַייך באמת גאָר קיינמאָל נישט געוואָלט חלילה אייך שלעכטס טהון! פערזיכערט שעיה—נישט איך האָב געוואָלט און נישט איך וויל אַייער הויז אָבקויפען. גענוג פאַר מיר וואָס איך האָב, אַ דאַנק השם יתברך! אָט בין איך גאָר נישט געזונד געוואָרען, און האָב געמוזט העכער ווי צוויי חדשים זיצען אין אויסלאַנד... און מיינט איהר, איצט פיהל איך מיך שוין געזונד? אַרויסגעוואָרפען, זאָג איך אַייך.

עפיס זענען די רייד פאַליק'ן אין האַרצען אַריין. עפיס גאָר נישט יענער שעיה פון חלום רעדט איצט מיט איהם, און ער פערזיכערט איהם, אַז ער האָט קיינמאָל גאָר נישט געמיינט צו קויפען ביי איהם זיין הויז.

— און וואָס טהוט איהר דאָ אויף דער ריסטאָוואַניע, ר' פאַליק? פרעגט שעיה — ווילט איהר אפשר דאָס הויז אַ מאָס אַראָבנעהמען, אָדער אפשר טאַקע אַ אַרבייטער פון דער קאָמ-פאַניע?

— גאָר נישט, גלאַט אַזוי אַ קוק טהון, האָב איך זיך אויף אַ מינוט אַרויסגעהאַפּט — ענטפערט פאַליק, און ער וויל שוין אַראָבגעהן, נור שעיה האַלט איהם אָב און זאָגט:

— גוט, וואָס איך האָב אַייך דאָ געטראָפען. אַ קוק טהו-ענדיג אויף די מאָס, וואָס הענגט ביי אַייך איבער די אַקס-לען, האָב איך מיך דערמאָהנט, אַז איך דאַרף טאַקע איצט מיר לאָזען איבערנייהען אַלע מיינע בגדים, וועלכע זענען מיר צו ברייט געוואָרען.

פאַר מיר אַרבייט אפילו שלמה דער שניידער שטענדיג, נור באַלד וועלען מיר דאָך, אם ירצה השם, ווערען שכנים, זענט איהר, ר' פאַליק, בילכער. איך וויל, אַז איהר זאָלט מיט מיר אַהיים געהן, מיר אַראָבנעהמען אַ מאָס. נעהמען מיינע בגדים, וואָס איז נאָך כדאי איבערצונייהען, און זיי מאַכען וואָס גיכער.

פאַליק האָט זיך אָנגעהויבען קראַצען דעם אַקען, ווי

ער וואָלט זיך געשלאָגען מיט דער דעה: יאָ געהן, צי נישט געהן?

— מיט אַ נאָהענטען שכן מוז מען לעבען בשלום, ר' פאַליק! זאָגט שעיה — שלום איז אַ טייערע זאַך, און איך האָף, איהר ווערט פון מיין הויז אַ סך אַרבייט האָבען.

— איך וועל קומען אין אַ שעה אַרום, רעדט ענדליך פאַליק אַרויס ענטשידען — אַ גוטען טאָג דערווייל!

— אַ גוט יאָהר! איך וועל וואַרטען אויף אייך, ר' פאַליק, שרייט איהם שעיה נאָך.

און ווען מאַטלע איז אויף פאַליק'ן אָנגעפאַלען, וואָס ער איז ווידער געקראָכען אויף די ריסטאָוואַניעס, האָט ער איהר דאָסמאָל מיט שטאָלץ געענטפערט:

—זעהסט, אַז אַ טריט טהוט נישט אַ מענש אומזיסט; וואָלט איך איצט דאָרט נישט געוועזען, וואָלט איך זיכער אַזאַ טיי-ערען קונד נישט בעקומען. שעיה האָט מיר געהייסען קומען צו איהם, דערווייל איבערנייהען די פאַרטיגע בגדים זיינע, און צוגעזאָגט האָט ער מיר, צו האָבען אַרבייט פון זיין הויז תמיד. וואָלסט איהם זעהן, מאַטלע, עס איז גאָר נישט דער שעיה: פון זיין גראָבען בויך קיין זכר אפילו נישט געבליבען.

אין אַ שעה שפּעטער איז שוין פאַליק ביי שעיה'ן גע-וועזען, אַ מאָס איהם אַראָבגענומען, און געבראַכט צו זיך אַהיים אַ גאַנצען פּאַק בגדים איבערצונייהען.

פאַליק האָט זיך באַלד פאַר דער אַרבייט גענומען און גענייהט מיט חשק. עס האָט זיך איהם געוואָלט ווייזען שעיה'ן, אַז ער איז עפּעס נישט אַ שניידער אַ לאַפּאָטניק.

— זאָל ער וויסען, אַז דאָס, וואָס איך, פאַליק, האָב פערגעסען, דאַרפען נאָך שטאָדטיגע שניידער קומען זיך לער-נען ביי מיר! — רעדט ער צו זיך מיט מוטה.

ביי דער אַרבייט וואונדערט זיך פאַליק אויף זיך אַליין:

פאַרוואָס האָב איך דעם אייגענעם שעיה'ן אַמאָל אַזוי פיינט געהאַט? נישט געקאָנט פּשוט זיין נאָמען דערמאָהנען, און פאַרוואָס איז איצט די שנאה גאָר געלם געוואָרען, און

עס ווילט זיך מיר זעהר, די בגדים, וואָס איך מאַך איהם איבער, זאָלען טאַקע זיין ווי אויסגעגאָסען אויף איהם.

— קיין חדוש נישט, דערקלערט ער זיך אַליין זיין וואונדער — פריהער איז דער אייגענער שעיה געווען ווי אַנ׳אָנגעגאָסען פעסעל. קיין טאַליע, קיין פיגור, סיידען אַ זאַק קאָן מען אויף אַזאַ מענשען אויפנייהען; איצט אָבער, אַז ער האָט זיך געלאָזט גאָר דאָס שמאַלץ אָבצאַפּען, האָט ער שוין אַ טאַליע, אַ פּלייצע איז אַ פּלייצע, און אַ שטאָן איז אַ שטאָן. אַ פיגור פון אַ מענשען... דערפאַר קאָן איך אויף איהם קוקען און קאָן טאַקע נייהען פאַר איהם.

---

## VIII.

אַ גאַנצע וואָך האָט פאַליק געהאַט צו טהון אַרום שעיה׳ס בגדים. ער האָט זיך אַזוי געפלייסט, די אַרבייט זאָל איהם געראָטען, אַז ער האָט כמעט גאָר דעם בנין שעיה׳ס פערגעסען, און איז אפילו איינמאָל פון וואַרשטאַט נישט אַוועק, אַ קוק צו טהון, וואו עס האַלט.

אַז ער האָט די אַרבייט שעיה׳ן אָבגעבראַכט, אָנגעמאָסטען, און שעיה האָט זיין ווייב אַריינגערופען אַ קוק טהון, צי עס ליגען די בגדים גוט אויף איהם, האָט שעיה צו איהר געזאָגט:

— דו ווייסט, חאַסיע, ווער דער יוד איז?

— איך קען נישט, ר׳ פאַליק׳ן? וואָס? נישט אַ היגע בין איך, אַז דו פרעגסט מיך אַזוינס? האָט זיך שעיה׳ס ווייב אָבגערופען.

— נישט דאָס מיין איך, דערקלערט איהר שעיה — איך מיין דיר נור אָנצוזאָגען, אַז ר׳ פאַ יק איז גאָר אַ נאָהענטער שכן צו אונזער נייעם הויז מיט מזל. על כן איז אַ יושר,

זאָלסט שטעלען אַ ביסעל משקה. וואָס זאָגסט דו האַיסע, איז ר׳ פאַליק אַ גוטער בעל-מלאכה ?

— גוט צו גוט איז נישט גלייך! ענטפערט האַסיע טאַקע צופרידען, וואָס די בגדים ליגען אויף איהר מאַן איצט ווי אויסגעטאָקט — זיי ליגען איצט אויף דיר בעסער ווי נייערהייט.

— אמת, ר׳ פאַליק? ווענדט זיך שעיה צו איהם מיט אַ צופרידען פריינדליכען שמייכעל.

— אַז אייער ווייב זאָגט אייך, מאָגט איהר גלויבען! מיר אַליין פאַסט נישט צו לויבען מיין אייגענע אַרבייט. און טאָמער גלויבט איהר נישט אייער האַסיען, פרובט אין גאַס אַרויסגעהן, וועט איהר הערען וואָס לייט וועלען אייך זאָגען.

— וואָס דאַרף איך הערען, וואָס לייטען וועלען מיר זאָגען, אַז איך פיהל אַליין, אַז גוט? בעמערקט שעיה — וויפיעל הייסט איהר זיך געבען פאַר דער אַרבייט, ר׳ פאַליק?

פאַליק פערטראַכט זיך אַ ביסעל, רעכענט אויפ׳ן קאָפּ און זאָגט: נישט אויף דינגען זיך, ר׳ שעיה, וואָלט אַ יושר זיין, איהר זאָלט אַוועקלעגען אַ גאַנץ צעהנערל.

— פאַר צעהן רובל וואָלט עס שלמה דער שניידער אויך געמאַכט, האַפט זיך אַרויס שעיה׳ס ווייב.

— און וואָס וואָלט אייך דער יחוס אַזוי גרויס געווען, ווען שלמה וואָלט עס געמאַכט? פרעגט פאַליק. — אָט דער אייגענער שלמה מיט זיין גרויסער מייסטערסקאַיע, מיט די צעהן פועלים, ווי איהר קוקט איהם אָן, איז טאַקע מיינער אַ פועל! ביי מיר די אַרבייט געלערנט, און נישט צו בעריהמען זיך, מיין איך פאַר אייך, ער מאָג נאָך איצט צו מיר געהן אויף דער לעהרע.

— אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד? בייזערט זיך שעיה אויף זיין ווייב, — דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט זיך צו דינגען פאַר אַרבייט-געלד. און מיט אַ צוקינפטיגען שכן, אם ירצה השם, וויל איך מיר אודאי נישט דינגען. אַז ר׳ פאַליק זאָגט צעהן, איז צעהן רובל! איך פערגין איהם מיט׳ן גאַנצען האַרצען, וואָרום איך בין מיט זיין אַרבייט צופרידען.

מיט די רייד האָט ער אַרויסגענומען אַ צעהן-רובלדיג פּאַפּיערל פון זיין טאַש און דערלאַנגט פאַליק'ן.

— טראָגט געזונד! האָט איהם פאַליק צוגעוואונשען, און אַ קוק טהוענדיג אויף חאַסיען, האָט ער אַ קלער געטהון: צייט איהר אויך צו פאָהרען אין די וואָרימבעדער אַריין, זיך שמאַלץ אָבצאַפּען. נור דאָס וועט שוין זיין ריין חזיר-שמאַלץ... דער חזיר ליגט איהר אויפ'ן פּנים.

— חאַסיע, איך האָב דאָך געזאָגט, עס זאָל זיין אַ ביסעל בראָנפען! האָט שעיה ווידער אַ געשריי געטהון צום ווייב, וועלכע איז ווי ברוגז אַוועק פון מאַן איבער דעם, וואָס ער האָט זיך מיט פאַליק'ן נישט געדונגען, און ווי יענער האָט אויסגערעדט צעהן רובל, האָט ער איהם שוין דערלאַנגט.

— איך דאַנק אייך, ר' שעיה! עס איז איבעריג, איך האָב שוין לאַנג נישט געטרונקען, נישט כדאי... — האָט אייך אַ גוטען טאָג! האָט פאַליק געזאָגט, און האָט זיך שוין אַ קעהר געטהון אַוועקצוגעהן.

— ניין! ערשטענס, וויל איך די בגדים אָבנעצען, זאָגט שעיה, צווייטענס — בענייען טאַקע אונזער שכנות'ע פריינד-שאַפט מיט אַ רעכט ביסעל משקה. ציהט אַ רגע אויף, איך געה שוין אַריין.

נישט ווילענדיג האָט פאַליק געמוזט אַ רגע אויפציהען, און שעיה האָט אַריינגענומען אַ פלעשעל משקה. באַלד האָט די דינסט געשטעלט גלעזלעך צום טיש. שעיה האָט איהר געהייסען ברענגען עפּעס פערבייסען און האָט אַליין צוויי טיעפע גלעזלעך אָנגעגאָסען, און צו פאַליק'ן געזאָגט:

— נו, ר' פאַליק, נישט לאָזט זיך בעטען, מאַכט לחיים.

— מאַכט איהר פריהער, בעמערקט פאַליק.

— איך קום ערשט פון מאַריענבאַד, ר' פאַליק, און טאָר נישט טרינקען. דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט: אַ וואָך זעקס נאָך כסדר דיעט צו היטען, דאָס הייסט: נישט עסען, וואָס מיר טויג נישט, און קיין בראָנפען זאָל אין מיין מויל נישט אריינקומען.

— לחיים! זאָגט פאַליק, מיר זאָלען זוכה זיין צו טרינ־קען אויף אייער חנוכת הבית, ר׳ שעיה!

— אמן! ענטפערט שעיה, און פאַליק טרינקט אויס דאָס גלעזעל עד גמירא.

— לאַנג אַזאַ שאַרפען שפּירט נישט געטרונקען, בע־מערקט פאַליק זיך אָבהוסטענדיג.

— נו, און איצט פאַר מיר! זאָגט שעיה, איך וועל אייך זאָגען לחיים, און איהר זייט מיך מוציא.

אין די יונגע יאָהרען האָט פאַליק, ווי יעדער בעל־מלאכה, אַ שנאַפּס נישט פיינט געהאַט, בפרט ביי אַנ׳אַרבייט אָבטראָגען פאַר אַ בעל-הבית, און יענער איז מכבד; נור איצט האָט ער מורא געהאַט, עס זאָל זיך איהם נישט פערדרעהען דער קאָפּ. ער האָט זיך געפּרובט אָבזאָגען. שעיה האָט אָבער נישט אָבגעלאָזען, און פאַליק האָט געמוזט שעיה׳ס גלעזעל אויך אויסטרינקען ביז׳ן דעק.

— דאָס איז צוליעב אונזערע שכנות, ר׳ פאַליק! איצט לאָמיר טרינקען צוליעב די בגדים, וואָס איהר האָט געמאַכט.

— לאָזט מיך, ר׳ שעיה, בעט זיך פאַליק — איך פיהל, דער שפּירט קריכט מיר שוין אין קאָפּ אַריין. עלטערע יאָה־רען, קיין קלייניגקייט נישט.

עס האָט איהם אָבער נישט געהאָלפען: שעיה איז ווי אַ פעך צוגעשטאַנען צו איהם, ער זאָל נאָך טרינקען, חאָטש איינמאָל לחיים צוליעב די בגדים.

— סיידען איהר ווילט נישט מעהר פאַר מיר אַרבייטען, ר׳ פאַליק! האָט ער געזאָגט.

פאַליק האָט איבער געוואַלד אויך אַ דריט גלעזעל אויס־געטרונקען, און מעהר האָט ער טאַקע נישט בעדאַרפט. די אויגען זענען איהם שפּיציג געוואָרען, די פיס, האָט ער דער־פיהלט, זענען איהם ווי קלעצער שווער, נישט אַ ריהר צו טהון...

— איצט פערבייסען, האָט שעיה געהייסען.

פאַליק האָט עפּיס אין מויל גענומען, און שעיה האָט

דערזעהן, אַז איצט איז צייט מיט איהם ווידער אַ רייד צו מאַכֿען וועגען פערקויפען איהם דאָס הויז.

— מילא, איהר ווילט אייך אויסלעבען אייערע יאָהרען אונטער אייער אייגענעם דאַך, האָט שעיה עפּיס ווי אין מי־טען אָנגעהויבען. — קיין עולה נישט! אָבער וואָס טויג אייך די חורבה? פאַר דעם געלד, וואָס איך גיב אייך פאַר אייער פלאַץ, קענט איהר אייך אויסבויען אַ ביי הויז אין אַנ׳אַנדער גאַס, וואָס זאָל זיין טאַקע וואָס צו זעהן.

— און מיינט איהר, אין וואָס געהט מיר? עס איז דאָ אפשר ווייניג הייזער און פלעצער אין שטאָדט צו קויפען? קויפען איז דאָ גענוג, און דוקא גרעסערע און שענערע פּלע־צער פאַר אייער פּלאַץ... און אפשר טאַקי פאַר אַ העלפט געלד אויך, וויפיעל איך וויל אייך געבען, נאָר מיר געהט אין דעם: ווען איהר פערקויפט מיר אייער פלאַץ, טראָג איך באַלד מיין מיהל אַריבער אַהין. דאָ, וואו מיין מיהל איז איצט, קלער איך איבערצומאַכען פאַר אַ מאַסלעבוינישע. צוליעב דעם טאַקי איז מיר כדאי אייך איבערצוצאָהלען עטליכע הונדערט רובל.

פאַליק, וואָס האָט אין אָנהויב נישט פערשטאַנען גאָר, צו וואָס רעדט עס שעיה, האָט פלוצלונג דערפיהלט עפּיס אַ ביטערקייט, אַ בעטריבטקייט אין האַרצען, וואָס האָט איהם דער־מאָהנט אָן זיין אַמאָליגען חלום. ער האָט עפּיס געוואָלט ענט־פערן מיט כעס, מיט פאַראיבעל, נור עס זענען איהם די לי־פען ווי פערפראָרען געוואָרען. ער האָט עפּיס יאָ אַרויסגערעדט, נור נישט שעיה, נישט ער אַליין האָט געהערט, וואָס די צונג זיינע האָט אַרויסגעבאַלעבאָטשעט.

— זאָל מיך גאָט שטראָפען, ר׳ פאַליק, אויב איך מיין אייך צו נויטען, אָדער אפילו אייך איינצורעדען, וואָס פאַר אייך איז נישט גלייכער! שווערט זיך שעיה, פאַליק׳ן די האַנד געבענדיג — נור וויסען מאָגט איהר, כדי מיט אַ קלאָרען קאָפּ זיך מישב צו זיין מיט אייער ווייב, מיט אייער איידים...

אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן אייער איידים! איך האָב

איהם ליעב, און ער בעקומט ביי מיר אָפּט אַ גמילות-חסד אַ הונדערטער. נור נישט דאָס וויל איך אייך זאָגען. איך מיין: איהר דאַרפט אַליין שכל האָבען און פערשטעהן, אַז איך גיעב אייך פאַר אייער הויז פופצעהן הונדערטער, וועט אייך קיי-נער אַזאַ מקח נישט באָטען. מילא, איהר ווילט נישט, האָט איהר די ברירה! נור אייער וואָרט גיעט מיר, באם איהר וועט אַמאָל יאָ וועלען פערקויפען, זאָלט איהר מיט קיין אַנדער קונה קיין רייד נישט מאַכען, איידער איהר וועט מיר צו ווי-סען טהון, אַז איהר האַלט ביי׳ם פערקויפען, אַזוי פיעל, מיין איך, איז קיין עולה נישט, וואָס איך פערלאַנג פון אייך.

פאַליק זיצט און פיהלט, ווי דאָס האַרץ קלעמט און קלעמט אין איהם, ווי די געדאַנקען מישען זיך און לויפען אַזוי געשווינד אין קאָפּ אַרום. נור די צונג איז איהם אָבגע-נומען... ער פיהלט און האָט מורא אַ וואָרט אַויסצוריידען.

— זאָגט איהר עס מיר צו? פרעגט שעיה ווידער.

— יאָ! ענטפערט פאַליק, אַבי פון איהם לייז צו ווערען.

ער טהוט זיך ענערגיש אַ הויב, רעדט שווערליך אַרויס: „אַ גוטען טאָג!" און געהט פון שטוב אַרויס.

אויף דער פרישער לופט בינדט זיך איהם אָב די צונג, און ער הויבט אָן פאַר זיך שעיה׳ן צו שעלטען אין טאַטען אַריין.

„אַ יצר-הרע, אַ שטן-מבלבל. ימח-שמו זאָל ער ווערען!" רעדט ער פאַר זיך. די פיס אָבער פלאָנטערן זיך אונטער איהם, און עס דאַכט זיך איהם, ער געהט עפּיס אַלץ באַרג אַרויף.

ער פיהלט, אַז ער איז שכור, חאָטש דער שכל איז נאָך נישט פערטרונקען. ער טאַפּט, צי האָט ער דאָס צעהן-רובל׳דיגע, ער שטעקט די האַנד אין קעשענע אַריין און דריקט דאָס צעהנרובלדיגע פאַפּיערל פעסט אין האַנד אַריין, ער זאָל עס פיהלען, אָבער ער גלויבט זיך שוין אַליין נישט און פּרובט זיך איבעררעכענען, ווי אַזוי האָט ער דעם חשבון געמאַכט, ביז עס איז אויסגעקומען פאַר דער אַרבייט גאַנצע צעהן רובל?

ער רעכענט און דערמאָהנט זיך אַקוראַט

„הייסט עס, זאָגט ער צו זיך, איך האָב נאָך מיין שכל נישט פערטרונקען, און איך מעג זיך אויף איהם פערלאָזען, אַז איך האָב שעיה'ן קיין תקיעת-כף נישט געגעבען, איהם דאָס הויז פערקויפען" . . .

„אַז איך וועל וועלען פערקויפען, זאָל איך איהם פריהער פאַר אַנ'אַנדערן מודיע זיין? דאָס יאָ. נור אַזוי לאַנג קרענקט ער און דאָס ווייב זיינס! דאָס איז אַביסעל אַ טרפה יודענע, אַ אָבגעקאָרמעט חזיר! . . . צאַפּען זאָל מען איהר בלוט, נישט שמאַלץ! זיבען מאָל פיינטער האָב איך זי פאַר שעיה'ן — שעיה האָט אַ טאַליע, אַ פיגור, און אַז מען גיעט זיך מיה, קאָן מען איהם אויפנייהען אַ בגד, עס זאָל זיין ווי אָבגעטאָקט. זי איז אַ קלאָץ! . . ."

„אַ דאַנק גאָט, וואָס איך בין נישט קיין דאַמסקער שניי-דער און דאַרף פאַר אַזאַ נישט נייהען. נישט מקנא בין איך שעיה'ן אַזאַ ווייב. איך בייט נישט מיין מאַטלעס פוס אויף זי איינגאַנצען. אַ פאַס חלב! עס וועט איהר נישט העלפען קיין צאַפּען אפילו!" . . .

— ר' פאַליק, וואָס איז דאָס? דערהערט ער פלוצלונג אַ קול נעבען זיך — ער קוקט זיך אום און דערקענט דעם שכן זיינעם.

— וואָס איז היינט עפּיס פאַר אַזאַ שמחה אַ גרויסע? דאַכט זיך אונטערן גלעזעל . . . ר' פאַליק! בעמערקט איהם דער שכן.

— עפּיס אַ שמחה'לע טאַקי, אַ שניידערשער סיום . . . ענטפערט פאַליק.

— דאָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז מען בעקומט אַ נייעם בעל-הבית, מען טראָגט איהם אָב אַ פאַרטיג שטיקעל אַרבייט, איז דאָס אַ שניי-דערשער סיום . . . איהר פערשטעהט אַנ'עסק?

— דאָס ערשטע מאָל טראָגט איהר אָב אַ שטיקעל סחורה?

פאַרוואָס האָב איך אַייך ביז אַהער קיינמאָל נישט געזעהען אַזוי בגלופינדיג?

— עס איז רעכט! אויף נאמנות, איך בין נישט שולדיג! שווערט זיך פאַליק.—צוגעשטאַנען צו מיר שעיה מיהלנער: נאָך אַ גלעזעל און נאָך אַ גלעזעל... אין פלוג האָב איך גאָר נישט פערשטאַנען, וואָס וויל ער מיט דעם. באַלד אָבער האָט ער אַליין אויסגעזאָגט וואָס ער מיינט—אַזוי לאַנג טהוט מיר מיין קאָפּ נאָך נישט וועה, ווי לאַנג איהם וועט עס נישט געראָטען!

— וואָס זשע מיינט ער? וויל דער שכן וויסען.

ער מיינט... גלייבער נישט איבעררעדען, פע! פונדעסטוועגען בעט איך אַייך—ווענדט זיך פאַליק צום שכן. דערצעהלט נישט מיין מאַטלען. זי וועט האָבען עגמת-נפש. אַ שאָד, אַ טייערע יודענע מיין מאַטלע, לעבען זאָל זי מיר ביז הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר!

— און איהר האָט טאַקי מורא, אַייער מאַטלע זאָל אַייך נישט אָבגט'ן, אַז זי וועט זיך דערוויסען, אַז שעיה האָט אַייך אָנגעשכור'ט? — פרעגט דער שכן אין שפּאַס.

— מורא? דאָס גראָד נישט! מיין מאַטלע איז נישט אַזאַ אשה, וואָס אַ מאַן ברויך פאַר איהר מורא צו האָבען. איהר עגמת נפש אָבער וויל איך איהר פערשפּאָרען. פערשטעהט איהר אַנ'עסק?

— וואָס פאַר עסקים האָט איהר מיט שעיה'ן? ווילט זיך דעם שכן וויסען.

— אַלץ ווילט איהר וויסען! איהר וועט דאָך גיך אַלט ווערען!

— אַ סוד-זאַך? פרעגט דער שכן ווייטער

— וואָס פאַר אַ סוד? אָבגעטראָגען איהם אַ שטיקעל אַרבייט, ער איז צופריעדען, האָט ער מיך מכבד געוועזען. אָט דאָס איז גאָר! — געקומען פון וואַרים-באָד, אָבגעצאַפּט איהם דאָרט אודאי אַ פוד שמאַלץ. בעקומען אַ פיגורע, מען קען פאַר איהם נייהען איצט, ער זאָל צופרידען זיין. אָבער די „אשתך" זיינע! מקנא בין איך נישט... אַזאַ פאַס חלב. לויטער

חלב, און טרפה איז זי ווי חלב. אַ מאוסע יודינע. איך האָב זי פיינט!

— אָבער וואָס האָט עס צו אַייך? רעדט פאַליק צו זיינע פיס, וואָס פלאָנטערן זיך איהם,— וואָס קימערט אַייך מעהר ווי דעם קאָפּ אויף די פלייצעס? פע, גאָר נישט דאָס האָב איך גערעכענט פון אַייך צו דערלעבען! איי, היידאַ! געהט, נו, ריהרט אַייך!

צוקומענדיג צו זיין הויז, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דאָס הויז בעוועגט זיך, טאַנצט פאַר שמחה.

— פע, נישט שעהן פאַר אַזאַ זקן שכור צו זיין!.. זאָגט ער צום הויז — וואָלסט וויסען, וואָס שעיה מיהלנער טראַכט וועגען דיר, וואָלסט דו נישט טאַנצען. מיאוס, ברו-דער, מיאוס!

אין דעם האָט איהם מאַטלע דורכ׳ן פענסטער דערזעהן, און איז אַרויסגעלאָפען איהם אַנטקעגען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג? האָט זי אַ געשריי גע-טהון, דערזעהענדיג איהר מאַן שכור, כמעט דאָס ערשטע מאָל זינט איהר חתונה,— פאַליק, שכור!? דו ביזט שכור! וועה איז מיר, וואָס האָב איך דערלעבט!...

— נאַ, זעה, צי בין איך שכור! ענטפערט ער מיט אַ שכור׳ן קוראַזש. אָט האָב איך דיר צעהן רובל געבראַכט! מיינסט אפשר, איך וויים נישט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין? די פיס נור, מאַטלע, זענען שוואַך געוואָרען, דער קאָפּ אָבער איז אַייזען-שטאַרק... און לאָז מיך פּרובען שעיה עפּיס פערנאַרען... אַזוי לאַנג קרענקט ער, ווי לאַנג איהם וועט עס נישט געראָטען.

— קום האָטש אין שטוב אַריין, וועט מיר די חרפה נישט זיין אַזוי גרויס! — שרייט מאַטלע און ציהט איהם פאַר׳ן אַרבעל אין שטוב אַריין.

פאַליק פערטשעפּעט זיך מיט אַ פוס איבער דער שוועל, שטרויכעלט און פאַלט. מאַטלע טהוט זיך אַ וואָרף אַ דערשראָ-קענע, איהם אויפצוהויבען.

— אַוועק! שרייט ער — אַליין געפאַלען, אַליין זיך אויפ-הויבען!

נור מאַטלע לאָזט איהם נישט, הויבט איהם אויף און פיהרט צו צום בעט.

— שען, זעהר שען! איך האָב מיך מיט וואָס איבער-צונעהמען! טענה'ט מאַטלע און הויבט אָן צו וויינען — ווען טויבעלע זעהט עס, וואָלט זי זיך אַ לעבעדיגע בעגראָבען פאַר חרפה! ווען עס דערהערען דאָס די קינדער אין אַמערי-קאַ, וואָלטען זיי זיך שעמען אויף דער גאַס אַרויסגעהן און צווישען מענשען זייערע אויגען בעווייזען!... אַ טאַטען אַ שכור!... גרינג אַזוינס פון מויל אַרויסצוריידען... וועה צו מיינע יאָהרען! ווען האָט זיך מיר אַזוינס גאָר געחלומט, צו וואָס האָב איך געדאַרפט די שעה גאָר דערלעבען!...

מאַטלעס טרעהרען האָבען באַלד געווירקט אויף פאַליק'ן. ער האָט זיך אַליין אויך פונאַנדערגעוויינט און געחליפעט, ווי אַ קליין קינד.

מאַטלע האָט איהם שוין געוואָלט בערוהיגען, נור פאַ-ליק'ס אויפגעוועקט האַרץ האָט זיך נישט געקענט בערוהיגען, ביז ער איז ענדליך אין אַ טיעפען שלאָף אַריינגעפאַלען און אַזוי אָבגעשלאָפען אָהן מנחה, אָהן מעריב און אָהן וועטשע-רע, ביז אויף מאָרגען בעגינען.

ווען ער איז אויף דער גאַס אַרויס און האָט זיין הויז דערזעהען, האָט ער זיך געפיהלט שטאַרק שולדיג.

שולדיג, וואָס ער האָט צוויי חדשים נאָר מיט שעיה'ס בנין זיך אינטערעסירט, און פאַר זיין אייגען הויז כמעט גאָר-נישט געטראַכט. שולדיג אויך, וואָס דאָס הויז, דאָס אָרים עלענד הויז, האָט איהם נעכטען אַזוי פרעהליך און שכור גע-זעהן, און האָט זיך געוויס מיט זיין בעל-הבית געשעמט...

— האָסט זיך דערלעבט, דיין בעל-הבית אין אַ מיטען מיטוואָך שכור צו זעהן! האָט ער צום הויז גערעדט — דו שעמסט זיך מיט מיר? האָב נאָר קיין טעות נישט, גוטער ברודער! נישט מיך, נור דיך האָט שעיה גנב געמיינט איינ-

צושכור׳ן, און פון די פיס דיך וואַרפען... דיין זכות האָב איך געגאָסען, און איצט איז מיר אַ חרפה פאַר מיין אייגע-נער מאַטלען מיינע אויגען צו ווייזען !...

איידער ער איז צוריק אין שטוב אריין, האָט ער נאָך געזאָגט: „פונדעסטוועגען האָב גאָר קיין יסורים נישט, מיין טייערער פריינד. איינמאָל אַ נאַרישקייט קען טהון דער קליג-סטער, אָבער מעהר נישט, מעהר נישט !... פע, ווי מיר איז פאַסקודנע אין מויל, ווי עס וואָלט סם אין מיין מאָגען גע-לעגען, זאָג איך דיר !...״

---

## X.

צוזאַמען מיט זיין אויסניכטערן זיך פון שעיה׳ס שפירט, האָט זיך פאַליק אויסגעניכטערט אויך פון דער שכרות, וואָס שעיה׳ס בנין האָט איהם ביז אַהער פערשכור׳ט. איצט האָט ער איינגעזעהן און זיך מודה געווען פאַר מאַטלען, אַז זי איז אַלעמאָל גערעכט געווען און איצט איז זי אודאי גערעכט.

— אמת, מאַטלע, האָט ער צו איהר געזאָגט, — אַ ביסעל שפּירט איז טאַקע אַ גוטע זאַך: נעהמט מען אַ קאַפּ — דער-פיהלט מען די נשמה מיט דעם האַרץ אין זיך. נור איין קאַפּ פיהרט צום צווייטען, און אַ קאַפּ נאָך נאָך אַ קאַפּ — צו איינשכור׳ן זיך אין אַ מיטען מיטוואָך און צו חרפות ביושים... זיך צו-קוקען צו אַ שענעם בנין איז אפילו גאָר קיין עולה נישט, אָבער דאָס איז אַ יצר-הרע! מען פערגעסט דאָס אייגענע צו-ליעב פרעמדס... אין די צוויי חדשים צייט האָב איך כמעט אויף מיין אייגען הויף און הויז נישט אַ קוק געטהון, און דער חורבן אין זייביידע איז זיך דערווייל גרעסער געוואָרען... דער פאַרקען בויגט זיך „כורעים״, די טרעפּלעך אין קעלער זענען צובראָכען, נישט אַכטונג געגעבען... אַ מצוה אויף מיר!... איצט וועט שוין קיין צוועקעס און קיין האַמער נישט

העלפען. אָבער דער עיקר מאַכט מיר אַ לאַך אין האַרצען דער דאַך. געוואַלד, דער דאַך! — בייז זאָל איך אַזוי וויסען, אויב איך הייב אָן צו וויסען, ווי וועלען מיר איבערווינטערן אונ-טער דער צופליקטער יאַרמעלקע?!

— זאָרג נישט, מיין מאַן, טרייסט איהם מאַטלע — נעהם זיך פאַר דיין אַרבייט, פערלאָז זיך אויף דעם, וואָס איך האָב די הענד נישט געוואַשען, און דו וועסט זעהן, ער וועט אונז נאָך טרייסטען.

— אָבער די קינדער דערמאָהנען זיך נישט אפילו אָב-צוזענטפערן. זעהסט דו, קוים האָט דער טאַטע עפּיס געבע-טען, שרייבט מען איהם שוין קיין בריוועלע אויך נישט.

— אפשר האָבען זיי נישט, אפשר קאָנען זיי נישט. מען טאָר אַ קינד נישט דן זיין! — פערענטפערט די געטרייע מאַמע.

און פאַליק האָט זיך טאַקע צו דער אַרבייט גענומען.

אלול-צייט האָט יעדער שניידער וואָס צו טהון, און פאַליק האָט אויך היי-יאָהר נישט וועניגער אַרבייט ווי אַלע יאָהר אין דער צייט. עס ווילט זיך איהם אפילו אַרויסגעהן חאָטש אַ רגע אַ קוק טהון, ווי מען פערענדיגט שעיה׳ס הויז, ווי מען מאַכט די קאַרניזען דאָרט אין דער הויך, ווי מען שטעלט די קראָקוועס, ווי מען וועט באַלד מיט בלעך דעם דאַך דעקען, נור אויס! נאָך וועניגער ווי פריהער וויל ער איצט מיט שעיה׳ן זיך בעגעגענען.

פריהער האָט ער איהם נור פיינט געהאַט, אָבער מורא האָבען, האָט זיך איהם געדאַכט, האָט ער פאַר איהם נישט; איצט האָט ער שעיה׳ן דוקא נישט פיינט, נור מורא האָט ער ערשט איצט פאַר איהם.

עס דאַכט זיך איהם, ער איז שעיה׳ן עפּיס שולדיג: שעיה האָט צו איהם גערעדט, נישט ווי אַ רייכער יוד רעדט צו אַ בעל-מלאכה, וואָס ברענגט איהם אָב אַ שטיקעל אַרבייט, נור פשוט, ווי עס רעדט אַ בעל-הבית צו אַ בעל-הבית, אַ שכן צו אַ שכן. שעיה האָט איהם אַ צעהנרובלדיגע אַסיגנאַציע

דערלאַנגט פאַר דער אַרבייט, וויפיעל ער האָט אַרויסגערעדט, און גאָר נישט געפּרובט אָבדינגען אַ רובל, ווי עס טהוען אַנדערע בעלי-בתים... און האָטש שעיה'ס ביסעל שפּירט האָט איהם פאַר זיין אייגענעם ווייב און הויז צו שאַנד געמאַכט, אָבער שעיה האָט זיך זיינס געטהון, געוויזען איהם, אַז ער זשאַלעוועט איהם נישט, און ער, פאַליק, האָט אַליין בעדאַרפט שכל האָבען, אַז יענער איז מחויב צו בעטען, און דער אַנדערער איז מחויב זיך צו היטען, ער זאָל די מאָס נישט אַריבערחאַפּען.

און עפּיס אַ מין כח האָט שעיה געקריגען אויף איהם, דאַכט זיך פאַליק'ן, וואָס ער קען גאָרנישט דערקלערען, וואָס דאָס איז אַזוינס. אַ כח, וואָס לעהמט איהם די צונג, וואָס נעהמט אָב דאָס לשון און די כחות ביי איהם... ווען שעיה זאָל נאָר וועלען, דאַכט זיך איצט פאַליק'ן, קאָן ער איהם ווי וואַקס צוקנעטען, און מאַכען פון איהם — אַלץ וואָס ער וויל...

אַזאַ כח שעיה'ס האָט ער אויף זיך געפיהלט אין יענער נאַכט אין דעם שרעקליכען חלום. אַזאַ כח האָט ער געפיהלט, בעת ער איז ווי אַ צומישטער ביי איהם געזעסען, אונטער דעם שפּירט-בעפעל, און ער האָט געמוזט שווייגען, האָטש דאָס האַרץ זיינס האָט זיך געריסען איהם צו ענטפערן: „גיכער קאָנט איהר מיין לעבען ביי מיר אָבקויפען, אָבער נישט מיין הויז!"

און אַ קעלט יאָגט איהם אַדורך די ביינער, ווען ער דערזעהט דורכ'ן פענסטער, ווי שעיה קומט צו זיין בנין, און גרינגער ווערט איהם, פיהלט ער, ווען שעיה געהט אַוועק.

„ניין, ניין! רעדט אָפט פאַליק צו זיך, גלייך ווי ער יואָלט וועלען פּראָטעסטירען געגען שעיה'ס כח, וואָס ער פיהלט איבער זיך — איך בין איהם גאָר נישט שולדיג, גאָר נישט, אַ גראָשען אויך נישט! ער האָט מיר צעהן רובל געגעבען, האָב איך זיי דען כשר און עהרליך נישט פערדיענט? ער האָט גערעדט צו מיר ווי צו אַ גלייכען שכן, בין איך דען נישט

אַזאַ יוד, אברהם אבינו׳ס אַ אייניקעל, אַזוי ווי ער? ער איז רייכער פאַר מיר? אַ ליגען! — ער האָט נור מעהר געלד פאַר מיר, רייכער בין איך!... איך בייט נישט מיין מאַטלעס פוס אויף זיין ווייבס קאָפּ. ער וויל די גאַנצע וועלט איינשלינגען, און איך וויל נישט מעהר, ווי אַ נייעם דאַך אויף מיין הויז...

ניין, איך האָב פאַר איהם קיין מורא נישט. נאָך אַמאָל איינשכור׳ן מיך וועט איהם שוין נישט געראָטען!"

און שטאַרקער און גיכער שטעכט ער מיט דער נאָדעל אין געוואַנד, און מאַטערט זיך, די שווערע געדאַנקען פון קאָפּ אַרויסצוטרייבען.

און די טעג שטעהען נישט. עס איז שוין ימים-טובים-צייט, דער טאָג איז קלענער, און פאַליק קוקט זיך אַרום: שעיה׳ס בנין האָט איהם אַ העלפט ליכט צוגענומען.

ער טרייסט זיך: דאָס איז נור ווי לאַנג דאָס נייע הויז איז נאָך פערשטעלט מיט דער ריסטאָוואַניע; באַלד וועט מען די ריסטאָוואַניע פונאַנדערנעהמען, וועט איהם אין זיין פענסטער קיין ליכט נישט פעהלען.

אַ גרעסערע דאגה אָבער האָט ער אַלץ וועגען דאַך: מיט די ימים-טובים קומט אויך דער רעגענדיגער אָסיען, און ער איז שטאַרק אין ספק, צי וועט דער אַלטער דאַך קאָנען בייסטעהן אַזאַ נסיון, דעם רעגען צו איהם אין שטוב נישט אַריינצולאָזען.

„קינדער, קינדער! רעדט ער צו זיך — שיקען וועלען זיי דאָך, — אין דעם בין איך אַזוי זיכער ווי אין זיך. גוטע קינדער, געטרייע קינדער. אָבער פאָרט קינדער... זיי ווייסען נישט, ווי מיר קריכען מיינע אויגען אַרויס וואַרטענדיג, און דאָס הויז קאָן אודאי נישט וואַרטען!"

און האָטש ער איז אַזוי זיכער, אַז די קינדער וועלען שיקען געלד אויף אַ דאַך, פונדעסטוועגען שטרענגט ער זיך אָן און בלענדעט זיינע אַלטע אויגען שפעט ביינאַכט ביי דער אַרבייט, טאָמער שיקען זיי נישט, זאָל ער פון די ערב יום-טוב׳דיגע פערדינסטען קאָנען אָבשפאָרען עטליכע רובל, האָטש

די לעכער ווי עס איז מיט ברעטער פערשלאָגען, עס זאָל חאָטש מעגליך זיין איבערצעווינטערן. און מאַטלע קאַרגט אויך, זי האָפט נאָך ווענינער פאַר איהר מאַן אויף די קינדערשע הילף, און זי ווייסט, צו וואָס די אָבגעקאַרגטע עטליכע גראָ-שען זענען איצט נויטיג.

ראש-השנה, יום-כפור איז דאָס וועטער דוקא שעהן און טרוקען געוועזען, דערפאַר האָט, ווי דער שטייגער איז, גערעגענט גאַנץ סוכות.

פאַליק איז מיט זיינע שכנים אין סוכה געזעסען, און ווי עס האָט אָנגעהויבען אַ גרויסער רעגען צו גיסען, זענען זיי אַלע אין שטוב מיט די טעלער אין די הענד אַריינגעלאָפען. ווי פינסטער איז געביך פאַליק'ן אויפ'ן האַרצען געוואָרען, אַז ער האָט דערזעהן, דאָס ביי איהם אין שטוב און ביי די שכנים רעגענט אַריין נישט ווענינער ווי אין סוכה.

— בעל-הבית, וויצעלט זיך אַ שכן — לאָמיר געהן צוריק אין סוכה אַריין! אין שטוב איז נאָך ערגער.

„ער שיט מיר נאָך זאַלץ אויף מיינע וואונדען!" האָט פאַליק אויסגערעדט שטיל.

— אָבער וואָס וועט זיין, בעל-הבית? נישט אין סוכה און נישט אין שטוב, חאָטש נעהם און קריך אין דער ערד אַריין! שרייט שוין דער שכן מיט קולות.

— עס איז דאָך יום-טוב, איך וועל אום יום-טוב נישט קריכען אויפ'ן דאַך פעררריכטען! האָט פאַליק געענטפערט — רעגענט אַריין אַ ביסעל, שטעלט מען אונטער אַ כלי. וואָס קאָן אַ יוד זיך איין אַנדער עצה געבען אום יום-טוב?

און אָרימע יודישע שכנים זענען שוין געוועהנט אונ-טערצושטעלען אַ מולטער, אַ טאָפּ, אָדער איין עמער, בעת אויף דער גאַס געהט אַ רעגען, און אין שטוב פון דער סטעליע קאַפּעט איבער'ן קאָפּ.

פאַליק האָט דעם יום-טוב ווי עס איז מיט חסד גע-פטר'ט, אָבער נאָך ערגער איז געוועזען דער שבת בראשית.

שבת נח איז טאַקע דער גאַנצער מבול אויסגעגאָסען געוואָרען אויף פאַליק'ס תיבה.

— רבותי, האָט פֿאַליק אויף מאָרגען צו די שכנים געזאָגט — איהר ווילט דאָך, עס זאָל אין שטוב נישט אַריינ-רעגענען, טאָ צאָהלט מיר אָב פֿאַר דעם חודש, וואָס קומט שוין פֿון אייך דירה-געלד, און גיעט פֿאַר דעם חודש וואָס וועט קומען אַפֿריהער, אַ רובל זעקס, רעכֿען איך, וועל איך נאָך צוזאַמענגעהמען ביי מיינע קונדען, וואָס מיר קומט פֿאַר אַרבייט. אינאיינעם וועל איך נאָך קענען דעם דאַך אויס-לאַטען ווי עס איז... וואָס קאָן איך בעסער מאַכען, אַז אַמע-ריקאַ איז אַזוי ווייט, און דער אָסיען—שוין אַזוי נאָהענט! און וויל נישט וואַרטען ביז די קינדער וועלען זיך דערמאָהנען, דעם טאַטען אויף אַ נייעם דאַך צושיקען...

— רעדט זיך נישט איין, ר׳ פֿאַליק, אַז אייער דאַך קאָן איצט נאָך העלפֿען אויסלאַטען! אין וואָס וועט איהר שלאָגען די צוועקעס? אַלץ איז פֿויל און, שפּינוועבס! קאָנט איהר מאַכען אַ נייעם דאַך, מאַכט! אַז נישט — וועלען מיר זיך אַרויס-קלויבען, אייך איין גראָשען דירה-געלד נישט געבען, אפֿילו פֿאַר דעם אָבגעוואוינטען חדש! האָט בערל דער פֿוהרמאַן איהם געמעלדעט פֿאַר זיך און פֿאַר די צוויי אַנדערע שכנים, וואָס וואוינען דאָ מיט איהם ביי פֿאַליק׳ן.

פֿונדעסטוועגען האָט זיך פֿאַליק מיט בעלי-מלאכות גע-זעהן, אָבער יענע האָבען איהם אויך דאָס אייגענע געזאָגט: מען קען שוין דעם אַלטען דאַך נישט העלפֿען. מען מוז דע-קען דאָס הויז פֿון דאָס ניי, פֿון אָנהויב ביז׳ן סוף.

פֿאַליק האָט נאָך די האָפֿנונג נישט פֿערלאָרען. די קינ-דער וועלען פֿאָרט שיקען, זיי מוזען שיקען און וועלען שי-קען! און יעדעס מאָל, ווען ער האָט דעם בריעפֿטרעגער דער-זעהן, איז ער צוגעלאָפֿען פֿרעגען: צי האָט ער נישט פֿאַר איהם אַ בריעף פֿון אַמעריקאַ? נור אָט איז איינמאָל דער בריעפֿטרע-גער אַריין צו איהם גאָר נישט געריכֿט מיט אַ בריעף. נור איידער ער האָט איהם דעם בריעף געגעבען, האָט ער זיך געהייסען צוצאָהלען צוואַנציג קאָפּיקעס, אַנוויזענדיג אויף דאָס קליין שטעמפּעלע אויפֿ׳ן קאָנווערט, מיט דער ציפֿער 20.

פאַליק'ן איז שווער געוועזען צו פערשטעהן פאַר וואָס דאַרף ער צוצאָהלען צוואַנציג קאָפּיקעס? דאַכט זיך, דער בריעף איז דאָך מיט דריי מאַרקעס, וויפיעל איז אַ שיעור? דעם בריעפטרעגער האָט רייד געקאָסט, איידער ער האָט איהם צו פערשטעהן געגעבען. גראָד איז מאַטלע אין יאַטקע אַוועק, און פאַליק האָט אַ גראָשען ביי דער נשמה נישט געהאַט.

— לייהט מיר צוואַנציג קאָפּיקעס, ביז מאַטלע וועט קו-מען! ווענדט ער זיך צום שכן, וועלכער איז אויך אַריינגע-קומען דערביי צו זיין, ווי פאַליק וועט דעם בריעף פון אַמע-ריקאַ לייענען. דער שכן האָט אָבער מורא געהאַט, טאָמער וועט פאַליק די צוואַנציג קאָפּיקעס איינהאַלטען פאַר דירה-געלד, וואָס קומט שוין פון איהם פאַר אַ חודש, און האָט די צוואַנציג קאָפּיקעס נישט געשטעקט.

— נאַרישער יוד, מאַכט פאַליק צום שכן מיט שטאָלץ און זיכערקייט — וואָס האָט איהר מורא? איהר זעהט דאָך, אַז אין בריוועל ליגט אַ דאַך פאַר'ן הויז! גיכער, לאָם איך שוין וויסען וויפיעל האָבען זיי געשיקט, און וואָס מאַכען זיי.

דעם שכן האָט זיך אויך געדאַכט, אַז דאָ מוז זיין געלד, אָדער אַ אָנווייזונג אויף געלד, אַז נישט, וואָלט דער בריעפטרעגער זיך נישט הייסען צוצאָהלען גאַנצע צוואַנציג קאָפּיקעס... און ער האָט דאָס מאָל ריזיקירט און האָט פאַליק'ן די צוואַנציג קאָפּיקעס געגלויבט.

מיט ציטערנדע הענד האָט פאַליק דאָס בריוועל געעפענט.

קיין געלד און קיין אָנווייזונג אויף געלד איז אָבער נישט געוועזען.

פאַליק האָט דאָס בריוועל גוט פונאַנדערגעלעגט, גע-טאַפּט אין ליידיגען קאָנווערט, געזוכט אַרום זיך אויף דער ערד, טאָמער איז די אָנווייזונג אונגערן אַראָבגעפאַלען בעת'ן עפענען — נישטאָ!...

— אַ פייג, נישט קיין געלד האָבען זיי געשיקט! בעמערקט דער שכן מיט נקמה אויף פאַליק'ן, וואָס האָט דערוויל די צוואַנציג קאָפּיקעס ביי איהם אויסגענאַרט.

— ווער עס האָפּט צו קינדער, האָט אַלעמאָל אַזאַ פּסק! בעמערקט די שכנה ביי פאַליק'ן אין קיך, אַ אלמנה, וואָס האָט אויך קינדער ערגעץ אין אַמעריקאַ, און וואָס דער־מאָהנען זיך גישט, חאָטש איינמאָל אין יאָהר איהר אַ בריוועל צו שרייבען.

פאַליק שטאַרקט זיך און נעהמט זיך לייענען דאָס בריעוועל.

און אין בריעוועלע האָבען די קינדער איהם געשריבען, אַז זיי האָבען זעהר אַ גוטען זומער געהאַט.

שלומ'קע קלויבט זיך אַ חתן צו ווערען, און חיימ'קע האָט שוין אויך אַנ'אויסקוק אויף אַ כלה. הכלל, זיי וועלען אַלע אין אַמעריקאַ מאַכען אַ פיין לעבען. מכח וואָס דער טאַ־טע בעט, מען זאָל איהם שיקען געלד אויף אַ נייעם דאַך אויף זיין „אַלטער חורבה”, זענען זיי איהם מחויב צו זאָגען, שרייבען זיי, דאָס זיי געפינען, אַז זייער שוואָגער, טויבע־לעס מאַן, איז אַ סך פראַקטישער פאַר איהם, פאַר'ן טאַטען.

ווי דער שוואָגער שרייבט — שרייבען זיי איהם — קאָן דער טאַטע בעקומען פופצעהן הונדערט רובל פאַר דאָס הייזעל.

און אַז דאָס הייזעל איז שוין אַ חורבה, זעהט מען אַרויס פון טאַטענס בריעף אַליין. איז דאַך טאַקי אַ שאָד איין גראָשען זיך צו לאָזען קאָסטען אויף אַ נייעם דאַך...

בעסער פערקויפען די חורבה ווי זי שטעהט און געהט, נעהמען די עטליכע גילדען, געבען טויבעלען פינף הונדערט רובל, און דאָס איבעריגע זאָל דער טאַטע ביי זיך בעהאַלטען. קומען מיט דער מאַמען צו זיי קיין אַמעריקאַ, און נישט דאַרפען אָבלעבען אַ לעבען אין עלענדקייט און דאגה.

„אין אַמעריקאַ, טאַטע, — שרייבט צו דער עלטערער זוהן, — האָרעווען קינדער פאַר עלטערן, און נישט עלטערן — פאַר קינדער!”

„דו האָסט שוין גענוג געהאָרעוועט פאַר אונז, איצט זע־נען מיר שוין מחויב צו האָרעווען פאַר דיר!...”

„קום מיט דער מאַמען, אַייך וועט ביי אונז גוט זיין

זוי די גאַנצע וועלט. — דו וועסט אונז נישט איבעריג זיין. וועסט דו נישט וועלען זיין ביי אונז, האָסט דו דיינע טוי־זענד רובל. ביי אונז איז עס אפילו נישט מעהר ווי פינף הונ־דערט דאָלאַר, אָבער אויף צו דינגען זיך אַ דירה מיט פיינעם מעבעל וועט עס אייך גענוג זיין. אין ערגסטען פאַל, קאָן נאָך דער טאַטע בעשטעהן זיין וועלטעל אין אַמעריקאַ טויזענד מאָל זיכערער, ווי דאָרט ביי אייך.

„אין אַמעריקאַ דאַרף מען גאָר נישט זיין פון די געהוי־בענע בעלי-מלאכות. אַרום איין בגד האָבען צו טהון צוואַנציג אַרבייטער: איינער שניידט צו, דער אַנדערער סטריגעוועט אָן, אַ דריטער שטעפּט אויף דער מאַשין, און אַזוי ווייטער. אפילו דער וואָס קאָן נאָר קנעפּלעך גוט אייננייהען, פערדינט זיין שכירות בעסער ווי ביי אייך דאָרט דער ספּעציאַליסט דער שניידער.

„מיר בעטען דיך און די מוטער, איהר זאָלט גאָר אַנ־דערש נישט טהון. זעהן וואָס גיכער פון אייער אַלטער חאַ־לופּע פּטור צו ווערען, און נעהמט דאָס פּעקעל מיט'ן זעקעל און קומט!

„פאַר אונז, טאַטע, דאַרפסט דו גאָר נישט דאגה'ן, דו ביזט גאָר ניט מחויב אונז ירושה צו לאָזען אַ הויז מיט אַ גאַנצען דאַך. סיי ווי וועלען מיר צוריק אין דער אַלטער היים נישט קומען... גיכער וועלען אַלע פון דער אַלטער היים צו אונז קומען, איידער מיר — צו אייך. ווערדליג ווי מען שרייבט אין די היגע גאַזעטען און ווי מען הערט זיך אָן דערצעהלענ־דיג, ווערט אונזערע ברידער ביי אייך וואָס אַמאָל אַלץ ער־גער און ערגער... צו וואָס-זשע זאָלט איהר וואַרטען ביז מען וועט אייך חלילה טרייבען מיט שטעקענס, איהר זאָלט פאַהרען? פאָהרט בעסער מיט אייער אייגענעם גוטען ווילען!

„דאָ איז אַ פרייע וועלט, אַ יוד צי נישט אַ יוד, אַלע זענען דאָ מענשען מיט מענשען גלייך. און עלטערן, וואָס האָבען דערוואַקסענע קינדער, ברויכען פאַר זייער עלטער זיך נישט שרעקען.

„טויבעלע מיט'ן מאַן וועלען אויך קומען, און איהר האָט זיך גאָר נישט וואָס מישב צו זיין. די אַלטע ווענד, דער פוילער דאַך, אַ כפרה פאַר אונז אַלעמען! און אַז דו וועסט דאָ זיין, טאַטע, וועסט דו ערשט זעהן, וואָס פאַר אַ הייזער אַמעריקאַ פערמאָגט.

„שרייב אונז באַלד אַנ'ענטפער, אַז דו האָסט דאָס הויז פערקויפט, וועלען מיר דיר אַרויסשיקען שיפס-קאַרטען פאַר דיר און פאַר דער מאַמען, און שרייבען אַייך ווי אַזוי איהר וואָלט פאָהרען.

„אין גיכען זיך צו זעהן געזונטערהייד אין אַמעריקאַ!".

* *

— אַ טייער בריעוועל, טויזענד מאָל טייערער ווי אַ נייער דאַך אויף אַייער הויז, ר' פאַליק! האָט דער שכן בע-מערקט, ווען פאַליק האָט געענדיגט לייענען דאָס בריוועלע.

— אַ נאַר וועט איהר זיין, אויב איהר וועט זיי נישט פאָלגען! האָט דער צווייטער שכן זיין מיינונג געזאָגט.

אין דער אמת'ן, דאַרפט איהר דאגה'ן, וואָס נאָך הונ-דערט מיט צוואַנציג יאָהר וועט זיין? אַלץ איין דאַנק, צי מען לאָזט קינדער גאָר דאָס גוטס, צי—גאָר נישט!...

— גאָלדענע קינדער, האָט אויך די שכנה איהרס אַרויס-געזאָגט — דאַנקען דעם בורא דאַרפט איהר, ר' פאַליק, פאַר אַזעלכע קינדער! אָט האָט איהר אַ סימן פון מיר: איך האָב אויך זיהן און טעכטער אין גאָט'ס וועלט ערגעץ — אַ סך ווייס איך פון זיי? אויף אַלע פיער חאָטש, דאַכט זיך מיר, וואָלט איך אַוועקגעקראָכען צו זיי, ווען איך זאָל נור וויסען וואו זיי זענען!

אין דעם איז מאַטלע אַריינגעקומען.

— אַ געבענשטען בויך האָט איהר, מאַטלע קרוין! איז איהר די שכנה אַנטקעגען געלאָפען, אָנזאָגען די שמחה פון

דעם בריעוועלע, — אַייער מאַן האָט ערשט אַ בריוועל פון אַייערע קינדער געלייענט, מיט גאָלד גלייך יעדעס וואָרט!

פאַליק האָט פאַר מאַטלען דאָס בריעוועלע נאָך אַמאָל איבערגעלייענט. אַלע שכנים האָבען נאָך אַמאָל זיך אַיינגעהערט, און אַז פאַליק האָט ווידער געענדיגט, האָבען זיי אַלע געזאָגט: „גאָט ברוך הוא מאָג אייערע קינדער העלפען פאַר אַזאַ כבוד אב ואם!"

— וואָס זאָגסט דו איצט? פרעגט פאַליק מאַטלען.

— איך ווייס? גאָט ברוך הוא זאָל טאַקע אונזערע קינדער בעצאָהלען מיט אַלץ, וואָס מיר ווינשען זיי, פאַר זייער גוט האַרץ און כבוד אב ואם!

— וואָס אמת איז אמת, גוטע קינדער זענען זיי טאַקע, איז פאַליק אויך מסכים — וואָס קומט אָבער אַרויס, פון אַזאַ גוטסקייט וועט קיין נייער דאַך נישט ווערען!...

# XI.

און עס ריהרט זיך פאַליק'ן דער מוח פשוט, פון נישט שלאָפען און טראַכטען, וואָס דאָ זאָל ווערען...

עס ווילט זיך איהם יאָ אַ פאָהר טהון, און זעהן ווי די קינדער לעבען אין אַמעריקאַ. זיין דאָרט אַ פאָר וואָכען ביי זיי, דערמאָהנען זיי, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס קוקט אויך אויף אַמעריקאַ, אַזוי גוט ווי דאָ, און וואָס מען טאָר דאָ נישט טאָר מען אין אַמעריקאַ אויך נישט... אַגב, אין איין גאַנג טאַקע זיך אָנזעהןגאָטס וועלט. זעהן שטעדט, מענשען אַלערליי, ימים און טייכען און אַלץ וואָס גאָט פערמאָגט אין זיין וועלט.

„נור ווען וואָלט עס אַלץ גוט געוועזען, ווען איך קען אַ פאָהר טהון אויף עטליכע וואָכען און קומען דערנאָך צוריק, צו מיין שטאָדט, און זיין אַ בעל-הבית דאָ איבער מיין אייגען הויז ווי פריהער

„נישט דאָס אָבער מיינען דאָך די קינדער... זיי הייסען מיר דאָס הויז פערקויפען, זיך אויסרייסען פון דער אַלטער היים מיט אַלע וואָרצלען, און זיך אַריבערהאַפּען אַהין צו זיי, און אין אַמעריקאַ שוין בלייבען אייביג״...

„ניין, דאָס קאָן איך נישט!״... רעדט ער אָפּט שטיל פאַר זיך. און אַיינגעבויגען זיצט ער זיך ביי יין וואַרשטאַט, די האַנד נייהט און דער קאָפּ טראַכט און קלערט נאָכאַנאַנד, וואָס צו בעשליסען.

— איך זאָג דיר, מאַטלע, עס איז מיר אַ שווער לייע-נען געוואָרען זייער בריעוועל... האָט ער אַמאָל אַזוי אין מיטען נייהען צו זיין וויב געזאָגט — זיי ווילען, מיר זאָלען דאָרט נעבען זיי אויסלעבען אונזערע עטליכע יאָהרען, וואָס מיר האָבען נאָך צו לעבען... גאַנץ פיין פון זיי, אָבער איך קען עס ביי זיך נישט פועל'ן!...

דאָ בין איך — „איך״: איטליכער קען פאַליק'ן און פאַ-ליק קען דאָ איטליכען. דאָ האָב איך מיר מיין הויז; טאַקע מיט אַ אַלטען צוריסענעם דאַך, אָבער פאָרט מיין אייגענס. דאָ פערנעהם איך אַ שטיק פלאַץ אין מיין שטאָדט, און אפילו נאָך מיין טוידט, ווער עס וועט פאַרבייגעהן פאַרביי מיין קבר אויפ'ן היגען בית-עולם, וועט וויסען, אַז דאָ ליגט פאַליק דער שניידער, וואָס איז דאָ אין שטאָדט געבוירען געוואָרען, געלעבט, עהרליך זיין חיונה פערדינט, און קיינער וועט חלילה נישט האָבען וואָס שלעכטס מיר נאָכצוזאָגען. וואָס אָבער וועל איך דאָרט אין אַמעריקאַ זיין? אַ אָבגעריסען פערוועלקט בלאַט פון ערגעץ אַ וויטען בוים, וואָס אַ ווינד האָט עס פערטראָגען ערגעץ אין אַ פרעמדען וואַלד אַריין, צווישען אַנדערע בוי-מער, צווישען גרינערע און יונגערע בלעטער...

ווער וועל איך דאָרט זיין? ווער און וואָס וועט מיינס דאָרט זיין? לעבעדיגערהייט: אַ פרעמדער אַ פערוואָגעלטער, און טויטערהייט — אַ עלענדער, אַ פערגעסענער... מיט דער צייט וועט דער ווינד מיין קבר פערוועהען, און קיינער וועט גאָר נישט

זיסען, אַז עס האָט געלעבט אַמאָל אַ פאַליק, און עס איז געשטאָרבען דער פאַליק...

— אָבער אונזערע קינדער זענען דאָך דאָרט, רופט זיך אָב מאַטלע — מיר וועלען דאָרט זייערע זיין, ווי זיי זענען אונזערע.

— גאָט ווייסט! זיפצט אויס פאַליק — עפעס דאַכט זיך מיר, אַז זיי וועט זיך פערוועלען, מיר זאָלען דאָרט צו־ריק יונג ווערען... פון דאָס ניי דאָרט אַ לעבען אָנהויבען צו פיהרען, צו וועלכען עס וועט אונז שווער זיין זיך צו צוגעוועהנען... און אַז זיי וועלען מיט דער צייט איינזעהן, אַז מיר קענען פאָרט נישט נאָך אַמאָל יונג ווערען און לעבען ווי זיי לעבען, וועלען מיר זיי אויך איבערדריסיג ווערען, און מיר וועלען שוין אפילו מעהר דאָס גוט וואָרט פון זיי נישט הערען, וואָס מיר לייענען נאָך איצט אין זייערע בריעוועלעך...

— ניין, מאַטלע, אַ סך גרינגער איז זיי צו שרייבען: „קומט צופאָהרען”, ווי אונז טאַקע צו קומען צופאָהרען.

— פאָהר נישט, זאָגט זי — נויטען נויט מען דיך דאָך נישט.

— דאָס איז אויך נור גרינג אַרויסצוריידען, אָבער נישט צו טהון! ענטפערט ער — קאָנסט דו ביי זיך פועל'ן, אַז ביז דיין טויט זאָלסט דו דיינע אייגענע קינדער שוין מעהר נישט זעהן? נישט זעהן זייערע כלות, זייערע קינדער? און שטאַר־בען מיט דער זיכערהייט, אַז דיינע קינדער, וואָס דו האָסט אונטער דיין האַרצען געטראָגען, מיט שמערצען געבוירען און מיט גרויס צער און מיה אויסגעהאָדעוועט, וועלען קיינמאָל דיין קבר נישט אָנזעהן, און ווער ווייסט, צי וועלען זיי אַפילו זיך דערמאָהנען אַמאָל נאָך דיר אַ קדיש צו זאָגען און אַ יאָהר־צייט צו שטעלען?!...

מאַטלע האָט איהרע טרעהרען נישט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך צעוויינט.

— מען מאָג וויינען און קלאָגען צו דער גזרה פון אַמע־ריקאַ! האָט פאַליק זיין אייגען בעטריבט האַרץ און זיין רחמנות אויף מאַטלען אַרויסגערעדט.

— אונזערע עלטערן האָבען פון אַמעריקאַ נישט גע-וואוסט און אונזער צער נישט געהאַט... זינט יודען האָבען אָנגעהויבען פאָהרען קיין אַמעריקאַ, זענען די עלטערן געוואָרען הינער, און אונזערע קינדער — קאַטשקעס!... מיר שטעהען ביים ברעג וואַסער און קוקען צו מיט שרעק, ווי די קינדער אונזערע שווימען דעם ים אַריבער... נאָכשווימען זיי קענען מיר נישט, בלייבען מיר ביים ברעג און בענקען נאָך זיי, אָבער מיט זעהר וועניג האָפנונג, זיי נאָך אַמאָל צו זעהען...

— ניין, ניין, דו מאָגסט זיך זאָגען, מאַטלע, וואָס דו ווילסט, אונזערע עלטערן האָבען פון אַזאַ פיין און צער נישט געוואוסט!... האָט פאַליק נאָך אַמאָל אויסגערעדט, אַ קלאַפּ געטהון מיט דער האַנד איבערן טיש, און האָט זיך געשטעלט מנחה דאַווענען.

אַזוי זיצט ער ביי זיין וואַרשטאַט, שטעכט מיט דער נאָדעל ווי אַ מאַשינע אין דער מאַטעריע אַריין, און זיינע געדאַנקען וואַרפען איהם ווי אין אַ פיבער אַהין און אַהער. אָט בלייבט שוין ביי איהם אַ הסכם: דאָ בלייבען, שטאַרבען דאָ אונטער זיין אייגענעם דאַך, וואו ער האָט אַזוי פיעל יאָהרען פערלעבט, און אָט קומט איהם אַרויף אַ געדאַנק און ער פרעגט זיך:

וואָס בין איך פאַר אַ פאָטער? וואָס טהוען נישט עלטערן צוליעב קינדער? האָט יעקב אבינו נישט פערלאָזען זיין טייער לאַנד כנען, און איז נישט אויף עלטערע יאָהרען אַוועק קיין מצרים אַוועק צוליעב זיין זוהן יוסף'ן?

„מעשי אבות ירשו בנים"!

„אפשר לערנט אונז טאַקי די תורה דערמיט, אַז מיר דאַרפען אויך אַזוי טהון: לאָזען די געבוירען-שטאָדט, דאָס אייגענע הויז, דעם בית-מדרש מיט אַלץ, וואָס איז מיר דאָ ליעב און טייער, און זיך אַוועקלאָזען אַהין ווייט מעבר לים, קיין אַמעריקאַ, ווייל מיינע קינדער זענען דאָרט און רופען מיך צו זיך? — ווילסט דו אַזוי, רבונו של עולם, טאָ זאָל זיין אַזוי"...

ביי נאַכט אָבער, ווען ער ליגט שוין אין בעט און

מאַכט דעם סך-הכל פון אַלץ, וואָס ער האָט אַ גאַנצען טאָג אָבגעקלערט, גיעט ער זיך פלוצלונג אַ פרעג:

„וואָס גלייך איך מיך צו יעקב אבינו? איהם האָט גאָט געזאָגט: „געה”, איז ער געגאַנגען! פון וואַנען אָבער וויים איך, אַז גאָט הייסט מיר געהן?

„איך וויים נור, אַז אין מיר האַלטען איצט מלחמה דער יצר-הרע מיט'ן יצר-טוב. איינער זאָגט: „נישט ריהר זיך, פאַליק! פערקויף נישט דיין הויז, פאָהר נישט קיין אַמעריקאַ, דו וועסט חרטה האָבען און נישט קאָנען צוריק חאַפּען!” און דער אַנדערער זאָגט:

„עלטערן דאַרפען געהן נאָך זייערע קינדער! עס געהען טויזענדער יודען קיין אַמעריקאַ, מסתמא ווייזט זיי אָן גאָט אַליין דעם וועג אַהין... זיי נישט קליגער פאַר דער גאַנצער וועלט, געה דו אויך, וואוהין אַלע געהען! זיי אַ פאָטער צו דיינע קינדער, דערמאָהן זיי אָן גאָט, און דערלעב אין אַמעריקאַ אַ סך נחת פון זיי!”

דאַכט זיך,ביידענס טענות זענען מיט שכל און מיט יושר, נור דאָס איז קלאָר, אַז איינס זאָגט דער יצר-טוב, און דאָס אַנדערע — דער יצר-הרע, הייסט זיי דער קלוגער און וויים: ווער פון זיי איז דער יצר-טוב, און ווער — דער יצר-הרע...

---

# XII.

די דאגה וועגען אַ דאַך האָט עטליכע טעג פאַליק'ן אָבגעלאָזען, נישט ווייל עס איז אַ שעהן וועטער געווען, און ער האָט געמיינט, אַז אַזוי וועט זיך שוין דער ווינטער שטעלען, און ער וועט, ווי עס איז, זיך בעגעהן אָהן אַ נייעם דאַך, נור ווייל זיין קאָפּ איז אינגאַנצען פערנומען געוועזען מיט דער דאגה וועגען פאָהרען צו די קינדער, אַדער — נישט.

עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז טאַקע צוליעב דעם איז איצט אַ שעהן וועטער, און ער הערט קיין טענות נישט פון זיינע שכנים, וואָס עס רעגענט ביי זיי אַריין, כדי ער זאָל מיט אַ קלאָרען קאָפּ זיין בעשלוס, אַהער אָדער אַהין, בעסער קענען בעקלערען.

נור אַפּנים, אַז דער טערמין אויף בעקלערען זיך, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען, איז שוין אַריבער, און אָט האָט זיך אָנגעטראָגען אַ שטורמווינד, וואָס האָט נישט נור זיין דאַך אַליין, אָבער אויך לייטישע דעכער גרויסע שאָדען אָנגעטהון.

— אַהאַ, מאַכט פאַליק צו זיין מאַטלען, דערהערענדיג, ווי דער ווינד רייסט דעם דאַך,—ער בייזערט זיך שוין, דער אַלטער... אין כעס, מסתמא, וואָס דער נאַרישער מענש טראַכט צו לאַנג...

— וואָס זאָגסט דו, מאַטלע, אַריבערגעהן צו שעיה׳ן זאָגען איהם, אַז איך פערקויף איהם דאָס הויז מיינס, און פאָהר קיין אַמעריקאַ; אָדער איינמאָל פאַר אַלע מאָל, זיך בעשליסען דאָ בלייבען, און מיט אַ דאַך זיך פערלאָזען אויף דעם אויבער-שטענס חסד, אַז ער וועט מסתמא צושיקען אַ ישועה, ווי צו קענען חאָטש איבערווינטערן אין אונזער הויז?...

— פרעג מיך בעסער נישט! ענטפערט מאַטלע — אַ מאַ-מעס האַרץ איז נישט אַ טאַטענס האַרץ... מיר זענען די קינדער טהייערער ווי צעהן אַזעלכע הייזער... בפרט אַז טויבעלע מיט׳ן מאַן און די קינדערלעך, זאָלען געזונד זיין, רעכענען אויך באַלד נאָך פסח אַוועקצופאָהרען.

— הייסט עס, דו זאָגסט איך זאָל דאָס הויז יאָ פערקוי-פען? וויל פאַליק הערען פון זיין ווייב קלאָרע דבורים.

— קיין דעה זאָג איך דיר נישט! ווי דיין האַרץ הייסט דיר, אַזוי טהו, און ווי דו וועסט טהון, זאָל זיין מיט גאָט ברוך הוא׳ס ווילען, מיין מאַן!... ענטפערט זי.

געוואָלט האָט פאַליק, זיין ווייב זאָל איהם טאַקע קלאָ-רער איהר דעה אַרויסזאָגען, כדי ער זאָל חאָטש האָבען אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטען, און דאָס יאָ פערקויפען, נישט פערקויפען

יאָלען זיך אַזוי נישט פלאָנטערן אין זיינע געדאַנקען, אַ רגע אַהער, אַ רגע אַהין, נור מאַטלע וואַרפט די גאַנצע לאַסט אַרויף אויף איהם, און אַליין ווייסט ער בשום אופן נישט צו וואָס בעסער זיך צו ענטשליסען.

ביי נאַכט איז דער ווינד שטילער געוואָרען.

— זעהסט, מאַטלע, האָט פאַליק פאַר׳ן שלאָפען געהן צו זיין ווייב געזאָגט — וואָס שטאַרקער אַ ווינד בלאָזט, דאָס גיכער געהט ער אַריבער... אַ מענש, זאָג איך דיר, דאַרף זיך נישט מיאש זיין! אפילו ווען עס בלאָזט אַזאַ שטורם אין זיינע געדאַנקען ... ווייס איך, „גם זה יעבור!" האָט אַמאָל אַ קלוגער מענש געזאָגט.

פאַליק האָט „קריאת שמע" געלייענט, גאָט געדאַנקט, וואָס עס איז קיין רעגען נישט געווען, און זיך געלעגט אין בעט אַריין שלאָפען.

דער מיעדער קאָפּ, פון זיינע שווערע געדאַנקען עטליכע טאָג כסדר, איז גיך אין אַ טיעפען שלאָף פערזונקען געוואָרען.

ווי לאַנג ער האָט אַזוי געשלאָפען אונגעשטערט, קען ער זיך נישט דערמאָהנען, נור עפּיס האָט איהם פּלוצלונג אויפגעוועקט. ער האָט די אויגען געעפענט. אַרום איהם איז פינסטער, נור עס רוישט און קלאַפּט עפּיס.

צי פאָהרען עס פוהרען אין גאַס, צי די פייערלעשער יאָגען זיך אַזוי?

ניין! דאָס גערויש הערט זיך פון אויבען, דאַכט זיך — צי אַ רעגען, צי אַ האָגעל פויקט אַזוי איבערן דאַך? ביין, עס דאַכט זיך איהם, אַז עפּיס אַ גאַנצער שטראָם גיסט, און איידער פאַליק קומט נאָך רעכט צו זיך, דערפיהלט ער, עס האָט פּלוצלונג עפּיס אַ גאָס געטהון מיט אַמאָל איבער דער קאָלדערע, מיט וועלכער ער איז צוגעדעקט. באַלד האָט אַ פליוך געטהון אין נאָך אַ אָרט און אין נאָך אַ אָרט... און נאָך דעם פליוך הערט ער, ווי עס טריפט שוין נאָכאַנאַנד אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען.

— פאַליק, שטעה אויף, מיר ווערען פערפלייצט! הערט ער, ווי מאַטלע שרייט אַ דערשראָקענע פון איהר בעט אַרויס. און איידער ער האָט צייט זיך אויפצוהויבען, דערהערט ער, מען קלאַפּט מיט געוואַלד אין טהיר, און קולות שרייען:

— ער שלאָפט זיך ווי דער גראַף, דער טייערער בעל-הבית אונזערער!... אַבי דירה-געלד גיעב איהם, געבען זאָל איהם גאָט אַ וועהטאָג אין האַרצען!

ער קריכט אַראָב פון בעט. אויף דער פּאָדלאָגע איז שוין אַ טייך, און וואו ער קעהרט זיך, פּאַלט איהם אַ טראָפּען וואַסער איבער קאָפּ, איבערן פלייצע, איבערן גאַנצען פאַליק׳ן.

מיט ציטערנדע הענד האָט ער קוים אַ שוועבעלע אויסגעריבען און דאָס לעמפּעל אָנגעצונדען.

אַ חורבן, אַ גזרה, עס גיסט פון אַלע זייטען.

— איהר עפענט, צי נישט? מיר ווּעלען אייך די טהיר צוברעכען! שרייען די שכנים. ער לויפט מיט׳ן לעמפּעל אין האַנד און עפענט די טהיר. די שכנים חאַפּען זיך אַריין מיט קולות:

— קומט, זעהט, וואָס אין אייערע טייערע דירות טהוט זיך. גיסען זאָל זיך אַזוי דאָס בלוט ביי אונזערע שונאים, ווי אַלץ, וואָס מיר האָבען איז פערגאָסען געוואָרען.

ער דערמאָהנט זיך: אויפ׳ן ווערק-טיש ליעגט פרעמדע סחורה, ערשט נעכטען האָט איהם אַ קונד געבראַכט. אויף דער וואַנד הענגען פרעמדע בגדים, און ער לויפט ראַטעווען, עס זאָל נישט פערנעצט ווערען.

אַ שכן חאַפּט איהם אָן פאַר׳ן אַרבעל פון האַנד און שרייט:

— איך וועל אייך נישט אָבלאָזען, געהט חאַטש און זעהט אַליין, ווי פון מיין בעטגעוואַנד איז אַ תל געוואָרען. בעצאָהלען וועט איהר מיר מיין שאָדען אין סוד!

— מיר אויך! שרייט נאָך אַ שכן.

און מיר אויך! שרייען די איבעריגע און לאָזען איהם נישט אָב.

— גזלנים, לאָזט מיר חאַטש פרעמדע בגדים, פרעמדע זחורה ראַטעווען! — בעט זיך פאַליק ביי זיי, און וואַרפט זיך צום טיש.

מאַטלע שטעלט זיך איין פאַר איהר מאַן, און לייזט אויך פון די שכנים קללות און זלזולים.

— איז מען אַ קבצן און מען האָט נישט, מיט וואָס אַ דאַך צו פערריכטען, דאַרף מען קיין הויז אויך נישט האָבען! שרייט איין שכן.

— נישט האָבען זאָל ער אַזוי זיין געזונד, ווי ער האָט יאָ, נור ער וויל נישט! שכנים, וואָס צאָהלען דירה-געלד, זענען אויך מענשען? שרייט ווידער איינער.

— אין אַ חזיר-שטאַהל ביי לייטען איז שוין אויך בעסער ווי אין זיינע דירות! — שרייט די אלמנה, די שכנה אין קיך. —

וועה צו מיינע יאָהרען, איך בין אינגאַנצען דורכגענעצט, עס ציטערט אויף מיר דאָס לייב פון נעץ און פון קעלט.

— דעק צו דאָס קינד מיט דער פאָלע, — שרייט אַ ווייבעל אַ שכנה צו איהר מאַן, — עס וועט זיך נאָך צוקיהלען, חאַפּען אַ קרופּ חלילה פון דער טייערער דירה!

דער שכן דעקט אַריבער דאָס קינד מיט דער פאָלע זיינער און ציטערט אַליין פון קעלט.

— קומט, עולם, בעסער אויף דער גאַס אַרויס! — זאָגט דער וויצלינג — דאָרט וועט אויף אונז גיסען חאָטש ריין וואַסער, דאָ קאַפּעט אויף אונז לייהם און קאַלך...

פאַליק הערט דאָס אַלץ, און דאָס האַרץ ווערט איהם פערשטאָרבען. עס קאַפּעט אויף איהם אויך גענוג, נור ער פיהלט עס נישט. זיין אייגען בלוט פון האַרצען, פיהלט ער, גיסט זיך נאָך מעהר...

אַ שעה כסדר האָט אַזוי אָהן אויפהער געגאָסען. פאַליק האָט געמיינט, ער וועט שוין דעם טאָג נישט דערלעבען. ענדליך האָט דער רעגען אויף דער גאַס אינגאַנצען אויפגעהערט, און אין שטוב זענען די קאַפּליעס אויך זעלטענער געוואָרען.

פון צוריק זיך שלאָפען לעגען האָט שוין קיינער נישט

געקלערט. דאָס בעטגעוואַנד נאַס, אויסגעוויקט, אין די חדרים —בלאָטע ביז די קניה.

פאַליק מיט מאַטלען האָבען די שכנים צוגעהאָלפען, ווי עס איז, די בלאָטע אין זייערע חדרים אויסוואַשען, זייערע זאַכען אויסהענגגען, און דערנאָך האָבען זיי זיך גענומען ביי זיך אַ ביסעל אויפרוימען. ריידען האָבען זייביידע נישט גע-קענט... דאָס האַרץ איז ביי זיי ביידען צוגלייך פערקלעמט און פערשטאָרבען געוואָרען.

מיט'ן בעגינען האָט זיך דער פריהמאָרגען אויסגעלייטערט, און עס האָט זיך בעוויזען אַ קלאָרע וואַרימע זון אין הימעל.

— דו זעהסט, פאַליק, האָט מאַטלע געוואָלט איהר דער-שלאָגענעם מאַן טרייסטען, — גאָט איז נישט אָהן רחמנות, מיט איין האַנד שלאָגט ער, מיט דער אַנדערער — היילט ער. מיר וועלען קענען אַלץ אויפ'ן הויף אַרויסטראָגען און אויסטריקע-נען געגען דער זון.

פאַליק האָט נישט געענטפערט, גלייך ווי דאָס לשון וואָלט איהם אָבגענומען.

אַז ער האָט אָבגעדאַווענט, און מאַטלע האָט פון שאַפ-קע עפּיס פאַר איהם פריהשטיק געוואָלט אַרויסנעהמען, האָט ער געזאָגט:

— וועמען קען ליגען איצט עסען אין זינען? גיב מיר מיין שטעקען, איך געה אַריבער צו שעיה'ן און איך פערקויף איהם דאָס הויז.

מאַטלע האָט אַ ציטער געטהון. דאָס ברויט, וואָס זי האָט אין האַנד געהאַלטען, אויפ'ן טיש עס צו לעגען, איז איהר פון האַנד אַרויסגעפאַלען, און אין איהרע אויגען האָבען זיך טרעה-רען בעוויזען.

— וואָס וויינסט דו, נאַר? וויל פאַליק זי טרייסטען, און פיהלט נישט, ווי איהם אַליין קומען די טרעהרען אין די אויגען.

— דו זעהסט דאָך, אַז גאָט אַליין טרייבט אונז אָהן רחמנות פון אונזער הויז אַרויס! ער דאַרף מסתמא נויטיג

אונזערע ביינער פאַר אַנ׳אַמעריקאַנער בית-עולם ערגעץ... שווער קעגען איהם מיט מענשליכע כחות צו שטרייטען.

מאַטלע איז פערקלעמט געוועזען און נישט געקענט ענטפערן.

— וויין נישט, איך בעט דיך! בעט ער זיך ביי זיין טריי ווייב, און זיין אייגען קול איז פול מיט טרעהרען אָנ-געזאַפּט. — מאַך מיר נישט שוואַך דאָס האַרץ! איך געה צו שעיה׳ן ווי צו אַ דאָקטאָר, וואָס דאַרף אַ שטיק ברוסט אויס-שניידען פון מיין לייב.

— מסתמא וויל גאָט, מיר זאָלען נאָך מיט אונזערע אויגען זעהן דעם נחת פון אונזערע קינדער אין אַמעריקאַ! — טרייסט מאַטלע זיך און איהר מאַן. פאַליק טהוט אַ קוש די מזוזה און געהט אַרויס.

האָט ער שעיה׳ן דוקא אין דער היים, נור ער איז עפּיס פערנומען געוועזען מיט אַ פריץ, און שעיה׳ס ווייב האָט איהם געבעטען זיצען אַ רגע, ביז איהר מאַן וועט צייט האָבען צו רעדען מיט איהם.

פאַליק האָט זיך אַוועקגעזעצט.

שעיה׳ס ווייב האָט איהם גענומען אויספרעגען, וואָס דאַרף ער צו איהר מאַן? פאַליק האָט איהר בשום אופן נישט געוואָלט און נישט געקענט ענטפערן. ער האָט גע-פיהלט, אַז ער האָט זי איצט נאָך זיעבען מאָל פיינטער ווי פריהער.

— וואָס האָט איהר מורא מיר צו זאָגען? — שטעהט זי נישט אָב פון איהם, — דאַכט זיך, איך געהער זיך עפּעס אָן מיט מיין מאַן. פאַר אַ ווייב איז קיין סוד נישטאָ.

— האָט געדולד אַ רגע, איהר וועט באַלד אַליין ווי-סען, — ענטפערט ער, אַבי פון איהר פטור צו ווערען.

— אַ גמילות-חסד אפשר? — פרעגט זי, — מיין מאַן זוכט איצט אַליין גמילות-חסדים. ער דאַרף נאָך היינט פאָהרען מיט׳ן פריץ, דאָס ווייץ ביי איהם צונעהמען. איך וויים נישט, צי האָט איהר אין אַייער לעבען אַזוי פיעל געלד געזעהן,

וויפיעל ער האָט מיט אַ רגע פריהער שוין אַוועקגעגעבען אָט דעם אייגענעם פריץ!

פאַליק'ן, קומט געדאַנקען אַרויף: הלואי זאָגט מיר שעיה, אַז ער האָט איצט קיין געלד נישט, און ער קען שוין מיין הויז נישט קויפען.

— מילא, איהר ווילט פרובען בעטען אַ גמילות-חסד, קיין עולה נישט, אָבער איהר וועט מוזען דאָ זיצען און וואַרטען, — זאָגט זי, כדי פון איהם פטור צו ווערען, טאָמער מיינט ער טאַקע אַ גמילות-חסד.

— ער וועט נישט באַלד אַרויסגעהן? — פרעגט פאַליק, וואָס הויבט שוין אָן חרטה האָבען אויפ'ן גאַנצען עסק, און טהוט זיך אַ הייב שוין אַרויסצוגעהן. נור אַז ער איז שוין ביי דער טהיר געוועזען, איז שעיה פון זיין קאַבינעט אַרויס, און ווי ער האָט פאַליק'ן דערזעהן האָט ער פרייגדליך אַ זאָג געטהון:

— גוט מאָרגען, ר' פאַליק! איהר זייט אודאי צו מיר געקומען מכח יענס, וואָס מיר האָבען גערעדט? זעהר פיין פון אייך! איצט זעה איך, אַז אויף אייער וואָרט מאָג מען בויען.

— וואָס זאָל מען טהון, ענטפערט פאַליק, אַז די קינדער פערלאַנגען, מען זאָל צו זיי קומען קיין אַמעריקאַ, און אַז גאָט אַליין טרייבט נאָך אויך אונטער ווי מיט דער בייטש? און אַז מען האָט קיין ברירה נישט זאָגט מען צו זיך אַליין: רבונו של עולם, דו ווילסט דוקא אַזוי, זאָל זיין אַזוי!

— זעהר רעכט, זעהר קלוג טהוט איהר, ר' פאַליק! איהר האָט דאָ גאָרנישט וואָס אָנצוווערען. דער יודישער מצב ווערט דאָ ביי אונז פון טאָג צו טאָג אַלץ ענגער און ביטערער, די פרנסה — געשלאָגען, שנאה און קנאה פון אַלע זייטען, גליקליך איז דער, וואָס האַפט זיך בייצייטענס אַריבער אַהין, כל-זמן אַמעריקאַ איז מיט אונזערע יודעלעך נאָך נישט אין גאַנצען פערפלייצט. איצט קאָן מען זיך נאָך דאָרט צו וואָס עס איז צושלאָגען — שפּעטער, האָב איך מורא, וועט דאָרט אויך נישט בעסער זיין ווי דאָ.

— הלואי האָב איך קינדער אין אַמעריקאַ, וואָס זאָלען מיך רופען אַהין, ווי איך וואָלט נאָך היינטיגען טאָג פערקויפען בכל של הכל, אַ שפיי טהון אויף אַלע היגע גליקען, און אַריבערחאַפּען זיך קיין אַמעריקאַ...

„און דערווייל בויט ער זיך אַ הויז, — אַ פּאַלאַץ! קלערט פאַליק ביי זיך — מאַכט צו צו זיין מיהל נאָך אַ מאַסלעבויניע, און אַז דאָס אַלץ איז איהם גאָך וועניג, וויל ער מיין אָרים הויז אויך איינשלינגען”.

— אַ שאָד, וואָס איך מוז באַלד פאָהרען מיט'ן פּריץ, דאָס ווייץ צונעהמען ביי איהם, איך וואָלט עס אָבגעענדיגט מיט אייך אין איינס-צוויי-דריי. נור מאָרגען, שפּעטסטענס — איבערמאָרגען בין איך מיט גאָטס הילף דאָ צוריק, וועל איך אייך שיקען בעטען צו זיך, ר' פאַליק. איך בעט אייך, האָט געדולד די פּאָר טעג, איך נעהם מיין וואָרט נישט צוריק, און אויב איהר ווילט, קענען מיר אַ האַנד תקיעת-כף מאַכען אָט אַזוי ווי מיר שטעהען דאָ.

— עס האָט צייט, ר' שעיה! צוויי-דריי טאָג איז נישט מי יודע וואָס, איך וועל מיט קיין אַנדערן קיין רייד נישט מאַכען.

— אַ גוטען טאָג, ר' שעיה! האָט פאַליק אויסגערעדט, און האָט זיך גיך פון דער טהיר אַרויסגעחאַפּט.

אַז ער איז שוין אויף דער גאַס געוועזען, האָט ער פרייער דעם אָטעם אָבגעצויגען. — „אַ דאַנק גאָט, אַ דאַנק גאָט!... אין איין האָר וואָלט איך שוין איצט אויס בעל-הבית, אויס פאַליק געוועזען! איצט אָבער געה איך נאָך צוריק צו מיין הויז, צו מיין אייגענער היים... שטראָף מיך נישט, גאָטעניו, איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט געפיהלט, ווי טייער מיר איז דאָס הויז, ווי ליעב די היים איז מיר אַזוי ווי איך פיהל עס איצט!”

# XIII

די פּאָר טעג, וואָס שעיה איז ביים פּריץ אין הויף געוועזען, האָט דאָ פאַליק דערווייל געטהון אַלץ, וואָס ער האָט נור געקענט, ער זאָל דאָס הויז נישט מוזען פערקויפען.

ער האָט זיך מיט בעקאַנטע בעלי-בתים געזעהן, געפּרובט בעטען לייהען חאָטש פופציג רובל, חאָטש איין העלפט דאַך איבערצודעקען, און די אַנדערע העלפט — ווי עס איז פעררעכטען. ער האָט געוואָלט אַ וועקסעלע אונטערשרייבען, ער האָט פערזיכערט, אַז ער וועט זיך אַ ביסען ברויט אין מויל נישט פערגינען, ביז ער וועט די פופציג רובל מיט דאַנק בעצאָהלען, נור אַלע האָבען איהם געענטפערט: „ווער האָט עס אַ מזומן רובל אין היינטיגע צייטען? מען דאַנקט גאָט, אַז מען בעקומט אַליין אַמאָל אַ קערבעל צו לייהען, ווען ער איז נויטיג און די אויגען קריכען אַרויס!"

און לייט וואָלטען אפשר גאָר אַזוי שלעכט נישט געוועזען, מען וואָלט נאָך אפשר פאַר איהם ערב געוועזען אין שטאָדטיגען גמילות-חסדים, ער זאָל בעקומען פופציג קערבלעך; האָבען אָבער די שכנים זיינע די שטאָדט פול געמאַכט, אַז פאַליק פערקויפט דאָס הויז, און ער קלויבט זיך אַוועקצופאָהרען קיין אַמעריקאַ צו זיינע בנים. און דורך דעם האָט קיינער נישט געוואָלט ריזיקירען ערב צו זיין פאַר איהם.

דער איידים זיינער האָט איהם אויך געלעגט אַ קנייטעל, און וואו נור ער האָט געוואוסט, אַז דער שווערער וועט אַריינקומען בעטען א הלואה, האָט ער נאָך פריהער דערקלערט, אַז עס וועט זיין אַ גרויסע עולה, אַז מען וועט איהם אַ קאָפּיקע לייהען.

אומעטום האָט מען שוין געוואוסט, אַז שעיה מיהלנער באָט איהם פופצעהן הונדערט רובל פאַר זיין הויז, און ער, פאַליק, האָט זיך איינגעעקשנט: ניין, און ניין! און אָנשטאָט איהם איצט פון זיין נויט אַרויסצוהעלפען, ער זאָל דאָס הויז

נישט דאַרפען פערקויפען, האָבען אַלע צוגערעדט: נור פער-קויפען! נעהמען די מטבע, אויסהעלפען טאַקע דעם איידים זיינעם אויך, און פאָהרען געזונדערהייט קיין אַמעריקאַ.

פּאַליק האָט פערשטאַנען, אַז דאָס האָט איהם דער גע-טרייער איידים צוגעדיענט, און עס וועט אומזיסט זיין די מיה זיינע ערגעץ אַ הלואה צו בעקומען אויפ'ן בעלי-הבתישען אופן, און עס איז איהם געבליבען נאָך פּרובען ריידען מיט בנציון דעם וואָכערניק.

בנציון דער וואָכערניק האָט איהם אַליין אַמאָל אָנגע-מוט צו נעהמען ביי איהם עטליכע רובל אויף פּראָצענט, אויסצוצאָהלען. פּאַליק האָט אָבער פאַר דעם דאָזיגען בנציון גע-ציטערט ווי פאַר פייער. ער האָט געוואוסט, אַז קיין אָרי-מער בעל-הבית, וואָס איז נאָר אַמאָל אין בנציונס הענד אַריינגעפאַלען, איז ווען טרוקען אַרויס פון איהם.

— אייער הויז, ר' פּאַליק, בעט זיך אַ נייעם דאַך, האָט איהם נאָך פּאַראַיאָהרען דער אייגענער בנציון געזאָגט, עפּעס גלאַט אַזוי זיך, פאַר פּאַליק'ס טהיר זיך מיט איהם בעגע-גענדיג.

— אַז איך וואָלט האָבען מיט וואָס אַ נייעם דאַך צו מאַכען, וואָלט איך איהם נישט זשאַלעווען! האָט פּאַליק דע-מאָלט אָפענהערציג איהם געענטפערט, נישט קלערענדיג דער-ביי עפּעס שלעכטס.

— וואָס הייסט איהר האָט נישט? האָט בנציון געפרעגט— ווילט נור ביי מיר אַזוי פיעל נעהמען, וויפיעל איך וועל אייך געטרויען אויף אייער הויז! נישקשה, אַ יוד, וואָס האָט נאָר אַזאַ משכון צו געבען, דאַרף נאָך גאָר קיין דאגה נישט האָ-בען... זאָגט נור, וויפיעל איהר ברויכט, און איך שאַף אייך דאָס געלד אין מזומן חאָטש היינטיגען טאָג.

דער דאַך איז נאָך דעמאָלט אַזוי שטאַרק חרוב נישט געוועזען, און די נויט האָט נאָך פּאַליק'ן אַזוי נישט געהאַט צוגעדריקט ווי היינט,—דעריבער האָט ער דעמאָלט בנציונ'ן

בעדאַנקט פאַר זיין גוט האַרץ, און האָט זיך פון איהם אויס-געלאַכט.

„נישט מיך וועט ער אין זאַק אַריינקריגען! האָט ער דעמאָלט צו זיך געזאָגט — גאָט זאָל מיך פון אַזעלכע בעלי-רחמים׳ס אָבהיטען!"

היינט אָבער, אַז ער פיהלט, ווי ער טרענקט זיך און קיינער וויל איהם אַ האַנד נישט אויסשטרעקען, זיך צו ראַטע-ווען, איז איהם איינגעפאַלען צו פּרובען נאָך די לעצטע הילף: זיך אָנזאַפּען אָן אַ שאַרף פון שווערד. און ער איז אַוועקגע-גאַנגען צו בנציון׳ן.

— וויפיעל ווילט איהר לייהען, ר׳ פאַליק? האָט בנציון געפרעגט.

— איהר מיינט איך ווייס? איך האָב נאָך גאָר קיין השגה נישט, וויפיעל עס דאַרף קאָסטען אַ גאַנצער דאַך, ענט-פערט פאַליק — נור וואָס ווייניגער שולדיג זיין — איז פאַר מיר אַלץ בעסער, בנציון! איך מיין, מיט אַ הונדערטער וועל איך מיך בעגעהן.

— איהר האָט אַ גרויסען טעות, ר׳ פאַליק, ענטפערט דער וואָכערניק — אַ הויז איז אַ גנב, הויבט איהר עס נור אָן צו פּעררי͏כטען, ווייזט זיך באַלד אַרויס, מען דאַרף דאָס, מען דאַרף יענס, און ביי היינטיגע יאָהרען, וואָס געהילץ און אַרבייט איז מיט גאָלד גלייך, קאָן די חלה קוים קלעקען אויף אַ „המוציא"...

און אויך די אייגענע מעשה, פאַרוואָס טאַקע זאָלט איהר נישט אויספעררי͏כטען דאָס גאַנצע הויז? עס בעט זיך אַ ביסעל אונטערהויבען, אַ ביסעל דעם פאַרקאָן איבערוואַרפען, איינס מיט דאָס אַנדערע מוזט איהר, לויט מיין השערה, לכל הפחות האָבען די גאַנצע שין קערבלעך. אַ ביסעל אויסווייניג, אַ ביסעל אינווייניג, און די דריי הונדערט קערבלעך וועלען זיך אויסלעגען, איהר וועט גאָר זיך נישט אַרומקוקען וואוהין.

דערפאַר אָבער, טרייסט איהם דער וואָכערניק — וועט אייער הויז ווערען אַ הויז מיט לייטישע הייזער צוגלייך. און

דאָס איז שוין אַייער אַלטער כּלל: איז מאַכען, דאַרף זיין געמאַכט!

איהר, ר' פאַליק, זענט דאָך קיין לאַפּאָטניק נישט, איהר ווייסט דאָך, וואָס מען האָט פון די לאַטעס און שמאַטעס.

— גערעכט זענט איהר, ר' בנציון, ענטפערט פאַליק — די מעשה איז טאַקע אַזוי, דאָס הויז מיינס דאַרף אַ סך, אָבער נישט אַזוי פיעל ווי איהר זאָגט דריי הונדערט — נאָט אַייך אַ האַנד, אַז ק"ן איז אויך איבער געגוג... נאָר מעהר ווי הונדערט וויל איך ביי אַייך נישט לייהען און איך טאָר נישט לייהען

— פאַר וואָס? וואָס האָט איהר מורא?

— איהר פערגעסט נישט, אַז עס איז היינט שווערערע צייטען אויף דער וועלט, און איך קען שוין וועניג אויפטהון... ענטפערט פאַליק.

הלואי קאָן איך אַייך אין אַ יאָהר צייט דעם הונדערטער אויסצאָהלען, מעהר פערלאַנג איך גאָרנישט פון דעם רבונו של עולם.

— נעהמט האָטש צוויי הונדערט רובל, ר' פאַליק, איך ראַטה אַייך!

— פאַרוואָס ווילט זיך אַייך דאָס אַזוי, ר' בנציון? פרעגט שוין פאַליק, חושד זענענדיג דעם פראָצענטניק, אַז ער האָט דערביי אַ שלעכטען מיין.

— פון אַייער טובה וועגען, ר' פאַליק! איך וויל נישט, איהר זאָלט חלילה בלייבען שטעהן אין מיטען... אגב וויל איך טאַקע, דאָס פעררייכטען זאָל האָבען אַ טעם!

— וואָס איז אַייך די נפקא מינה, צי עס וועט האָבען אַ טעם, אָדער נישט?

— איהר זאָלט עס זאָגען? וואונדערט זיך בנציון — אַז דאָס הויז אייערס וועט האָבען אַ פּנים פון אַ הויז, בין איך מיט מיין קרן זיכערער... וואָס פערשטעהט איהר דאָ נישט?

— ניין! רעדט מיר נישט צו, איך טאָר נישט, איך וויל נישט! האַלט זיך פאַליק פעסט — איהר מיט אַייער קרן זענט אודאי זיכער. סיידען איך וועל נישט לעבען! אַייער

הונדערטער וועט אייך אָבגעצאָהלט ווערען מיט דער עסקא מיט'ן גרעסטען דאַנק אפילו, ר' בנציון!

— נו, לאָז זיין, ווי איהר זאָגט, גיעט שוין דער פראָ-צענטניק נאָך. — ברענגט מיר אייערע זכיות אויף דאָס הויז, אויב איהר האָט זיי נור... אַז — ניט, לאָמיר אריינגעהן צו אַ נאָטאַריוס, און זיך אָבשרייבען כתוב וחתום אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין... און טאַקע פאַר'ן נאָטאַריוס אין די אויגען וועט איהר ביי מיר צונעהמען דעם הונדערטער, און מיר דערלאַנ-גען דאָס פאַפּיער, וואָס מיר וועלען מאַכען!

יאָ, נישט פערגעסט צו ברענגען דעם פאָליס פון דער פייער-קאַסע. דערמאָהנט זיך דער פראָצענטניק איהם אָנצוזאָ-גען — אָהן דעם פאָליס איז אייער הויז ביי מיר אַ פּרוטה אחת אויך נישט ווערטה.

— גוט! האָט פאַליק געענטפערט, — איך געה אַהיים און איך ברענג אייך אַלץ, וואָס איהר פערלאַנגט, ר' בנציון!

אין האַרצען אָבער האָט ער געטראַכט: אַזוי לאַנג קרענקסט דו, פראָצענטניק, בלוטזויגער, ווי לאַנג איך לאָז דיר נאָך נישט אין דיין נעץ מיך פאַנגען!

קומענדיג אַהיים, האָט ער מאַטלען געזאָגט:

„אַלערליי ברואים איז דאָ אויף גאָטס וועלט. ווילסט אַ שעיה'ן, נאַ דיר אַ שעיה מיט אַנ'אַפּעטיט פון אַ הונגעריגען וואָלף, וואָס וויל די גאַנצע וועלט איינשלינגען... ווילסט דו אַ יודען אַ מופלג, וואָס רעדט מיט גאָט וואָרט ביי וואָרט, וואָס מיינט נור דעם אַנדערן טובות צו טהון, — נאַ דיר אַ ר' בנציון וואָכערניק... זאָל אונז גאָט ברוך הוא איינהיטען פון זיינע טובות, פון זיינע עצות!"

— וואָס וויל ער פון דיר? פרעגט מאַטלע.

— ער וויל נישט מעהר, ווי איהם אַ פאַפּיער אונטער-שרייבען, אַז איך לעג דאָס הויז ביי איהם אין משכון פאַר הונדערט רובל, וואָס איך וויל ביי איהם לייהען, און דער-וויל הייסט ער זיך שוין ברענגען דעם פאָליס פון דער פיי-ער-קאַסע.

און מיינסט דו, מאַטלע, וואָס איז זיין מיין?

זיין מיין איז: אונז צו ירש׳נען לעבעדיגערהייד... ער וועט שוין אַזוי שרייבען דאָס פּאַפּיער מסתמא, מיך בינדען הענד און פיס, אַז קיין גוטער יוד וועט מיך שוין נישט קענען אָבבינדען.

— אַלץ אין דער וועלט, מיין מאַן, נור מיט דעם פּראָ־צענטניק און בלוטזויגער זאָלסטו קיין עסקים נישט האָבען! זאָגט מאַטלע.

— אָבער וואָס זאָל איך טהון? קרעכצט פאַליק אַרויס, אַזוי ווי ער וואָלט זיך איצט קראַנק פיהלען, און זיין וועה־טאָג צווינגט איהם צו קרעכצען, חאָטש ער וויל עס נישט.

דו זעהסט דאָך, אַז דער רבונו של עולם האָט מיר אַלע וועגען פערשטעלט, און נור די איין ברירה געלאָזען אויס־צוקלויבען: צווישען שעיה מילנער און בנציון פּראָצענטניק. דאָס איז גלייך: ענטוועדער פערקויפען, אָדער חלילה פערשפּילען...

— איז שוין אודאי גלייכער פערקויפען! זאָגט מאַטלע.

אַ סוף זאָל עס האָבען! הערסט דו מיין מאַן—זאָל עס האָ־בען אַ סוף, זאָג איך דיר, איך זעה דו געהסט אַיין! דיין פּנים איז שוואַרץ ווי די ערד... רבונו של עולם, עס עקט זיך דאָך נישט די וועלט, איז דען כדאי אַזוי פיעל זיך דאָס לע־בען צו נעהמען איבער די אַלטע פיער וועגד?

— נישט כדאי, זאָגסט דו?

— דיין געזונד איז מיר טייערער!

— זאָגסט דו: פערקויפען?

— גאָטס ווילען איז עס, מיין מאַן! אַ מענשענס ווילען האָט אַזאַ מאַכט ווי אַ איבערגעבּרענטער שטרוי.

— גוט! וואַרט איך, ביז שעיה וועט קומען.

— האָסט דען אַיין אַנדער ברירה?

— אַ ברירה, בנציון... ווייס איך, אפשר וועל איך מיט־נעהמען אַ געניטען מענשען ביים אָבשרייבען זיך, בנציון זאָל מיך דאָס האַלז אַזוי נישט פערוואָרגען מיט זייבע הונדערט רובל.

— זאָלסט גאָר נישט טראַכטען, פאַליק, וועגען בנציון׳ן, רעדט מאַטלע אַרויס פעסט און בעשלאָסען.

שעיה איז קיין צדיק נישט, קיין גוטער אפשר אויך נישט; אָבער שעיה וויל קויפען און בעצאָהלען... בנציון אָבער איז אַ צדיק, אַ מלאכים-מעלקער איז ער, און וויל נישט קויפען, נור אויסנאַרען וויל ער... בנציון איז אַ פיאַווקע, אַ לוטזויגער, אַנטלויף פון איהם, מיין מאַן!

— גוט, גוט, דו האָסט געזאָגט, איך וועל דיך פאָלגען, מיין ווייב... האָט פאַליק צוגעשטימט.

## VIX.

אַ פאָר טעג זענען אַריבערגעגאַנגען נאָך יענעם שמועס מיט זיין ווייב, און פאַליק האָט פעסט בעשלאָסען: דאָס הויז שעיה'ן צו פערקויפען.

„דער אויבערשטער וויל אַזוי, פערפאַלען! קאָנסט זיך גאָרנישט העלפען, פאַליק!" רעדט ער צו זיך, און וואַרט מיט אַ מין ציטערן אויף שעיה'ן, ווי עס וואַרט אַ געפיינינגטער קראַנקער אויף דעם דאָקטאָר, וואָס דאַרף קומען מאַכען איהם אַ שווערע אָפּעראַציע.

שעיה אָבער לאָזט זיך נישט הערען. עס זענען עטליכע טעג אַריבער, און שעיה האָט נאָך איהם נישט געשיקט, ווי ער האָט אָבגעשמועסט.

פאַליק ווייסט נישט אפילו, צי איז שוין שעיה צוריקגעקומען פון פריץ, צי נישט. עס איז איהם גאַנץ גרינג געוואָהר צו ווערען, ער ברויך נור פון שטוב אַרויסצוגעהן, צו שעיה'ס בנין צוצוגעהן, און אַ פרעג טהון ביי איינעם פון זיינע מענשען, וואָס גיבען דאָ אַכטונג, ווי מען דעקט שוין דעם דאַך. נור עפּיס וויל ער זיך נישט נאָכפרעגען, אַזוי ווי ער וואָלט מורא האָבען פאַר אַ זייטיגען מענשען שעיה'ס נאָמען אַרויסצורייידען.

און דער הימעל האָט זיך אויסגעלויטערט, און די זון

שיינט אַזוי ליכטיג און וואַרים, ווי עס וואָלט גאָר קיין אָסיען נישט געוועזען אויף גאָטס וועלט, און גלייך ווי אַ הויז מיט אַ לעבערדיגען דאַך דאַרף גאָר קיין מורא נישט צו האָבען פאַר ווינט אָדער רעגען, פאַר וואָס פאַליק׳ס האַרץ האָט זיך אַזוי געשראָקען תמיד.

עס קומען פאַליק׳ן אויפ׳ן זינען פערשידענע מחשבות:

„אפשר איז דאָרט שעיה קראַנק געוואָרען ביים פריץ? אפשר זענען אין וועג פון אַ וואַלד אַרויסגעלאָפען גזלנים מיט ביק-סען אין די הענד, זענען אָנגעפאַלען אויף שעיה׳ן, איהם דערהרג׳עט, אָדער אַזוי אַוועקגענומען ביי איהם ביז אַ גראָ-שען, און איצט איז שוין פון קויפען אַ הויז גאָר נישטאָ וואָס צו שמועסען? און אפשר, וויל שוין שעיה גאָר לחלוטין נישט אָבקויפען דאָט הויז? וואָס טויג עס איהם? ווענעג הייזער האָט ער?"

און די זון שיינט דערווייל ווי אין מיטען זומער, קיין ווינד און קיין וואָלקען, און אַזוי שטיל און רוהיג ליגען די אַלטע שינדלען אויף פאַליקס דאַך, און עס דאַכט זיך פאַליק׳ן, אַז זיי ריידען צו איהם:

„וואָס האָסט דו צו אונז? פערציג יאָהר וואוינסט דו אונ-טער אונז, פערציג יאָהר האָבען מיר אַלע שטורם-ווינדען און רעגענס איבערגעליטען, און קיינמאָל נישט געלאָזט פאַלען אַ טראָפּען רעגען אויף דיר; איצט אויפ׳ן איין-און-פערציגסטען יאָהר, אַז מיר זענען שוין אַלט און שוואַך, און האָבען שוין קיין כח נישט געהאַט אַ פּאָר מאָל דיך און דיינע שכנים פון רעגען צו בעשיצען, ביסטו שוין אין כעס אויף אונז, און ווילסט שוין איינגאַנצען פון אונז מיט דיין הויז צוזאַמען פטור ווערען! וואָס האָסטו צו דיין הויז?"

און פאַליק פערדרייסט דעם קאָפּ אין דער הויך און קוקט אויפ׳ן הימעל, ווי ריין ער איז, ווי הויך, ווי בלוי און טיעף ער איז.

„רבונו של עולם, רעדט זיין האַרץ צו גאָט — וואָס וואָלט דיר קאַליע מאַכען, עס זאָל תמיד אַזוי זיין? תמיד

ריין דער הימעל, אָהן וואָלקען און אָהן רעגען?

„ניין, רעגען מוז די וועלט האָבען, אָבער זאָל רעגע-נען אויף די פעלדער, אויף די גערטנער, אָבער נישט איבער די שטעדט, אָדער חאָטש נישט איבער אַזעלכע הייזער, וואָס זייערע בעלי-בתים קענען זיך קיין עצה נישט געבען, ווי זיי-ערע לעכערדיגע דעכער גאַנץ צו מאַכען!"...

און ווען עס קומט די נאַכט און פאַליק דערזעהט דעם אויסגעשטערנטען הימעל, דאַנקט ער און לויבט דעם רבונו של עולם פאַר זיין חסד, וואָס ער קען זיך לעגען שלאָפען.

דער פחד, נאָך אַמאָל חלילה אַזאַ ביטערע נאַכט איבער-צולעבען, ווי ערשט מיט אַ וואָך צוריק, פערביטערט איהם דאָס לעבען.

אַזוי געהט דערווייל אַריבער אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און עס טרעפט מינוטען, וואָס פאַליק וויל זיך אַנריידען: די מכה זיינע וועט זיך אפשר אַזוי צוגעהן, און וועט אפשר קענען זיך בעגעהן אָהן שעיה'ן. עס וועט זיך שטעלען דער ווינטער, טרוקענע פרעסט, און אפילו אַז שניי, איז אויך אַ סך בעסער ווי רעגען. קעגען שניי, אפילו אַז ער צולאָזט, קען מען שוין געפינען אַ עצה.

און אין איין פריהמאָרגען, ווען די זון האָט דוקא גע-שיינט און געוואַרימט, און אין פאַליק'ס שטוב זענען די פענסטער אָפען געשטאַנען, איז זיך פאַליק עפּיס געוועזען אַזוי אויפגעלעגט, אַז ער האָט כמעט גאַר שעיה'ן און זיין גאַנצע דאגה פערגעסען.

מאַטלע האָט נור וואָס צום טיש געגרייט, ברויט גע-לעגט און אַ זאַלץ-מעסטעל מיט זאַלץ אַוועקגעשטעלט. געהיי-סען פאַליק'ן זיך וואַשען צום עסען, און איז צוריק אין קיך אַריין, דאָרט אַריינגיסען אין שיסעל דאָס עסען, וואָס זי האָט אָבגעקאָכט פאַר איהם אויף פריהשטיק.

פאַליק האָט זיך געוואַשען, „שאו ידיכם קודש" געזאָגט, די הענד אָבגעווישט, אַ המוציא געמאַכט, נור איידער ער האָט נאָך דאָס איינגעטונקענע ברויט אין זאַלץ גענומען אין מויל

אַריין, האָט זיך די טהיר געעפּענט און אין שטוב איז אַריינ-געקומען עפּיס אַ נישט בעקאַנט יונגעל, און האָט געזאָגט:

— דער בעל-הבית האָט געבעטען, ר׳ פאַליק זאָל זיך מטריח זיין, היינט זיין ביי איהם זעקס אַ זייגער אין אָווענד.

פאַליק האָט געמיינט: מען רופט איהם אודאי צו אַ קונד וועגען אַ מאָס אַראָבנעהמען, אָדער אַזוי עפּיס אַ שטי-קעל אַרבייט.

— ווער איז דיין בעל-הבית? פרעגט ער צופריעדען.

— ר׳ שעיה מיהלנער, האָט דאָס יונגעל געענטפערט, און איז באַלד פון שטוב אַרויס.

פאַליק׳ן איז דער ביסען אַרויסגעפאַלען פון מויל, די הענד האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערן, און זיין פנים איז בלאַס געוואָרען ווי קאַלך.

— וואָס איז? ווער איז דאָ געוועזען? וואָס האָסט דו זיך אַזוי דערשראָקען, פאַליק? האָט מאַטלע געפרעגט אַ דער-שראָקענע, אַריינקומענדיג מיט׳ן שיסעל געקעכטס אין די הענד, און דערזעהענדיג איהר מאַן אַזוי בלאַס און ציטערנדיג.

— גאָרנישט, מאַטלע, קיינער נישט געוועזען! ווילט זיך איהם בערוהיגען זיין ווייב, וועלכע איז אַליין בלאַס און דער-שראָקען געוואָרען אויף איהם קוקענדיג.

— וואָס דען ביסטו אַזוי בלאַס, און דיר קלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן?

— עפּיס נישט גוט געוואָרען.

— ווילסט אַ ביסעל קאַלט וואַסער?

— ניין, מען דאַרף נישט.

— אפשר פון קיך דער טשאַד אַריין, אָדער דער מאָגען איז ביי דיר נישט ריין? וויין נור די צונג!

— גאָרנישט, גאָרנישט! עס וועט שוין איבערגעהן! עסען אָבער וועל איך ערשט שפּעטער. שטאַרקט ער זיך, זי זאָל קיין עגמת-נפש נישט האָבען.

— דאָס האַרץ איז דיר פערגאַנגען? פרעגט זי, און נעהמט איהם אָן פאַר אַ האַנד.

— קאַלט און טויט די האַנד דיינע! וועה איז מיר, וואָס איז דיר געוואָרען? אפשר אַריינגעהמען אַ ביסעל בראָנ-פען, זאָלסט דאָס האַרץ דערפיהלען?

— ניין, מען דאַרף נישט! לאָז מיך זיצען, טשעפּע מיך נישט.

— קום בעסער אויף די פרישע לופט אַרויס. די זון שיינט, עס איז אויפ'ן הויף וואַרים און ליכטיג, אַ מחיה.

און נישט וואַרטענדיג ביז ער וועט מסכים זיין האָט זי איהם פאַר אַ האַנד ווי אַ קראַנקען פון שטוב אַרויסגעפיהרט, אוגעפיהרט צו אַ בעוואַקסען בערגעל אויפ'ן הויף קעגען דער זון, און דאָ האָבען זיי זיך ביידע אַנידערגעזעצט.

אין אָנהויב האָט פאַליק גאָרנישט גערעדט, גאָרנישט געטראַכט אפילו, נור געזעסען ווי אַ פערחלש'טער אָהן אַ שום געדאַנקען. מאַטלע האָט זיינע הענד געוואַרימט און אַ אויג פון איהם נישט אראָבגענומען. נור אָט האָט ער אָנגעהויבען צו זיך צו קומען, און די אויגען זיינע האָבען אָנגעהויבען ווי איבערן גאַנצען הויף אומצולויפען.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אויגען זיינע ווילען זיך געזעגענען איצט מיט אַלץ וואָס זיי זעהען דאָ אין דער רגע, און זיי איילען זיך עפּעס, גלייך ווי זיי וואָלטען מורא גע-האַט, אַז זיי זעהען עס שוין צום לעצטען מאָל.

און אַלץ, וואָס זיינע אויגען האָבען דאָ איצט געזעהן. האָט איהם אָן עפּעס דערמאָהנט, אי לייד, אי פרייד אין זיין לעבען.

— וואָס קוקסט דו אַזוי טרויעריג, פאַליק? פרעגט איהם דאָס טרייע ווייב,

— זעה, מאַטלע, ווייזט ער איהר מיט דער האַנד — אָן דאָרט אונטערן דאַך, נעבען בוידעם-פענסטערל, זעה איך נאָך די צוועקעס, וואָס איך האָב מיט מיינע אייגענע הענד אַריינ-געשלאָגען, בעת מיר זענען נאָך ביידע יונג געוועזען, און דו האָסט זיך געריכט געלעגען צו ווערען מיט אונזער ערש-טען קינד.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט און נאָכדעם זי פלוצ־לונג אַ פרעג געטהון:

—געדענקסט דו, צוליעב וואָס איך האָב יענע צוועקעס אַרײַנגעשלאָגען?

—ווער קאָן עס געדענקען פאַר אַזוי פיעל יאָהרען צוריק?

—עפעל האָט זיך דיר געוואָלט אויסטריקענען, געדענקסט דו, איך האָב אַ גאַנץ מעסטעל ווײַניגע עפעל געקויפט, דו האָסט זיי צושניטען, אויף לאַנגע פעדעם אָנגעצויגען, און מיר געזאָגט, פאַליק, וואו הענגט מען זיי אויף קעגען דער זון, זיי זאָלען זיך אויסטריקענען? איך האָב לאַנג נישט געטראַכט, מיט אַ פאָר פועלים גענומען דעם הויכען לייטער, אַליין אַרויפגע־קראָכען, די צוועקעס אַליין אַרײַנגעשלאָגען און די שנירלעך עפעל אויפגעהאָנגען, און אַ גאַנצען ווינטער פלעגסטו מיר קאָ־כען אַלע פרײַטאָג-צו-נאַכטס אַ זיסען עפעל־צימעס. געדענקסט נישט?

—איך געדענק?

—און יענע קרוקעס אין די שטוּבעט פון פאַרקען, דורך וועלכע דו פלעגסט אַ שטריק דורכציהען, דײַנע גרעט אויסצו־הענגען! געדענקסט דו?

—וואָס וועט זיין, אַז איך געדענק?—פרעגט זי און פער־שטעהט נישט צוליב וואָס ער דערמאָהנט איהר אַזעלכע קליי־ניגקייטען.

—און דאָס געדענקסט דו, מאַטלע, ווי מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק זענען מיר ביידע, פונקט ווי איצט דאָ, אויף דעם זעלבען בערגעל געזעסען אין אַ שבת בייטאָג. אונ־זער ערשט קינד האָט זיך אויפ'ן גראָז געקויקעלט, פול גליק און פרייד איז אונזער האַרץ געווען.—זעה מאַטלע, האָב איך דעמאָלט צו דיר געזאָגט: בין איך נישט אַ מלך? ביזט דו נישט מיין שענע מלכה? איז נישט דאָס שענע קינד אונזערס אַ גליק־ליכער בן מלך—און דאָס אַלץ, וואָס מיר זעהען דאָ, איז דאָס נישט אַלץ אונזער מלוכה?—זעה, מאַטלע, האָב איך געזאָגט, די ערד אונטער אונז, דאָס גראָז אויף דער עריד, דאָס הויז, דער

פּאַרקען, דער ברונעם, אפילו דער בלויער הימעל איבער אונ-זער קאָפּ, איז אונזערער, אונזערער, מאַטלע, ביי קיינעם מיט גוואַלד נישט אַבגענומען, פון מיין טאַטען בירושה נישט בעקו-מען, נאָר אַליין מיט מיינע צעהן פינגער און כּשר'ע פּראַצע מיר ערוואָרבען, בין איך נישט דער גליקליכסטער אין דער גאַנצער וועלט?"...

—איך געדענק נישט, וואָס דו האָסט מיר געענטפערט דע-מאָלט, מאַטלע, רעדט פּאַליק ווייטער ווי עפּיס בעגייסטערט: נאָר איך געדענק די שענע אויגען דיינע, מאַטלע, מיט וועלכע דו האָסט מיך דעמאָלט אָנגעקוקט, און נאָך רייכער און נאָך גליק-ליכער בין איך אין דער רגע געוואָרען...

—מאַלע, וואָס אַמאָל איז געוועזען, אָבער וואָס איז היינט? טהוט זי אַ זאָג מיט אַ מיטפּיהלענדען זיפץ.

—היינט, מאַטלע, בין איך אויך גליקליך און רייך, וואָס איך האָב עס נאָך נישט פערגעסען. אַז איך דערמאָהן דאָס אַלץ, מיין איך—די צייט איז גאָרנישט אַוועק, און איך פיהל אין הארצען ביי מיר ווידער יענע פרייד, וואָס אַמאָל...

—און ווייסטו, מאַטלע, זאָגט פּאַליק ווייטער, איהר האַנד אָנגעהמענדיג: ווייסט דו, ווי שען דו ביסט געוועזען, ווי ליעב איך האָב דיך געהאַט; קיין בת מלכה וואָלט איך נישט גענומען פאַר איין קוק פון דיינע אויגען, פאַר איין קוש פון דיינע זיסע ליפּען!...

—אַלטער יוד, נאָך ליעגט דיר יענע נאַרישקייט אין זי-נען? ווי שעמסט דו זיך נישט פאַר דיין ווייסער באָרד נאָך צו ריידען פון יענער נאַרישקייט?

—נאַרישקייט, זאָגסט דו? האָט ער זיך אָבגערופען: אָבער וואָס איז די חכמה פון לעבען, אויב נישט יענע נאַרישקייט? מאַטלע, וואָס וואָלסט דו מיר איצט געוועזען, וואָס וואָלטען דעם מענשענס עלטערע יאָהרען פאַר אַ טעם האָבען, ווען ער זאָל זיך אַמאָל נישט דערמאָהנען אָן זיין גליק און נחת פון זיינע יונגע יאָהרען, וואָס דו רופסט אָן נאַרישקייט? אָהן

דער נאַרישקייט וואָלטען מיר נישט יונג געוועזען און נישט אַלט געוואָרען, מאַטלע!..

מאַטלע האָט אַ זיפץ געטהון, ווי איינער רעדט: טאַקע כדאי אַלט צו ווערען, אַז מען האָט אַזוי פיעל פיין און זאָרג אויף דער עלטער?...

—און שטעל דיר פאָר, מאַטלע, ווען עס קומט איינער צו אונז, ווי מיר זיצען דאָ אַזוי אַלט און שוואַך, און זאָגט: הער צו, פאַליק, איך לעג דיר דאָ אַוועק אַ מיליאָן רובל מזומנים, און טרעט מיר אָב דיין אַלטע איינגע׳חושכ׳טע מאַטלען—וואָס, וואָלסט דו זאָגען, דאַרף איך איהם ענטפערן פאַר אַזאַ אָנמו-טהען?

—וועלכער משוגע׳גער וועט פאַר מיר דיר היינט אפילו אַ גראָשען געבען? מעהר ווי צער און צרות האָסט דו דאָך איצט נישט פון מיר!

—צי אַ משוגע׳נער, צי אַ קלאָרער, איך זאָג דאָך נאָר דיר, למשל!

—ווייס איך וואָס דו רעדסט! איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט.

—איך וויל וויסען, צי וואָלט עס פון מיר אַ יושר זיין, ווען איך וואָלט דיך יענעם משוגע׳נעם, אָדער קלאָרען פערקוי-פען פאַר געלד, ווייל איצט ביזט דו שוין אַלט און מעהר ווי צער האָב איך נישט פון דיר, ווי דו אַליין זאָגסט?

—ניין, עס וואָלט נישט קיין יושר זיין פון דיר, מיין מאַן!

—פאַר וואָס?

—ווייל מיט דער, מיט וועלכער מען האָט געהאַט נחת אין די יונגע יאָהרען טאָר מען זיך נישט צושיידען כאָטש מען האָט נאָר צער און צרות אין די עלטערע יאָהרען!...

—גוט, אַז דו פערשטעהסט! בעמערקט פאַליק: היינט זאָג מיר, מיין טייערע מאַטלע, פאַר וואָס הייסט דו מיר מיט אַזאַ גרינגען געמיטה, פערקויפען אונזער הויז, צוליב דעם, וואָס עס איז שוין איצט אַלט און איינגע׳חושכ׳ט, און מעהר ווי צער

און צרות האָבען מיר נישט פון איהם? ווזו איז דיין יושר, מאַטלע?

—וואָס גלייכסט דו אַ הויז צו אַ ווייב? פרעגט זי

—אַזוי? טאָ הער-זשע, מאַטלע, וואָס איך וועל דיר דער-צעהלען! דער מגיד אין אונזער שניידער-שולכעל האָט אַמאָל אַ דרשה געזאָגט, אַז אונזערע הייליגע תנאים, ווען זיי פלעגען ווּעלען זאָגען: „מיין ווייב", פלעגען זיי זאָגען: „מיין הויז"... און ווייסט איהר פאַר וואָס? האָט דער מגיד דערקלערט.

—פאַר וואָס?

—ווייל צוגלייך מיט דער אשה, וואָס גאָט גיעט דעם מאַן, גיעט ער איהם אויך אַ הויז און אַ היים.

און דעריבער, האָט אונזער מגיד אונז ווייטער דערקלערט, רופט מען אָן ביי אונז יודען אַ יונגענמאַנטשיק נאָך דער חתונה מיט'ן נאָמען: „בעל הבית'ל". דאָס איז טייטש: אָט דער דאָזי-גער נפש איז שוין נישט אַזאַ לופטיגע בעשעפעניש אָהן אַ פונ-דאַמענט, וואָס ער איז היינט דאָ און מאָרגען—איבער אַלע בערג. נאָר ער איז שוין אַ מענש מיט אַ הויז, מיט אַ היים, און אַלץ צוליעב דעם, וואָס ער האָט שוין אַ ווייב, אַ עקרת הבית ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

און טאַקי נאָר דעריבער, מאַטלע, זעהען מיר אין דער וועלט, אַז אַ מאַן, וואָס האָט ליעב זיין ווייב, האָט אַלעמאָל ליעב אויך זיין היים און זיין הויז. די היים, דאָס הויז ווערט איהם טייער און ליעב, צוליעב דעם ווייב, די עקרת הבית, וואָס איז איהם טייער און ליעב. חלילה, פערקעהרט: ווען איהם איז זיין ווייב נישט ליעב און טייער, איז איהם זיין הויז נישט אַ ליעבע היים, נאָר אַ תפיסה אַ פינסטערע, פון וועלכער ער רייסט זיך אַרויס און אַנטלויפט, ווען ער האָט נאָר די יכולת דערצו.

—און איצט, אַז דו פערשטעהסט עס שוין יאָ, מעג שוין שעיה שיקען נאָך מיר זיינע אַלע „יוצר משרתים" און „ואשר משרתים", מעג ער אפילו אַליין קומען צו מיר, מעג ער זיין גאַנץ פערמעגען מיר אַוועקלעגען, איך זאָל איהם דאָס הויז פערקויפען, בין איך נישט פאַליק דיין מאַן, אויב איך וועל

איהם אפילו אַ וואָרט ענטפערן!

און איצט, מאַטלע, ווי באַלד, אַז דו פערשטעהסט מיך שוין און איך האָב שוין אָבגעשוואוירען, מעג דונערן און בליצען, רעגענען אָדער האָגלען—נישט מיין דאגה!... ניש'קשה, צוליעב אַ היטעל, וואָס פעהלט צום קאָפּ, פערקויפט נאָך אַ מענש זיין קאָפּ נישט... איז נאָר דאָ אַ קאָפּ, וועט שוין ווערען אַ היטעל צום קאָפּ...

—איצט קום אין שטוב אַריין און גיב מיר עסען. איך פיהל מיך גאר ניי לעבעדיג. וועסט זעהען, איך וועל עסען צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי נעכטען אין דער צייט...

מיט די רייד האָט ער זיך מונטער אַ הויב געטהון און איז אַליין, אָהן מאַטלעס הילף, אין שטוב אַריין. מאַטלע איז קוים בכח געווען אַזוי גיך איהם נאָכצוגעהן.

---

XV

מיט דריי וואָכען שפּעטער, נאָך יענעם שמועס מיט זיין ווייב, זיצט פאַליק ביי זיין וואַרשטאַט מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און שרייבט דאָס דאָזיגע בריוועלע צו זיינע קינדער אין אַמעריקא:

„צו מיינע ליעבע און טייערע קינדער, זאָלען לעבען און געזונד זיין, אמן!

„ערשטענס, שרייב איך אייך, אַז איך און די טייערע מאַמע אייערע, מאַטלע זוגתי שתחי', זענען אַ דאַנק השם יתברך געזונד. גיב גאָט דאָס נעמליכע פון אייך צו הערען תמיד, נאָר מיט וועניגער צער!

„צווייטענס, שרייב איך אייך, אַז גאָט ברוך הוא, וואָס האָט מיר תמיד געהאָלפען אויסצופיהרען מיין וועלטעל, אָהן קינדערשע הילף, האָט מיר היינט אויך צוגעשיקט זיין גוטען שליח, וואָס האָט מיר געהאָלפען אין מייז גרויס נויט אָהן אייער לאַסקע...

„מיין הויז האָט שוין, אַ דאַנק זיין ליעבען נאָמען, אַ נייעם דאַך!

„אפילו נישט פון שינדלען, אָדער פון בלעך, נאָר אַ דאַך פון נייע ברעטער גאַנצע, אַבי געזונד. הלואי שענקט גאָט מיר און דער מאַמען אייערער אַזוי פיעל יאָהרען נאָך צו לע-בען אין אונזער אייגענעם הויז, וויפיעל דער דאַך קאָן נאָך גאַנץ און גוט זיין פאַר אונז!

-דער גוטער שליח, וואָס גאָט האָט מיר צוגעשיקט, איז כתריאל דער געהילץ-הענדלער!

„אין גרויסע צרות בין איך אין גאַס אומגעגאַנגען, דאגה'נדיג: וואָס טהוט מען? ווי גיט מען זיך אַ עצה? געהט צו מיר צו כתריאל, גאָר נישט-געריכטערהייד—ער איז אַ גאַנץ זומער גאָר היע נישט געוועזען, און מיר איז גאָר קיינמאָל אויפ'ן זינען נישט אַרויפגעקומען, מיט איהם עפּיס צו טהון צו האָבען.

„אַ יוד, אַ גרויסער סוחר, מיט וואַלד און געהילץ-עסקים, ווי קום איך צו איהם.

„נאָר אַז דער רבונו של עולם וויל אַ מענשען העלפען, איז גאָר נישט שייך, וואָס מען קלערט דעריבער נישט פריהער.

„ר' פאַליק, מאַכט ער צו מיר, אַזוי אין גאַס, מיר אויף מיין דאַך אָנווייזענדיג:

„ווי איך זעה, דאַרף אייער הויז אַ נייעם דאַך ווי לע-בען; און איך פערשטעה, פאַרוואָס איהר דערמאָהנט זיך נישט טאַקע אַ דאַך צו מאַכען...

„פשוט, אייך פעהלען די עטליכע רובל, וואָס מען מוז דערצו האָבען, אפשר נישט אמת?

„הערט-זשע, וואָס איך וועל אייך זאָגען. איך דאַרף נוי-טיג אַ הויף, וואו מיינע ברעטער אָבצולעגען און אויך אַנדערע מינים געהילץ. פערדינגט מיר אַ האַלבען הויף אויף דריי יאָהר נאָר מיין געהילץ, און איך וועל דערפאַר אייער הויז מיט אַ נייעם דאַך בעקליידען. נאָכמעהר: אַ ביסעל טאַקע דאָס עצם הויז אַליין אויך אַרומזעהן, דעס פאַרקען פערריכטען, אַ נייעם

טויער מאַכען, אַ כלל, איך וועל אייך מאַכען פאַר אַ בעל-הבית, ר' פאַליק!"

„נו, קינדער, וואָס זאָגט איהר דערצו? איז דאָס אפשר נישט אַ מלאך פון הימעל געוועזען, וואָס גאָט ברוך הוא אַליין האָט מיר צוגעשיקט, צו טרייסטען מיך פאַר מיין צער און צרות?...

„זאָגט אייך, קינדער, וואָס איהרווילט, געשטראָפט האָט מיך גאָט נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב אַ רגע צו אייך און נישט צו זיינער הילף געחאַפּט...

„אַ דאַנק איהם פאַר זיין שטראָף, ווי פאַר זיין ישועה!

„אויף ווייטער וועל איך וויסען, ווי אַ מענש מאָג און האָט וואָס צו האָפען אויף די הילף פון קינדער...

„איהר שרייבט אפילו, אַז דעריבער שיקט איהר מיר קיין געלד נישט, ווייל איהר ווילט, אַז איך זאָל דורכאויס קומען צו אייך, און איהר האָט מורא די עטליכע רובל מיר צו שיקען, טאָמער גיב איך זיי אויס אויף אַ נייעם דאַך אויף מיין אַלטער „כאַלופּע", ווי איהר רופט איצט אָן אייער אַמאָל ליעב געווע-זענע היים, וואו איהר האָט צום ערשטען מאָל גאָטס וועלט דערזעהן,—און איך וועל שוין דורכדעם נישט ווערען פאָהרען צו אייך קיין אַמעריקא. איך גלויב אייך, טייערע קינדער. דאָס איז טאַקי גאַנץ שעהן און גאַנץ פיין פון אייך! אָבער צעהן מאָל שענער און פיינער וואָלט געווען פון אייך, ווען איהר וואָלט די עטליכע רובל טאַקי יאָ געשיקט, און איהר וואָלט דערצו געהאַט צוגעשריבען אין אייער בריוועלע: טאַטע, דו בעטסט עטליכע רובל אויף אַ נייעם דאַך אויף אונזער אַלטער היים. מיר שיקען דיר די עטליכע רובל מיט פערגניגען, מיר בעטען דיך אָבער, אַז צוליעב דעם זאָל קיין אָבהאַלט נישט זיין צו דיין קומען צו אונז מיט דער מאַמען געזונטערהייד קיין אַמע-ריקא!"

„איצט אָבער, טייערע קינדער מיינע, אַז איהר האָט אויף אַזוי פיעל קיין שכל און קיין אייגענע איידעלקייט נישט געהאַט, און איהר שרייבט בפירוש, אַז דעריבער שיקט איהר מיר נישט

קיין געלד מיין הויז צו צודעקען, כדי דערמיט מיך צו נויטען קומען צו אייך מיט דער מאַמען אייערער געזונטערהייד, מוז איך אייך זאָגען, אַז מען טאָר נישט נויטען דעם אַנדערן, נישט קיין בת ישראל און נישט קיין בן ישראל, אפילו אַ אייגענעם טאַטען אויך נישט...

„ניין, קינדער, גוטע און געטרייע. וואָס אמת, איז אמת גוט און געטריי זענט איהר, קליגער און איידעלער אָבער מעגט איהר אויך זיין. נישט קלוג האָט איהר אייער בריוועלע גע־שריבען, און אויב אין אַמעריקא רופט מען אָן אַזוינס קלוג און גוט, וויל איך בעסער שטאַרבען דאָ, אין מיין געבוירען היים, אַ נאַר!...

ווענען קומען צו אייך, ווי איהר פערלאַנגט און בעט, ווילט זיך מיר אייך אַ פּאָר ווערטער דאָ שרייבען, לעגט נאָר צו מאַרך און שׂכל, איהר זאָלט מיינע ווערטער רעכט פער־שטעהן.

איך זאָל אייך זאָגען, עס ווילט זיך מיר כלומרשט גאָר נישט

## פון פערלאַג.

די דאָזיגע ערצעהלונג „פאליק און זיין הויז" איז אַמאָל געדרוקט געווען אין „פריינד". פאַר'ן, טויט האָט יעקב דינעזאָן זי שטאַרק אויסגעבעסערט, אַרויסגעוואָרפען און צוגעשריבען גאַנצע זייטלעך און זי געלאָזט אויסזעצען אין בוך־פאָרם. ער אַליין האָט געמאַכט די קאָרעקטורי.

די ערצעהלונג איז אויסגעזעצט געוואָרען ביזן לעצטען זייטעל, אָבער ער האָט נישט בעוויזען צוצושרייבען די לעצטע פּאָר שורות אויף דער קאָרעקטור.

מיר גיבען עס אַזוי, ווי עס איז פערבליבען ביים פערשטאָרבענעם מחבר אונטער דער האַנט.

## פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע.

# אַלע ווערק פון יעקב דינעזאָן

פון דאָסניי אַרויסגעגעבן מיט דערקלערונגען און איינליטונגען.

שוין דערשינען:

**I** באַנד
## הנאהבים והנעימים
אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק
ראָמאַן אין פיר טייל, 356 זייטן.

**II** באַנד
## אבן נגף
אָדער אַ שטיין אין וועג
ראָמאַן אין פיר טייל. 500 זייטן.

**III** באַנד
## הערשעלע
## יאָסעלע

**IV** באַנד
## פאַליק און זיין הויז
## קריזיס

**V** באַנד
## וועלטגעשיכטע
פיר טייל, 640 זייטן.

עס דרוקן זיך און וועלן דערשיינען דעם ווינטער:

**VI** ב. אַרטיקלען און זכרונות וועגן יעקב דינעזאָן

**VII** ב. אַלטער (ראָמאַן). **VIII** ב. קינדערשע נשמות

**IX** באַנד יאָסל אַלגעברניק

**X** באַנד אם הבנים אדער די שיינע רחעלע (ראָמאַן)

**XI** באַנד מעשיות בכל יום (ראָמאַן)

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָפּעראַטיוו „ביכער" וואַרשע, נאַלעווקי 2a

יעקב דינעזאָן

# דער קריזיס

דערצעהלונג.

פארלאג „אחיספר“ ווארשע

Printed in Poland

Copyright by S. Sreberk New-York U. S. A. 1923

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

# א.

עס איז הייסער זומער-טאָג. די זון ברענט און טריקענט, די לופט איז ווי מיט אָפּיום אָנגעפילט.

אין הלל אַבעלמאַס מאַנופאַקטור-געשעפט שטעהען די דריי פּריקאַזטשיקעס אָהן אַ ברעקעל אַרבייט. דער קאָפּ איז זיי שווער, די אויגען פערמאַכען זיך, און עס האַפּט אַ דרע-מעל שטעהענדיג. אַמאָל — דער און אַמאָל — דער אַנדע-רער. זיי טהוען אָבער באַלד אַ ציטער און האַפּען זיך אויף, קוקען זיך אַרום, צי דער בעל-הבית האָט עס נישט בעמערקט, פערשעמען זיך איינער פאַר'ן אַנדערן, און פיהלען זיך, ווי מען וואָלט זיי אַוועקגעשטעלט אויף הייסע קויהלען.

וואָלט דער בעל-הבית אין קראָם נישט זיין, וואָלטען זיי שוין וויסען וואָס צו טהון: אַז ער איז נישטאָ, שפּיעלט מען אַ דאָמינע, אָדער אַ דאַמקע, מען ראַנגעלט זיך, מען טרייבט קאַטאָוועס, אין ערגסטען אופן — קריכט מען, זיך בייטענדיג, אַרונטער אַהינטער אַ פּאַק סחורה און מען האַפּט אַ דרעמעל. אַ מחיה... צום אונגליק איז דער בעל-הבית אין דער לעצטער צייט כּסדר אין קראָם, פערגעסט זיך אַמאָל אפילו צו געהן צו דער צייט אויף מיטאָג. אַ ברעקעל אַרבייט, מיט וואָס זיך אויפצומונטערן, איז נישטאָ אפילו אויף אַ רפואה, ווי עס רעדט זיך; און די היץ איז גרויס, די לופט דריקט

אזוי צום שלאָף, ס'איז שווער אויף די פיס איינצושטעהן און די אויגען אָפען צו האַלטען.

אַלע יאָהר איז אין מיטען זומער שטיל אין די אָפּטאָ־ווע מאַנופאַקטור־געשעפטען, פונדעסטוועגען רודערט זיך צו ביסלעך; לייזט מען נישט פון פּראָווינץ־סוחרים און קרעמער, וואָס קומען נור צוויי מאָל אין יאָהר צום סעזאָן, לייזט מען צו ביסלעך פון שטאָדטיגע איינצעל־קונים. מען ווערט טאַקע פון זיי נישט גליקליך, נור ווי דאָס איז, — עס געפינט זיך אַרבייט מיט וואָס איבערצושטופּען דעם לאַנגען זומער־טאָג און יוצא צו זיין פאַר'ן בעל־הבית, וואָס מען נעהמט ביי איהם שכירות פאַר די שטילע צייט ווי פאַר סעזאָן־צייט.

היי־יאָהר — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! — אָבגעהאַקט געוואָרען דער גאַנצער פּדיון, חאָטש עפען אַ גאַנצען טאָג די קראָם נישט אויף. עס שמעקט אין קראָם, ווי עס רעדט זיך, אַ הונד נישט אַריין. קומט יאָ אָן אַמאָל אַ בעשטעלונג פון אַ קליינשטעדטעלדיגען סוחר'ל, און יענער בעט מען זאָל איהם שיקען עטליכע שטיק סחורה, נעהמט דער בעל־הבית באַלד דאָס וועקסעל־בוך, טהוט אַ קוק און זאָגט:

— זעה נור, ער האָט שוין קיין צייט נישט! אַ העזה אַ ביסעל... עס לויפען נאָך זיינע וועקסעלעך. אַלט הונדערט רובל איז איהם קאַרג, די גאַנצע טויזענד ווילט זיך איהם נישט בעצאָהלען...

און יעדעס מאָל רעדט עס דער בעל־הבית אַרוים מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי ער ווייסט שוין זיכער, אַז אַנדערש קען שוין גאָר נישט זיין, אודאי וועט יענער נישט בעצאָהלען. און דערווייל עפענט מען אַלע אינדערפריה די קראָם, מען פּיינגט זיך אָן אַ טאָג אַ יאָהר מיט ליידיג געהן מעהר ווי ביי דער שווערסטער אַרבייט.

אפילו לויפען „האָפען אַ גמילות חסד", ווי דער שטיי־נער איז אין גוטע יאָהרען ביי קרעמער, איז איצט אויך נישטאָ וואוהין און ביי וועמען.

און דער בעל־הבית זיצט, כלומרשט, אין זיין קאַסע, ווי

בעת עס רודערט זיך, שרייבט און רעכענט, פערטראַכט זיך אָפּט און קוקט אויף די פּאָליצעס סחורה. צי צעהלט ער די שטיקער איבער, צי ווילט זיך איהם אַ „נעכטיגען טאָג" דאָרט געפינען? דאָס גוטע יאָהר ווייסט איהם.

די געזעלען זענען אפילו ביי זיך גאָר נישט אַראָבגע־פאַלען, וואָס ס'איז אַזוי שטיל אין פּריון: פון דעם איינצעל־קונה ווערט מען נישט רייך, די שטילע צייט וועט ווי עס איז אַריבער, און עס וועט קומען אַ נייער סעזאָן, מיט איהם — נייע און אַלטע סוחרים, און זיי, די געזעלען, וועלען נאָך גענוג זיך אָנהאָרעווען פאַר די שבירות וואָס זיי בע־קומען. אויך ווייסען זיי, אַז זייער בעל־הבית איז גענוג רייך און ער רעכענט זיך צווישען מאַנופאַקטור־סוחרים פאַר דעם רעעלסטען, אָבער אַנגענעהם איז זיי פאָרט נישט צו זיצען, אָדער צו שטעהן אין קראָם ליידיג און קיין אָרט נישט געפי־נען וואו די הענד צו פערברוקען. דערצו פיינינט נאָך די היץ, דער שלאָף, און נאָך מעהר — דעם בעל־הבית'ס אומעטיגער קוק, אַמאָל — אויף דעם און אַמאָל — אויף דעם אַנדערן.

אָט הויבט ער אויף די אויגען, קוקט, קוקט, און גיט פּלוצלונג אַ פרעג:

— וואָס שטעהט איהר אַזוי ווי די ליימענע גלמ'ס? קיין חרפה, קיין בושה נישטאָ...

די געזעלען קוקען זיך אָן איינער דעם אַנדערן, און זייערע אויגען פרעגען: וואָס וויל ער? עס איז דען דאָ וואָס צו טהון?

ער לאָזט צוריק אַראָב זיינע אויגען אין זיינע געשעפטס־ביכער, און די געזעלען ווינקען זיך איבער, ווער — מיט אַ שמייכעל און ווער — מיט עפּעס אַ קאָמאַנדע, דער בעל־הבית זאָל נישט הערען.

דער עלטסטער געזעל, חיים לייב ביילין, שטעלט זיך אין טהיר, פערשטעלט מיט דער האַנד די שטראַהלען פון דער זון, וואָס פאַלען איהם גלייך אין די אויגען אַריין, קוקט עטליכע מינוט אין גאַס, ווי איינער קוקט זיך אַרום אין דער

מדבר און פרעגט: מאין יבא עזרי? און אפשר קלערט ער גאָר בעת-מעשה: ווי גוט וואָלט געווען, אז עס וואָלט זיך איצט געוויזען אַ שטיקעל וואָלקען, עס זאָל זיך אַ ביסעל דורכ-רעגענען, און זאָל האַטש אַ ביסעל קיהלער ווערען!

נאָך עטליכע מינוט אַזוי געקוקט פון טהיר אין גאַס אַריין, גיעט ער זיך פּלוצלונג אַ קעהר צוריק אין קראָם מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי ער גרייט זיך באַלד ענטפערן ערגיץ אַ קונה. עס קומט טאַקע באַלד אַריין אַ פרויליין פון אַ יאָהר אַכצעהן אָדער צוואַנציג און בלייבט שטעהן אין מיטען קראָם, ווי זי וויסט נישט צו וועמען זיך צו ווענדען.

אַלע דריי געזעלען רינגלען זי אַרום. איינער פרעגט: מיט וואָס קען איך אייך דיענען, פרויליין? דער אַנדערער הויבט אָן איהר אויסצורעכנען אַלע סאָרטען ציץ, זייד און אַטלעס, און דער דריטער לויפט געשווינד און שטעלט זיך אַוועק צווישען טיש און די פּאָליצעס, גרייט — איהר די גאַנ-צע קראָם סחורה איבערוואַרפען, אבי נור ליידיג נישט צו שטעהען.

דאָס פרויליין אָבער ענטפערט אַ וואָרט נישט, און ווי זי דערזעהט דאָס קעמערל, וואו דער קאַסיר זיצט, טהוט זי זיך אַ קעהר צו דער קאַסע, נעהמט אַרויס די האַנד פון איהר קעשענע, וויקעלט פונאַנדער אַ ניי קנאַקעדיגען הונדערטער און זאָגט:

— זייט אַזוי פריינדליך, טוישט מיר אויס דעם הונ-דערטער אויף קלענערע.

אין קאַסע זיצט ר' הלל אַבעלמאַן אַליין און ער פער-שטעהט אין דער ערשטער רגע נישט, וואָס זי מיינט מיט דעם הונדערטער.

— קענט איהר מיר נישט אויסטוישען דעם הונדערטער אויף קלענערע? פרעגט דאָס מיידעל נאָך אַמאָל און דער-לאַנגט איהם דעם הונדערטער.

אַבעלמאַן קוקט זי אָן, ווי ער וואָלט זיך חדוש'ען,

וואָס עס זענען נאָך דאָ בעלי־בתּים אין שטאָדט, וואָס פערמאָגען אַ גאַנצען הונדערטער.

— ווענעמס טאָכטער זענט איהר? טהוט ער אַ פרעג.

— איהר האָט אפשר מורא, עס איז נישט קיין גוטער הונדערטער? פרעגט דאָס מיידעל צוריק.

— חלילה! האָב איך אַ הונדערט טויזענד אַזעלכע! ענטפערט ער, — נאָר עס שאַדט נישט צו וויסען, ווער אייער פאָטער איז.

מיינען מיינט ער, עס קען אַמאָל צו נוץ קומען, בעת מען האָט נויטיג „אַ גמילות חסד״.

דאָס מיידעל זאָגט איהם ווער זי איז. ער בייט איהר אויס; זי צעהלט דאָס געלד איבער גיך, ווי איינע, וואָס צעהלט צוא סומע נישט צום ערשטען מאָל.

דערווייל צושטעלען זיך די פּריקאַזטשיקעס אַזוי פאַר דער טהיר, גלייך עס ווילט זיך זיי פערשטעלען איהר דעם וועג אַרויסצוגעהן. — שענעס ניי־מאָדישען ציץ! רעדט צו איהר אַ פּריקאַזטשיק, אַ בחור אין איהרע יאָהרען — וואָלענס, פרויליין, זייד, אַטלעס, פוליאַר. לאָזט זיך דיענען, פרויליין!

— איך האָב עס שוין געהערט, — ענטפערט דאָס פרויליין און רייסט זיך צו דער טהיר. אָבער דאָ פערלויפט איהר דעם וועג נאָך איינער, און הייבט ווידער אָן אויסצורעכענען אַלץ, וואָס זי קען דאָ בעקומען, און ער קירעוועט זיך אַזוי געשיקט, אַז דאָס פרויליין קען צו דער טהיר נישט צוקומען.

— איך ברויך גאָרנישט. איהר האָט דאָך געזעהן, אַז איך בין נישט געקומען קויפען, — בעט זיך דאָס פרויליין, מען זאָל צו איהר אַזוי נישט צושטעהן.

— נישט קויפען, אָבער אַ קוק טהון אונזערע מוסטערן שאַדט נישט. — וועט איהר קויפען, ווען איהר וועט ברויכען! יויל איהר איינריידען אַ געזעל, און ער מיינט אויך נישט אַזוי דאָס מיידעל פאַר אַ קונה צו בעקומען, נור זיין שלעפּעריגקייט צו פערטרייבען.

— װעלװעל! גיט ביילין א געשריי צום געזעל, װאָס האָט זיך פריהער אװעקגעשטעלט צװישען טיש און פאָליצע, — חאַפּ אַראָב דעם מאַדישען מוסטער ציץ, װאָס מען נעהמט איצט אויף קליידער און אויף בלוזקעס! דעם איינענעם, װאָס דו האָסט נעכטען געלייזט פון מאַדאַם פיינבערג אויף צװיי קליידער מיט בלוזקעס, פאַר איהר און פאַר דער טאָכטער איהרער.

װעלװעל װייסט, אַז ער האָט נעכטען קיין מאַדאַם פיינ-בערג גאָר אין די אויגען נישט געזעהן, נור עס פּאַסט צום עסק אַזוי צו זאָגען, כּדי אונטערצוגעבען חשק אַ איינצעל-קונה, בּפרט אַ פרויליין אַ איינגעשפּאַרטע, װאָס װיל אפילו נישט אַ קוק טהון.

מיט איין שפּרונג שטעהט שוין װעלװעל אויפ'ן טיש און חאַפּט אַראָב אַ שטיק סחורה פון פאָליצע. דער פּריקאַז-טשיק, װאָס שטעהט דערביי, װיקעלט שוין פונאַנדער, פאַלבט עס אויף, צו װייזען װי דאָס קען אויסזעהן אַלס קלייד אָדער אַלס בלוזקע.

דאָס פרויליין, װי עס װייזט אויס, האָט חשק בעקו-מען און האָט אַ זאָג געטהון:

— אָבער נור אַ קוק טהון, איך זאָג אייך אַפריהער — קויפען װעל איך איצט נישט.

— אַ קוק טהון נור, איך מיין גאָר נישט מעהר! — איז ביילין מסכּים, — עס שאַדט נישט צו װיסען, װאָס פאַר אַ סחורה מען קען ביי אונז בעקומען; װעט איהר קויפען, װען איהר װעט ברויכען.

האַלב פערשעמט און כּלומרשט װי מיט אַ צוליעב געהט זי צו צום טיש. פון איהר קרים מיט די ליפּען פערשטעהט שוין ביילין, אַז דער מוסטער געפעלט איהר נישט.

— װעלװעל, אַ מפּלה אויף דיר, אָט דעם מוסטער האָב איך דיר געהייסען װייזען? שרייט ביילין, — איך זאָג דיר דאָך — װאָס מאַדאַם פיינבערג האָט גענומען פאַר זיך און פאַר איהר טאָכטער! און גלאַט אַזוי, װאָס זשאַלעװעסט דו? נעהם

אראָב עטליכע שטיק. עס איז דאָ ביי אונז, אָהן עין הרע, פון וואָס אויסצוקלויבען.

— צו וואָס זאָלט איהר אייך מטריח זיין? זאָגט דאָס מיידעל; קויפען וועל איך איצט סיי ווי נישט.

— אונזער זאַך איז — ווייזען, ענטפערט ביילין; אונזער טרחה זאָל אייך גאָר נישט אַרען; פאַר אונזער טרחה נעהמען מיר ביים בעל-הבית, זאָל געזונד זיין, גוטע שכירות. לייזען מיר נישט היינט פון אייך, וועלען מיר לייזען איין אַנדערש מאָל; אונז איז די טרחה ווערט, איהר זאָלט וויסען, אַז דאָס, וואָס מען בעקומט ביי אונז, אַ דאַנקען גאָט, בעקומט מען אין קיין אַנדער קראָם נישט.

וועלוועל האָט אַראָבגערלאַנגט אַ שטיק נאָך אַ שטיק; דער געזעל אונטען האָט אַזוי געשיקט אויפגעפאַלבט יעדען מוסטער און די פאַלבען אַזוי צוגעמאָסטען צום מיידעל, ביז יענע האָט שוין אָנגעהויבען פעראינטערעסירען זיך ווי טייער עס קאָסט אַנ'ארשין? וויפיעל ארשין נעהמט מען אַצונד אויף אַ קלייד, וויפיעל — אויף אַ בלוזקע? און דער געזעל האָט זיין געניטקייט אַרויסגעוויזען ווי אַ רעכטע פראַנטיכע, וואָס ווייסט ווי מען געהט היינט, ווי מען טראָגט איצט, מיט וואָס מען בעפוצט, און אפילו וויפיעל עס דאַרפען בעטרעפען צוראַטען און שניידעריי-קאָסטען, אויך די פאַרבען, וואָס פאַסען פאַר בלאָנדינקעס, און וועלכע עס קליידען בעסער די ברונעטקעס.

— פאַר אייך, פרויליין, קען איך נור ראַטען אָט דעם מוסטער. איהר וועט מיר דאַנקען, זאָג איך אייך.

נאָכדעם ווי דאָס פרויליין האָט גענומען אַ פאַר פראָבקעס צו בעווייזען איהר מוטער און שוועסטער, האָט וועלוועל אויסגעגעהערט אַראָבצונעהמען נייע שטיקער פון די פאָליצעס; און דאָס פרויליין איז, אַ דאַנק גאָט, בשלום פון קראָם אַרויס.

איצט האָבען שוין די פריקאַזטשיקעס, כלומרשט, אָנ-

ארבייט צוריק צונויפלעגן די צעוואָרפענע שטיקער סחורה און מאַכען אַנ׳אָרדנונג אין די פּאָליצעס.

אַבעלמאַן האָט די קאָמעדיע צוגעזעהן און געשוויגען. די שטילקייט אין קראָם האָט אָנגעטריבען אַ מרה־שחורה אויף איהם אַליין, און ער איז גערן געוועזען, וואָס זיינע שווערע געדאַנקען זענען האַטש דורך אַזאַ קאָמעדיע איבערגעריסען געוואָרען.

און געדאַנקען האָט אַבעלמאַן אין דער לעצטער צייט שווערע און טרויעריגע. פון איין זייט הערט מען אַלע טאָג אַ פרישען באַנקראָט, אָדער באַנקראָטעל פון בעקאַנטע סוחרים אין דערזעלבער שורה קראָמען, פון דער אַנדערער — קומט איהם אַליין אָן אַ פּראָטעסט נאָך אַ פּראָטעסט, גלייך ווי אַלע קונים זיינע וואָלטען זיך צוזאַמענגערעדט היי־יאָהר איהם אַ גראָשען נישט צו בעצאָהלען.

פריהער, אַז ער פלעגט דערהערען, אַ סוחר פון דער בראַנ־זשע האָט באַנקראָטירט, פלעגט ער זאָגען: „יענער איז לכתחילה גאָר קיין סוחר נישט געוועזען. אָהן אַ פעסטען פונדאַמענט קען אַ בנין לאַנג נישט שטעהן... כל זמן עס איז שטיל, האַלט זיך נאָך ווי עס איז; טהוט אָבער אַ בלאָז אַ ווינד, קעהרט זיך דער בנין איבער גאָר אָהן קונצען... און ווי דער שטייגער איז — פאַלט איין אַ בנין, מוזען לייט בעת מעשה געשעדיגט ווערען". איצט אָבער, אַז ער דערקענט שוין, דאָס איהם אַליין איז פּלוצלונג שווער געוואָרען אײַנצו־שטעהן אויף זיין פעסטען פונדאַמענט, אויף וועלכען ער האָט אַמאָל זיין געשעפט געגרינדעט, טראַכט ער שוין נישט וועגען לייטען, נור וועגען זיך אַליין. ער רעכענט און רעכענט און געפינט, אַז זיין אייגענער פונדאַמענט איז אין די לעצטע עטליכע יאָהר אונטערגעגראָבען געוואָרען — נישט אַזוי צוליעב פרעמדע אונטערגראָבער ווי טאַקע פון די אייגענע.

„אייגענע" — מיינט ער די קינדער זיינע, וואָס האָבען איהם אָבגעקאָסט און הערען נאָך נישט אויף אָבצוקאָסטען.

צוויי טעכטער האָט ער אין צוויי יאָהר צייט חתונה

עמאַכט, און זיי האָבען איהם אָפּגעקאָסט אַ גאַנצען אייגענס. נדן וואָלט נאָך געוועזען אַ האַלבע צרה, דערויף האָרעוועט מען דאָך, מען זאָל אַ טאָכטער קענען געבען נדן, און מען גיט וויפיעל מען קען געבען. אַלס אָנשטענדיגער סוחר, וואָס זיין סוחריש וואָרט איז בּיי איהם טייער, האָט ער דעם נדן צוגעזאָגט וויפיעל ער האָט בּערעכענט, ער קען געבען און מעג געבען; האָט זיך אָבער אָנגעהויבען אַנ׳עסק מיט די גאַרדע-ראָבּעס זייערע, מיט מעבעל און אַלע נויטיגע און נישט-נויטיגע קליינע און גרויסע הוצאות, וואָס מען גיט נור אויס, דאַכט זיך, צו צעהן, העכסטענס צו הונדערט רובּעל אויף דאָס און אויף יענץ, בּיז עס קלייבּט זיך אָן אינאיינעם אַ סומע וואָס בּעטרעפט נאָך אַ מאָל מעהר ווי דער נדן. דערווייל ווערט שוין אַ לאָך ערגעץ אין חשבון, וואָס ס׳איז שווער אויסצופי-לען און עס בּלייבּט אַ לאָך.

און וואָלט עס שוין אַ סוף געווען, וואָלט נאָך אַלץ זיין צו דערליידען; קאָסטען איהם אָבער די טעכטער נאָך איצט אויך. איין איידים איז אַ דאָקטאָר אָהן פּראַקטיקע, וואָס האָט דעם נדן אַריינגעטהון אין אַ סאַנאַטאָריום בּשותּפות מיט נאָך אַ דאָקטאָר, און איידער אַ חולה האָט צייט געהאַט אין איהם געזונד צו ווערען, איז דערווייל דער גאַנצער נדן נאָך מיט אַ צולאָג אין איהם בּעגראָבּען געוואָרען. ער, דער דאָקטאָר, האָט אפילו ערשט נישט לאַנג בּעקומען אַ דאָקטאָר-שטעלע אין אַ יודישען שפּיטאָל אין אַ פּראָווינץ-שטאָדט, און האָפּט אויסאַרבּייטען זיך מיט דער צייט אַ שענע פּראַקטיקע, דער-ווייל אָבער מוז מען צושיקען צו זיין הוצאה, און ער קאָסט אָב אַ יאָהר געווג. דער אַנדערער איידים איז שון דוקא אַ בּן הגביר, האָט בּיז איצט געהאַנדעלט מיט וואַלד, און עס איז איהם גאַנץ גוט געגאַנגען; מאַכט זיך אָבער דער גרויסער קריזיס אין וואַלד-געשעפט, און ער בּלייבּט איצט אָהן אַ עסק. ער האָט אפילו שׂכל געהאַט אָבּצושניידען פון זיין עסק בּאַלד אין אָנהויב און איז אַרויס מיט זיין געלד; נור ווי דאָס איז, בּיז ער וועט אַ ניי געשעפט געפינען, קען מען נישט זיצען

און עסען פון גרייטען, מען מוז די קינדער דערוויל אונטער־שטיצען, און דאָס קאָסט געלד. מעהר געלד און געזונד קאָסט אָבער אַבעלמאַנען זיין בן־יחיד: אַ גימנאַזיסט געוועזען, געענדיגט גימנאַזיום דוקא גוט און פיין, האָט ער אָבער נישט געקענט אַנקומען אין אוניווערזיטעט, מען איז דאָך אַ יודיש קינד... נעהמט ער און פאָהרט אַוועק אין דער שווייץ און געהט דאָרט אין אוניווערזיטעט. דאַכט זיך, קיין בייז נישט. טשעפּעט זיך צו צו איהם עפּעס אַ מיידעל, אַ קליינ־שטערטעלדיגען מלמד׳ס אַ טאָכטער, וואָס האָט איהר מסתמא אויך מעהר ווי אוניווערזיטעט נישט געפעהלט, און דער זוהן, דער בן־יחיד, שטעלט דאָרט אָב מיט איהר אַ חופּה, כדת משה וישראל אפילו, און שרייבט די עלטערן אַ מזל־טוב. פערשטעהט זיך, מיט אַ בקשה אַרויסצושיקען כך וכך מיט דער ערשטער פּאָסט אויף צו מאַכען זיך אַ לעבען ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסען סוחר׳ס אַ בן־יחיד. — נישט שיקען, האָט ער מורא: היינטיגע קינדער... מוז מען שיקען, און ער קאָסט דערוויל געגוג; מען קען עס נישט פּטר׳ן מיט אַ פּאָר טויזענד רובעל אַ יאָהר. מילא, אין גוטע יאָהרען איז עס נאָך צו דערליידען, אָבער איצט, ווען פּראָטעסטען פאַלען ווי האָגעל פון הימעל, און די באַנק האָט איטליכען דעם קרעדיט ביז צום מינדעסטען פערקלענערט, דערפיהלט מען זיך אין דער קלעם. און אַבעלמאַן הייבט אָן איינצוזעהן, אַז די קלעם געהט שוין איבער אין אַ כראָנישע קרענק, וואָס גיט קיין האָפנונג נישט אין גיכען פון איהר לייז צו ווערען. דעריבער ליעגט אַזאַ שווערע מרה־שחורה אויף איהם, וואָס פאַלט אויך אויף דעם גאַנצען געשעפט זיינעם. אפילו די פריקאַזטשיקעס, וועלכע זענען שטענדיג געוועהנט צו קוקען אויפ׳ן בעל־הבית, אום צו וויסען וואָס פאַר אַ מינע אָנצו־נעהמען, פיהלען די מרה־שחורה, בפרט ווען עס איז דער־צו קיין אַרבייט נישטאָ.

---

## ב.

אַ געוועהנהייט האָט אַבעלמאַן געהאַט: נאָך מיטאָג זיך צולעגען אויף אַ שעה אָפּרוהען. אפילו אין סעזאָן־צייט, ווען דער פּדיון ביי איהם אין מאַגאַזין קאָכט, האָט ער קיינמאָל זיין נאָכמיטאָג־שלאָף נישט פערבויגען אָדער פערקירצט „איך בין דאָך נישט ערגער פאַר אַ געוועהנליכען אַרבייטער, וואָס ברוקירט די גאַס, — פלעגט ער זאָגען, — אַזאַ אַרבייטער האָט אויך זיין שעה, וואָס ער לעגט זיך צו אָפּרוהען”. איצט אָבער, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען דער קריזיס, נעהמט איהם קיין שלאָף נישט, נישט בייטאָג און נישט אפילו ביי־נאַכט.

— וואָס לעגסטו זיך נישט צו אויף אַ רגע? האָט איהם דאָס ווייב אַמאָל אַ פרעג געטהון.

— אַז עס ברענט, טאָר מען נישט שלאָפען... האָט ער איהר אָפּגעענטפערט. און געמיינט האָט ער: נישט עס ברענט הלילה אַ הויז אָדער אַ קראָם אין שטאָדט, נור עס ברענט די גאַנצע מסחר־וועלט, און מען מוז שטענדיג וואַך זיין, גרייט זיין זיך צו ראַטעווען, איידער דאָס פייער וועט נאָך צוקומען. פונקען פליהען שוין אין דער געשטאַלט פון פּראָטעסטירטע וועקסעלעך... מען מוז וואַסער אָנגרייטען דאָס פייער צו פערלעשען, איידער עס ברענט זיך פונאַנדער און עס איז שוין קיין רעטונג נישטאָ...

„וואַסער” — מיינט ער מזומן געלד, די פּראָטעסטירטע וועקסלען אין באַנק צו בעצאָהלען, און זיינע אייגענע וועקס־לען, חלילה צו אַ פּראָטעסט נישט צולאָזען. און געהט ער נור פון קראָם אַרויס, דאַכט זיך איהם אַלץ, אַז אָהן איהם וועט אין געשעפט עפּעס אַזוינס געשעהן, וואָס מיט איהם וואָלט עס נישט געשעהן.

ער ווייסט אַליין נישט, ווי זיך דאָס צו דערקלערען, נאָר ער קען אין דערהיים נישט איינזיצען אַ איבעריגע רגע, און ווי ער עסט אָב, טראָגט איהם צוריק איי געשעפט אַריין.

דער ערשטער האַלבער טאָג איז ווי עס איז אַריבער. נישט געלייזט אפילו, נישט מעהר ווי אַ שטיקעל נאַרישע קאָמעדיע האָבען די סוביעקטען זיינע פאַר איהם געשפּיעלט דאָ מיט דעם פּריילײן; ווי דאָס איז — אַבּי געפּטר'ט אַ האַלבען טאָג. איצט זיצט ער ווידער אין זיין קאַסע־קעמערל און קוקט אויף די לאַנגע און הויכע פּאָליצעס, מיט די הונדערטער שטיקער סחורה פּערלענט, און ער ווייס אייגענטליך נישט, וואָס קוקט ער אַזוי. צי ער דערקענט זיין סחורה נישט, — צי ווילט זיך איהם אויסצעהלען, אויב עס פעהלט נישט עפּעס? ניין, ער דערקענט די סחורה זיינע גאַנץ גוט. ער איז נישט היינט אַ סוחר געוואָרען. ער האָט תמיד זיך בערימט, אַז מיט איין קוק ווייסט ער וואָס עס פעהלט אין די פּיעל פּאָליצעס. גיכער אָבער זוכט ער איצט דאָ אויף די פּאָליצעס, וואָס איז נאָך דאָ אויף זיי זיין אייגענע סחורה, דאָס הייסט: יענער טייל, וואָס ער האָט שוין לאַנג די וועקסעלעך אָבגעצאָהלט פאַר איהר דעם פאַבּריקאַנט, נור אַזאַ סחורה בעמערקט ער אָן דאָרט אין אַ ווינקעל, אַלטע, פּערלעגענע, לאַנג פון דער מאָדע אַרוים.

„נו, אַ וועלט געוואָרען, — טראַכט ער בעת־מעשה — אייגענע סחורה צוטיילט מען צווישען אַלע שדים און רוחות, אויף אַלע באַהנען און אין אַלע קאָנטאָרען צוזייהט און צושפּרייט, און ביי זיך אין מאַגאַזין היט זיך מיט דער פרעמדער סחורה, ציטער און שלאָף קיין נעכט נישט, און גאָט ווייסט ווי לאַנג וועט מען עס איינהיטען... וועלען דאָס נישט צונעהמען יענע, וואָס האָבען דאָס אייגענע צוגענומען, וועלען עס צונעהמען נאָך מיט חרפּות ביושים די, וועמענס דאָס איז. זאָל גאָר די שעה נישט קומען". ער האָט אַ ציטער געטהון.

און ווידער איז שטיל אין קראָם, ווידער שטעהען די פּריקאַזטשיקעס און וויסען נישט וואוהין זייערע הענד אהינצוטהון. נור אָט הערען זיך טריט, און אין קראָם קומען אַריין צוויי שטאָדטיגע בעלי־בתים: איינער אַ עלטערער, אַ

אַ דיקליכער. מיט אַ ברייטער ווייסליכער באָרד, ר׳ ישראל עפשטיין, דעם היגען ראַבינערס אַ שוועהר. דער אַנדערער— אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאָר נישט-רוהיגע אויגען, יודעל גינציג, אַ שטאָדטיגער כלל-טהוער.

אַבעלמאַן ווייסט שוין, אַז דאָס זענען נישט קיין פּרנסה-געבער, און עס וועט איהם שוין קאָסטען אַ פּאָר קערבלעך. נור חשובע בעלי-בתים זענען זיי דאָך, און מען מוז זיי מקבל פּנים זיין ווי עס געהער צו זיין.

— אַי, היים! קרעכצט אוים ר׳ ישראל עפשטיין, טהוט אוים דאָס היטעל און פאָכעט זיך. —עס ברענט ממש ווי פייער, סכנות נפשות, אויף דער גאַס צו געהן!

— יונגערמאַן, — ווענדט ער זיך צו איינעם פון די פּריקאַזטשיקעס — זיי מוחל, גיב אַ בענקעל! זעהסט נישט, אַז אַן׳עלטערער יוד שטעהט?

דער פּריקאַזטשיק האָט צוגערוקט צוויי ביינקלעך, און דיביידע יודען האָבען זיך אַוועקגעזעצט.

— זיי מוחל, ווענדט זיך ווידער עפשטיין צום פּריקאַזטשיק—האָסט דו נישט אַ גלאָז קאַלט וואַסער?

— וועלוועל, טראָג אַריין אַ סיפאָן סאָדע-וואַסער מיט אַ פּאָר גלעזער, הייסט אַבעלמאַן זיין יונגסטען פּריקאַזטשיק.

— די מעשה דערפון איז אַזוי, — הויבט אָן עפשטיין דערווייל צו דערצעהלען, וואַרטענדיג אויף דאָס וואַסער, — די וועלט איז שטאַרק געשלאָגען, הערר אַבעלמאַן. מען שמועסט, אַז דער שלום צווישען די מלוכות, וואָס האַלט זיך שוין מעהר ווי אַ יאָהר אויף הינערישע פיסלעך, קען נאָך אַזוי זיך אַוועקשלעפען, גאָט ווייסט ביז וואַנען, און צוליעב דעם שטאַרקט זיך דער קריזיס, און ממילא אויך דער יודישער דלות—אַלץ מעהר... וואָס קלערט איהר, דעם אָרימאַן איז ביטער ווי דער טויזט, און מען מוז עפּיס טהון דערצו. דאָס איז אייך מסתמא קיין נייעס נישט.

דערווייל האָט וועלוועל אַריינגעטראָגען אַ סיפאָן סאָדע-

וואַסער, און עפּשטיין האָט זיך באַלד גענומען טרינקען פּאַמעליך, זופּ פּאַר זופּ, און האָט אַלץ צוגעקרעכצט: אַי גוט, אַי גוט, גוט, גוט! און אַזוי ביז׳ן דעק.

— ממש כמים קרים על נפש עיפה, ווי אין תהלים שטעהט, — רעדט אוים עפּשטיין, אוועקשטעלענדיג דאָס גלאָז.

— ווי אין משלי, מיינט איהר, — פערריכט איהם יודעל גינציג.

— זאָל זיין אין משלי — שפּאַרט זיך נישט עפּשטיין — ווייסט דאָך אַז איך בין קיין בעל תנ״ך נישט. ווייסט וואָס, יודעל? זייט דו דער ראש המדברים, איך האָב קיין כח נישט!

— איהר זענט דאָך אָבער עלטער, — ענטפערט יודעל.

— איך בין דיר מוחל דעם כבוד, וואָס איך בין עלטער, זיי דו מבאר דעם ענין ר׳ הלל׳ן, און איך וועל מיך דערווייל אָברוהען, טרינקען נאָך אַ גלעזעל וואַסער. — ערשט פון מיטאָג, און אַזאַ היץ. ווילט זיך אַ טרונק ווי נאָך אַ מרחץ.

— מילא, אז איהר ווילט אַזוי, וועל איך ריידען. וואָס טויג מיר די פּאָליטיקאַ? — הויבט אָן יודעל. — ווי איך האָב זי נישט געקענט, וויל איך זי נישט קענען! און קיין דאגה וועגען איהר האָב איך אויך נישט. אַ סך אַ גרעסערע דאגה האָבען מיר אַצונד אַלע מיט דער מאַסע אָרימע לייט, וואָס פאַלען פון די פיס און שטאַרבען פאַר הונגער. עס איז חורבן, ר׳ הלל, עס קען שוין אַזוי ווייטער נישט געהן! מיר מוזען עפּים זעהן צו טהון, חאָטש ברויט טיילען, חאָטש אַ ביסעל געקעכטס געבען, מען איז דאָך יודען, מען איז דאָך מענשען, ווי קען מען אַזוינס צוזעהן? על כן האבען מיר נעכטען ביינאַכט אַנ׳אסיפה געמאַכט ביי אונזער ראַבינער, זאָל געזונד זיין, און עס איז געבליבען: מען זאָל זיך פערשרייבען איטליכער, כנדבת לבו, חודש-געלד, עד יעבור זעם... חודש-געלד אויף קויפען ברויט לחוד, און חודש-געלד צו פערגרעסערן די וואָלוועלע קיך לחוד. און דער עיקר טאַקע — די וואָלוועלע קיך, וואָרום ברויט, האָפען מיר, וועט זיין. אַ

סברה, אַז מען וועט אונז אַרויסגעבען עטליכע הונדערט רובל פון דער טאַקסע. אונזער ראַבינער נעהמט זיך אָן דאָס פּועל צו זיין. אָבער מיט דער קיך איז צרות. מען גיעט איצט אַרויס הונדערט מיטאָגען אַ טאָג צו פינף קאָפּיקעס, און מיר מוזען לכל הפחות פון איצט אָן אַרויסגעבען ביז פינף הונ־דערט מיטאָגען, און דוקא אומזיסט, ווארום פון וואַנען זאָל דער אָרימער בעל-מלאכה, וואָס זיצט אָהן אַ שטיקעל אַרבייט, אָדער אַזוי דער אָרימאַן, נעהמען פינף קאָפּיקעס צו בעצאָה־לען פאַר'ן מיטאָג? קורץ, די זאַך איז קלאָר און שאַרף: מיר זענען געקומען צו אייך, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין זיך פערשרייבען אויף ברויט — בעזונדער, און אויף דער קיך — בעזונדער. אָדער אויף ביידע — מיט אַמאָל.

— וואָס דערצעהלסט דו נישט דעם עיקר? — פרעגט ר' ישראל.

יודעל קוקט איהם אָן און ווייסט נישט, פון וועלכען עיקר רעדט ער.

—איך מיין, דעם עיקר, וואָס מיין איידים, דער ראַבינער, האָט געוואָלט אויף דער אסיפה אייך, ר' הלל, אויך בעטען, און אָהן אייער הסכמה קיין זאַך נישט מחליט זיין. ווארום דער ראַבינער אונזערער, דאַרפט איהר וויסען זיין, האַלט פון אייך אַ עולם ומלואו, און ער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ גלייכען שכל ווי איהר האָט, איז זעלטען צו געפינען. נור דעם אמת געזאָגט, איז גאָר קיין אסיפה, אייגענטליך, נישט געווע־זען—די אָרימע און הונגעריגע אַליין האָבען זיך צונויפגעקלי־בען און געקומען צו אונזער ראַבינער טענה'ן, אַז זיי האָבען שוין קיין כח נישט אויף די פיס אומצוגעהן. מאַמעס האָבען זייערע פער'חלש'טע קינדער געבראַכט צו פיהרען. איך בין גראָד בעת־מעשה ביי מיין איידים געוועזען — יודעל איז צום סוף אַריינגעקומען — און געבעטען האָבען זיי, מיינט איהר, וואָס?—ברויט! טרוקען ברויט, די נשמה צו דערהאַלטען. האָב איך זיי געזאָגט: שאַ, רבותי, ערשטענס זאָל איינער ריידען, נישט אַלע מיט אַמאָל, וועט מען וויסען וואָס איהר פערלאַנגט,

„ברויט, ברויט, טרוקען ברויט״! האָבען זיי אַלע מיט אַמאָל ווידער אַ געשריי געטהון, און דער קול איז געגאַנגען, זאָג איך אייך, עד לב השמים. און צווייטענס — האָב איך צו זיי געזאָגט — ווֶעלען מיר צונויפרופען בעלי-בתים, מאַכען אַנ׳-אסיפה, וועט מען זעהן, וואָס מיר קענען טהון און וואָס מיר האָבען צו טהון.

דאַכט זיך, איך האָב גערעדט, ווי מען קען ריידען און ווי מען דאַרף ריידען, איז דאָך דאָס אָבער „עמך״... — און שטאַרק פאַראיבעל האָבען אויף זיי קען מען אויך נישט, הונגעריגע נפשות נעביך — נעהמען זיי און מאַכען נאָך אַ גרעסער געוואַלד: „קאָרמעט אונז נישט מיט אייערע אסיפות, מיר קענען אייערע אסיפות!... מיר בעטען ברויט, און איהר ענטפערט אונז: אַנ׳אסיפה!

נור וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך בדרוש זיין? איז אויפגעשטאַנען אונזער ראַבינער — זאָל איהם גאָט מאריך ימים זיין בזכות זה — האָט אַרויסגענומען צעהן רובל און האָט געזאָגט: „שוועהר, איך גיב צעהן רובל, גיט איהר אויך וויפיעל אייער הארץ הייסט אייך; ר׳ יודעל וועט מסתּמא אויך מנדב זיין, און זאָל ווערען אַ התחלה אויף ברויט פאַר הונ-געריגע! מאָרגען, אויב איהר ווילט, זאָל מען צוזאַמענקלייבען בעלי-בתים, און זאָל מען טאַקע וואָס טהון.

פערשטעהט זיך, אַז עס איז באַלד געוואָרען אַ דרייסיג-פערציג קערבלעך, און מען האָט באַלד די אָרימע לייט אויס-געטיילט קוויטלעך אויף ברויט צו נעהמען ביי אברהמ׳על דעם בעקער.

געבליבען איז אפילו, צו מאַכען אַנ׳אסיפה נאָך היינט. האָט זיך אַריינגעמישט יודעל — אָט איז ער, איך זאָג איהם אין די אויגען — און די אסיפה מבטל געוועזען.

„מען דאַרף נישט קיין אסיפה, האָט ער געשריען: וואָס קען אַנ׳אסיפה אָבקלערען? קיינער קען נישט זאָגען, אַז מען דאַרף אַ הונגעריגען קיין ברויט נישט געבען״. דער עיקר איז, עס זאָל זיין וואָס צו געבען! האָט יודעל געזאָגט, און אונזער

ראַבינער האָט מסכים געווען. דאַרף מען שוין מאַכען אַ רשימה און געהן מבית לבית, איטליכער זאָל זיך פערשריי־בען כפי נדבת לבו. אַזוי איז טאַקע געבליבען. תיכף איז געמאַכט געוואָרען אַ רשימה און באַלד אינדערפריה האָבען מיר געוואָלט אָנהויבען איבערן שטאָדט אַרויסצוגעהן, איך מיט יודלען. איז דאָך אָבער אונדערפריה אונמעגליך געווען, צו־ליעב דער היץ, פון שטוב אַרויסצוגעהן, אָט זענען מיר גע־קומען איצט. געקומען, הייסט עס, צו אייך דעם ערשטען, ר׳ הלל. אָט איז די רשימה, זייט מוחל, און פערשרייבט מיט אייער אייגענער האַנד די ציפער, וויפיעל איהר זענט זיך מתחייב צו געבען אַ חודש אויף דער וואָלוועלער קיך — איז ערשטענס, און אויף ברויט פאַר הונגעריגע — איז צווייטענס.

— איך צאָהל דאָך חודש־געלד אין „לחם אביונים״, און דאָס ווייב מיינס צאָהלט צושטייער דער וואָלוועלער קיך, איך ווייס נישט קלאָר צי פינף צי זעקס רובל אַ חודש. און וואָס ווילט איהר נאָך? — פרעגט ר׳ הלל.

— דאָס וואָס איהר זאָגט, איהר צאָהלט „לחם אביונים״, — טהוט זיך אַ חאַפּ ר׳ יודעל: איז דאָס „לחם אביונים״. — אַז עס זענען שנים כסדרן. אָבער דאָס, וואָס מיר פאָדערן פון אייך איצט, הייסט „לחם לרעבים״, פשוטו כמשמעו, אַ שטיקעל ברויט פאַר אַ הונגעריגען, פערשטעהט איהר מיך! איז אייך נומער איינס, ווייטער וואָס איהר ענטפערט, אַז אייער ווייב צאָהלט צושטייער דער וואָלוועלער קיך, מוז איך אייך זאָגען, אַז נור מיט קידוש קען, על פי דין, אַ ווייב אַ מאַן מוצא זיין, אָבער נישט מיט צדקה. צדקה איז אַזאַ מצוה, וואָס איינער דעם אַנדערן קען נישט מוצא זיין, איטליכער מוז טהון וואָס און וויפיעל ער קען. דינגט זיך נישט, ר׳ הלל, עס וועט אייך גאָר נישט העלפען, און נעהמט און פערשרייבט דער ערשטער לכל הפחות פינף און צוואַנציג רובל אַ חודש אויף ברויט און פינף און צוואַנציג רובל צושטייער דער קיך.

— וואָס האָסטו צו זאָגען, וויפיעל ר׳ הלל זאָל זיך פערשרייבען? בייזערט זיך ר׳ ישראל אויף יודלען: טאָמער

וויל זיך ר' הלל פערשרייבען צוויי מאָל אזוי פיעל?

— איין מאָל אַזוי פיעל אויך נישט, — זאָגט זיך אָב ר' הלל און וויל זיך פערשרייבען צעהן רובל.

ר' ישראל דערזעהט עס, חאַפּט ער אַרויס די רשימה, און לאָזט נישט הלל'ן פערשרייבען זיך.

— גאָט איז מיט אייך, אַז איהר וועט זיך פערשרייבען אזוי וועניג, וועט דער אַנדערער אַזוי וועניג אויך נישט פער-שרייבען! איהר פערשטעהט דען נישט, אַז דער קלענערער בעל-הבית קוקט אויף דעם גרעסערן?

— ווי נויטיג אייער נדבה איז אונז, מישט זיך אריין ר' יודעל: אַזוי נויטיג איז אונז אייער פירמע, דאָס הייסט, אייער גרויסע ציפער... אין היינטיגע צייטען שפּיעלט אַ בע-קאַנטע פירמע נאָר די גרויסע ראָלע אין מסחר. אייער פירמע איז, אַ דאַנק השם יתברך, דער וועלט גוט בעקאַנט...

ר' יודעל האָט נאָך נישט געענדיגט ריידען, איז אין קראָם אַריינגעקומען אַ „ראַסילנער" פון באַנק מיט אַ פּאַק קוויטלעך אין האַנד: ווייסע, גרינע, רויטע און ברוינע. צוויי ווייסע און איינעם אַ ברוינעם האָט ער דערלאַנגט ר' הלל'ן, געעפענט זיין בוך און אָנגעוויזען דעם אָרט, וואו דער ער-האַלטער פון אַזעלכע קוויטלעך דאַרף זיך אונטערשרייבען.

אַבעלמאַן האָט דערוויל אַ קוק געטהון אין ברוינעם קוויטעל און איז פּלוצלונג בלאַס געוואָרען. די פּעדער, וואָס ער האָט אין האַנד געהאַלטען זיך אונטערצושרייען, האָט אָנגעהויבען צו ציטערן, און ער האָט קוים דעם אָנהויב פון זיין נאָמען געקענט אויפשרייבען.

— ביילין, דו הערסט? מינקין צאָהלט שוין אויך נישט, ברוך השם! אַכט הונדערט רובל קומט פון איהם, אַלט מכּות זאָל זיך איהם זעצען אין האַלז, דעם גראָבען בעזדעטניק! אַ מפּלה אויף איהם! ער האָט אויך געליטען פונ'ם קריזיס, דער באַנדיט? און אַ קאָפּיקע קומט איהם פון לייטען? נישט מעהר, קיינער צאָהלט נישט, צאָהלט ער אויך נישט; צו אַ מגפה, וויל ער ווייזען, איז ער אויך אַ ציעג!...

— נעהם שוין, און שרייב איהם אויף א בריעף, אז ביטער און פינסטער זאָל איהם דאָרט ווערען לייענענדיג! שרייב איהם, ער זאָל צאָהלען דאָס אַנדערע וועקסעלע, ווען נישט — קומסטו שוין צו פאָהרען מיט אַנ׳אַדוואָקאַט, און די צייהנער פון מויל וועט מען ביי איהם אַרויסנעהמען!... אַזאַ רציחה איז גאָר נישט געהערט געוואָרען. אַ יוד אַ בעזדעטניק, קיין קינד קאָסט איהם נישט, קרובים העלפט ער נישט, איי־גענע הייזער, קראָמען אייגענע אַ גאַנצע רייה! ער דאַרף אויך אָנזעצען? היינט זעהט איהר שוין, אין וואָס פאַר אַ יאָהרען מיר לעבען, און ווי מען קען זיך צעוואַרפען מיט גרויסע נדבות!?

— בערוהיגט אייך, ר׳ הלל, טרייסט איהם ר׳ ישראל: מען טאָר אויף אַ היזק זיך נישט צופיעל מצער זיין. ווי זאָגט די וועלט אַ ווערטעל: „אַז מען האַקט האָלץ, מוז פאַלען שפענער״.

— שפענער, זאָגט איהר? אַז אַזאַ מינקינען רופט איהר אָן „שפענער״, טאָ וואו איז דאָס האָלץ? די איבעריגע זענען קיין שפענער אויך נישט; שמות, לוחות, אַלטע אָבגעשמיסע־נע הושענות... און דו געה און האַנדעל, פאָהר אין מאָס־קווע, אין לאָדז, בלייב גערעכט פאַר׳ן פאַבריקאַנט, און זיי נאָך אַ פיינער בעל-הבית ביי דיר אין שטאָדט מיט דער גרוי־סער נדבה. צי מען קען, צי מען קען נישט!... נו, יאָה־רען, רבונו של עולם!

— זינדיגט נישט, ר׳ הלל, מיט די יאָהרען, זאָגט אויך ר׳ יודעל זיין חלק. אמת, אַ מאָגער יאָהר, אָבער עס זענען אַמאָל געוועזען יאָהרען גוטע און פעטע אויך, און צו גאָט ברוך הוא דערלעגט מען נישט.

— יאָ, איך לייקען נישט, עס זענען געוועזען אַמאָל טאַקע אַנדערע יאָהרען; וואָס קומט אָבער אַרויס דערפון? עס זענען אַמאָל געוועזען אויך זיבען פעטע קיה, און וואָס פון זיי איז געוואָרען, זייט מוחל, טהוט אַ קוק אין חומש...

— עט, עס איז נאָך גאָר נישט אַזוי שלעכט מיט אייך,

ווי איהר זאָגט, — רופט זיך אָב ר׳ יודעל: אַ דאַנק גאָט, קינ־דער חתונה געמאַכט, שענע שדוכים געטהון; איך זעה נאָך, קיין עין הרע, בײַ אײַך פערלענגטע פּאַליצעס מיט סחורה, כּן תּרבּה. — אַ מענשען איז אײַביג קאַרג וויפיעל ער האָט. מי שיש לו מנה רוצה מאתים, ואין אדם מת וחצי תאותו בידו... איך זאָג נאָך מיט אײַך קיין „ענינו" נישט, ר׳ הלל. פערמאָג איך עס מיט ר׳ ישראל׳ן צוזאַמען, וואָס אײַער קראָם אַליין איז ווערט! זײַט נישט קיין קמצן, נעהמט און פער־שרײַבט זיך דוקא די גרויסע נדבה. ווײַזט אדרבה דעם רבונו של עולם, אַז אײַער בטחון איז גרויס, און חאָטש ער פּרובט אײַך מיט אַ שאָדען, טהוט איהר דאָס אײַעריגע. בזכות זה, זאָג איך אײַך צו, וועט ער, דער מאריה דעלמא כלו, טהון דאָס זײַניגע, און וועט אײַך ממלא זײַן אײַער שאָדען מיט כל טוב.

ר׳ הלל איז דערווײַל אַ ביסעל רוהיגער געוואָרען און ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז עס האָט איהם כלל גאָר נישט געפּאַסט, אַז אַ זײַטיגער מענש זאָל וויסען פון זײַן שאָדען, און נאָך וועניגער האָט געפּאַסט, זיך אַזוי צו צוהיצען און זײַן עגמת־נפש ארויסצוווײַזען צוליעב דעם. אדרבה, ווײַל מינקינ׳ס פּראָטעסט האָט איהם אַזוי טיעף אָנגעריהרט, האָט ער בעדאַרפט די ליפּען פערבײַסען און מאַכען אַ שווײַג... אום צו פערריכטען זײַן גרײַז, האָט ער כּלומרשט מיט אַ פרעהליכען טאָן אַ זאָג געטהון:

— און אפשר זענט איהר גערעכט, ר׳ יודעל? ווי זאָגט מען: צרת הרבים חצי נחמה. עס איז הײַ־יאָהר קיינעם נישט גוט, נור אודאי איז יענעם, וואָס קען נאָך געבען, בעסער ווי דעם, וואָס מוז חלילה אָנקומען צו נעהמען.

— און הערט איהר וואָס איך זאָג אײַך, ר׳ הלל, מישט זיך אַרײַן ר׳ ישראל: מיר זענען געוועזען בעלי־בתּים, מיר וועלען, אם ירצה השם, בלײַבען בעלי־בתּים! אי, עס זענען דאָ האָפערס, צאַפּניקעס אויף דער וועלט, — חאַפּט זיי דער

וואַטען-מאַכער. נעהמט און פערשרייבט זיך כנדבת לבכם. און גאָט ברוך הוא וועט העלפען, איהר זאָלט ווייטער קע-נען געבען צדקה, ווי איהר האָט ביז אהער געגעבען!

און הערר אַבעלמאַן האָט מיט אַ פערקוועטשטען האַר-צען זיך אַכּח אָנגעטהון צו פערשרייבען זיך חודש-געלד אויף „לחם לרעבים", אויך צושטייער דער וואָלוועלער קיך. און די האַנד האָט איהם בעת מעשה פון וועהטאָג געציטערט; די צוויי גבאים האָבען עס אפילו נישט בעמערקט, ער אַליין אָבער האָט עס גוט געפיהלט...

---

## ג.

— ביילין, דו האָסט אויפגעשריבען דעם בריעף צו מינקינען? האָט אַבעלמאַן זיך געווענדט צו זיין פריקאַזטשיק, באַלד ווי די צוויי יודען זענען פון קראָם ארויס.

— איך שרייב, ענטפערט ביילין.

„לעבען זאָל ער אַזוי, דער גראָבער בעזדעטניק, ווי ער וועט אפילו ענטפערן, רעדט אַבעלמאַן פאַר זיך, — עס איז נור שווער איידער מען מאַכט די קונץ; האָט מען שוין די קונץ געמאַכט, לאַכט מען זיך אויס פון דער גאַנצער וועלט, מען ענטפערט אפילו נישט, חאָטש בלוט גיסט זיך אין יענעמס בריוועל. אַ שאָד נור די מאַרקע! שרייב נישט-טהוט אָבער דאָס האַרץ וועה"...

אין קראָם איז ווידער אריינגעקומען אַ יוד, אבא לייב נינגאָלד, אויך אַ אַנגראָ-סוחר פון דערזעלבער רייה קראָמען.

— ר' הלל, איך וויל איהר זאָלט מיר געבען אַ גמילות חסד אַ צוויי-דריי הונדערט רובל ביז מאָרגען. זאָגט דער קרעמער, — איך האָב גאָר פערגעסען, אַז איך האָב נעכטען געהאַט אַ צאָהלונג פינף הונדערט רובל, און אָט האָב איך שוין אַ קוויטעל פון נאָטאַריוס. צוויי הונדערט האָב איך נאָך

פון דער קאַסע אויסגעטרייסעלט, הונדערט דאַרף איך אָבגעה־
מען אַ גמילות חסד ביי סאָרקינען, און צוויי הונדערט, וויל
איך, זאָלט איהר מיר געבען; טאָמער האָט איהר, טאָ גיט
טאַקע די גאַנצע דריי. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר האָט
גראָד סאָרקין איצט נישט זיין הונדערטער!

אַבעלמאַן ענטפערט נישט אַ וואָרט, טהוט אַ ציה דאָס
טיש־קעסטעל, נעהמט אַרויס אַ פעקעל פּראָטעסטירטע וועק־
סעלעך, מיט אַ גומקע אַריבערגעצויגען, און ווייזט איהם.

— אָט דאָס האָב איך. געלד — אַ קאָפּיקע נישט!

— וואָס ווייזט איהר מיר דאָ? רופט זיך אָב אַבא
לייב, — קיין נייעס נישט אין היינטיגע צייטען, ווער האָט עס
נישט? נור לצנות אָן אַ זייט. גיעט, ר׳ הלל, מיט׳ן נאַטאַריוס
שפּיעלט מען זיך נישט.

— מאָרגען סיידען. היינט האָב איך נישט, ענטפערט
אַבעלמאַן, — אָט זעהט איהר, האָב איך מאָרגען אַליין צו צאָה־
לען העלער ווי אַכט הונדערט רובל, און איך האָב נאָך קיין
אָנהויב נישט.

— וואָס טויג מיר מאָרגען? פאַר מאָרגען זאָל גאָט
זאָרגען. איך ברויך היינט, און שוין! טאָמער האָט די אַלטע
אַייערע אין דער היים? גיעט אַ קוויטעל, וועל איך צו איהר
אַריבערשיקען.

— אַ קאַסירערין איז זי ביי מיר? רופט זיך אָב אַבעל־
מאַן. הלואי האָט זי אַ קניפּעל, ווי עס וואָלט מיר איצט
שטאַרק אַליין צו נוץ קומען!

— נו, יאָהרען! אַז מען בעקומט שוין קיין גמילות
חסד אפילו ביי אייך אויך נישט, איז שוין אַ סוף פון דער
וועלט! זיפצט אָב אבא לייב און לויפט אַרויס, זוכען ערגעץ
אַנדערש־וואו.

אַז אַ גמילות חסד איז אַ סוחרישע זאַך, וואָס קיינער
קאָן זיך אָהן דעם נישט בעגעהן, ווייסט אַבעלמאַן גאַנץ גוט.
ער אַליין נעהמט אויך און גיעט אַ גמילות חסד גאָר אָהן ישוב
הדעת, און האָבען האָט ער דוקא ביי זיך די דריי הונדערט

רובל, וואָס אבא לייב האָט געבעטען ביז מאָרגען; ער האָט אָבער געזאָגט, ער האָט נישט, ווייל מינקינס פראָטעסט האָט איהם אַ שוואַרצען שטריך אַריבערגעצויגען אין זיין רעכענונג: ער האָט די טעג צו צאָהלען אייגענע וועקסעלעך איבער צוויי טויזענד רובל. מינקינ׳ס פיער הונדערט פופציג רובל האָט ער גערעכענט פאַר אַזוי גוט ווי מזומן, און איז זיכער געווען, אַז דאָס געלד ליעגט שוין אין באַנק, און האָט עס געלאָזען ליעגען צו דער סומע, וואָס ער וועט נאָך צוטראָגען, כדי זיי־נע וועקסעלעך צו בעצאָהלען. מיט אַמאָל קומט גאָר אָן פון מינקינען נישט קיין געלד, נור אַ פּראָטעסט. חוץ וואָס דער שאָדען אַליין איז אַבעלמאַנען אַ לאָך אין האַרצען, דאַרף ער נאָך איצט זיך ברעכען דעם קאָפּ, צו שאַפען זיך נאָך פיער הונדערט פופציג רובל צו דער סומע, וואָס האָט איהם אָהן דעם נאָך אויך געפעהלט. ביי אַזאַ לאַגע און אַזאַ צייט האָט ער פּשוט מורא געהאַט אַוועקצולייהען אַ גמילות חסד דאָס ביסעל מזומן וואָס ער האָט.

עס האָט איהם די מעשה אפילו באַנג געטהון. ווי זאָגט מען עס אָב אַ גוטען ברודער, בעת מען האָט? נור „אדם קרוב לעצמו״ — האָט ער זיך אַליין פערענטפערט, — עס זענען היינט נישט די יאָהרען וואָס אַמאָל...

דערווייל האָט ביילין געענדיגט שרייבען דעם בריעף צו מינקינען און האָט דערלאַנגט דעם שעף איבערצולייענען.

אַבעלמאַן לייענט און קוועטשט די אַקסעל.

— נישט אַזוי וואָלט איך צו אַזאַ באַנדיט געשריבען! האָט ער ביז אַ געשריי געטהון: „איך האָב די עהרע אייך צו מעלדען״ שרייבט מען צו אַזאַ רוצח? ווערטער וואָלט איך געשריבען? — שפּיוען איהם אין גראָבען בויך! וואָס טויג דאָס צערעמאָניען זיך? שרייב איהם קורץ און שאַרף, אַז באַם ער וועט דאָס צווייטע וועקסעלע נישט צאָהלען, וועסט דו איהם דעם טויט מאַכען. די צייהנער וועסט דו איהם אַרויס־רייסען... אַזאַ באַנדיט, אַ מיתה משונה וואָלט איך אויף איהם בעסער געהאַפט!...

— איבעריגענס, שיק דאָס בריוועל אוועק, האָט אַבעל־מאַן נאָך אַ רגע פערטראַכטעט זיך אַ זאָג געטהון, — סיי ווי אַ שאָד די מאַרקע. ווי אַ טויטען באַנקעס וועט מיר שוין דאָס בריוועלע העלפען!

אין די רייד איז אין קראָם אַריינגעקומען עפּיס אַ פּריץ, צי אַזוי אַ געפּוצטער יונגערמאַן, מיט אַ צילינדער אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ פּאָרטפּעל אונטערן אָרים.

— דאָ איז הערר אַבעלמאַנס געשעפט? פרעגט ער ביי איינעם פון די אָנגעשטעלטע אויף רוסיש.

— דאָ, ענטפערט יענער קורץ.

— איז דער שעף דאָ?

דער געפרעגטער האָט מיט אַ ווינק איהם בעוויזען אויף אַבעלמאַנען, וואָס זיצט אין קאַסע־קעמערל.

— האָב איך די עהרע צו שפּרעכען מיט הערר אַבעל־מאַן זעלבסט? ווענדט זיך דער גאַסט צו דער קאַסע, אַראָב־נעהמענדיג דעם צילינדער פון קאָפּ.

אַבעלמאַן האָט אפילו בדעה געהאַט אויסצוטהון די היי־טעל צוליעב אַזאַ פּריץ; נור ער האָט דערהערט דעם גאַסטס רוסיש מיט זיין עכט־יודישען קלאַנג, האָט ער פאַר זיך איבערגערעדט: „הקול קול יעקב״, זענען מיר זיינע הידים ידי עשו אויך נישט שרעקליך; געמיינט, אַז דאָס איז דער אינספּעקטאָר פון פּאַטענטען״.

— אַבעלמאַן בין איך! ענטפערט ער דעם גאַסט אויך אויף רוסיש.

דער גאַסט שטעלט אוועק פאַרזיכטיג זיין צילינדער אויפ'ן טיש, נעהמט אַרויס פון אַ נאָטיץ־ביכעל אַ וויזיט־קאַר־טעל און דערלאַנגט אַבעלמאַנען. ביילין רוקט צו פאַר דעם גאַסט אַ ביינקעל און בעט איהם זיך זעצען.

אַבעלמאַן טהוט אָן די ברילען און לייענט דאָס קאַר־טעל: „נאַפּטאַל טערענטיעוויטש טאַבאַחאָוו״. אינספּעקטאָר און אַגענט פון פייער־און לעבענס־פערזיכערונגס־געזעלשאַפט „יאַקאָר״. אַבעלמאַן פערשטעהט נישט, וואָס פאַר אַ מין שייכות

האָט דאָס קאַרטעל צו איהם, און קוקט אָן דעם גאַסט ווי פרעגענדיג: מילא, ווייס איך שוין אייער יחוס, וואָס אָבער ווילט איהר?

דער גאַסט פערשטעהט דעם קוק, און ענטפערט אַליין:

— אייער פּאַלים געהט מאָרגען אוים, מאָרגען פּונקט צוועלף אַ זייגער ענדיגט זיך זיין גילטיגקייט; און אַזוי ווי דער העדר שימקין, וואָס האָט אייך געמאַכט די פערזיכערונג, איז שוין קיין אַגענט נישט מעהר פאַר אונזער געזעלשאַפט, האָב איך אויף זיך די פליכט גענומען: ערשטענס, אייך צו מעל־דען, אַז אייער פּאַלים ענדיגט זיך מאָרגען, און צווייטענס— אויב איהר פערלאַנגט, צו פערלענגערן אויף נאָך אַ יאָהר די פערזיכערונג אין דערזעלבער סומע ווי ביז אַהער אָדער די־זעלבע צו פערגרעסערן?

— פאַרוואָס איז עפּים שימקין אוים אַגענט ביי אייך? פרעגט אַבעלמאַן אָנשטאָט צו ענטפערן אויף דעם גאַסטס שאלה.

— דערפאַר וויל... — נאָר עס איז שוין רעכט. אַ מענש, וואָס וויל צו גיך רייך ווערען טויג, פאַר אונז נישט...

— פערהאַפּט עפּים?

— ער האָט גראָד געהאַפּט. איהם האַפּען, זעהט איהר, קען מען דוקא נישט.

— פאַרוואָס טהוט מען נישט די בעוואוסטע סגולה איהם צו האַפּען? פרעגט אַבעלמאַן שפּאָטיש.

— וואָס פאַר אַ סגולה?

— שיטען זאַלץ אויפ'ן... וויצעלט זיך אַבעלמאַן, און ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. עפּים דאַכט זיך איהם, אַז עס שטעהט פאַר איהם אַ יונגערמאַן אַ שוטה, אַ אויסגעפּוצטער יאַר, און בעט זיך, מען זאָל פון איהם אַ ביסעל חוזק מאַכען.

— אַלזאָ? פרעגט דער אַגענט.

אַבעלמאַן הויבט אויף דעם קאָפּ, בעקוקט די פּאָליצעס סחורה אַרום און אַרום, און רעדט אין האַרצען צו זיך:

לעבען זאָלען אַזוי די צאַפּניקעס, די באַנדיטען, די

אָנזועצערס, אויב איך האָב איין רובל אַנ׳איינגענעם דאָ אין די סחורה, זאָלען די פאַבריקאַנטען צאָהלען אַסעקוראַנץ!״

— אַלזאָ? פרעגט דער אַגענט נאָך אַמאָל.

— אַלזאָ, אַ שאָד דאָס געלד, אויף נאמנות! זאָגט אַבעלמאַן דעם אמת, — איך צאָהל שוין אַזוי פיעל יאָהר, נאָר צאָהל און צאָהל. צאָהל גילדיע, צאָהל פּאַראַטעס אַלערליי, צאָהל צינזען, נאָר „ושיר דאַוואַי הראָשי!״ וואו זאָל מען עס אויף אַלץ נעהמען? רעדט אַבעלמאַן מעהר צו זיך ווי צום אַגענט.

— אייער ברירה, הערר אַבעלמאַן, — רופט זיך אָב דער אַגענט, וואָס האָט דערווייל אָליין אויך אַ אויג געוואָרפען אויף די סחורה אין די פּאָליצעס, — די ברירה איז ביי אייך, נור מיין פליכט איז געוועזען אייך אָנצוזאָגען — מאָרגען פונקט צוועלף אַ זייגער ענדיגט זיך דער טערמין פון אייער פערזיכערונג. היינט קענט איהר די פערזיכערונג בענייען אָהן אַלע איבעריגע פאָרמאַלנאָסטען, מאָרגען נאָכ׳ן טערמין וועלען מיר אייער געשעפט בעטראַכטען ווי אַ נייע פערזיכערונג, דאָס הייסט: מען וועט מוזען מאַכען אַ נייע אָבשאַצונג פון אייער סחורה, און דאָס וועט אייך אַריינטרייבען אין איבעריגע קאָסטען. און נאָך אַ זאַך ברויכט איהר וויסען, — ביי היינטיגער קריזיס-צייט האָבען מיר אַ צירקוליאַר: זעהר פאָרזיכטיג צו זיין ביי מאַכען פערזיכערונגען. פיעל זאָגען מיר אינגאַנצען אָב, און פיעל פערקלענערן מיר די פערזיכערונגס-סומע. אייער סחורה, זעהט איהר, שטעל איך אויף מיין אייגענער אחריות, און איך נעהם אָן דוקא אין אַ גרעסערער פערזיכערונגס-סומע ווי ביז אהער.

— אַ דאַנק אייך פאַר אייער גוט האַרץ! ענטפערט אַבעלמאַן — נאָך גרעסער מאַכען די סומע ווילט איהר? הייסט עס — נאָך מעהר צאָהלען, ווי איך האָב ביז איצט געצאָהלט? אַ דאַנק, אַ דאַנק... מילא, וואָס מען מוז, מוז מען; אַ ברירה האָט מען? שלאָפען רוהיג איז עפּעס אויך וואָס ווערט, נור נאָך מעהר צאָהלען, דאָס בין איך נישט מחויב... זאָל זיך

ערגער נישט געהן ווי ביז אהער.

— אלזא בעגייט איהר די פערזיכערונג אייערע אויף די זעלבע סומע און אויף די זעלבע בעדינגונגען ווי ביז אהער? זאגט דער אגענט — טא זענט טאקי אזוי פריינדליך און שרייבט מיר אונטער די דעקלאראציע. אויב איהר ווילט, בעצאהלט מיר שוין אדער שיקט צו וואס ס'קומט אין אונזער קאנטאר, נור פאר צוועלף א זייגער.

— ביילין, דו געדענקסט נישט אין וויפיעל זענען מיר פערזיכערט? איך געדענק גאר נישט, נישט די סומע, און וויפיעל איך האב פערזיכערט, און נישט וויפיעל איך צאהל.

— דאס קען איך אייך זאגען, — זאגט דער אגענט — איהר זענט פערזיכערט אין פערציג טויזענד רובל, דאס הייסט, אזוי פיעל נעהמען מיר אויף אונזער ריזיקע; חוץ דעם רע-בענט זיך נאך צוואנציג טויזענד רובל אויף אייער אייגענער ריזיקע. נור אויב איהר ווילט, קען איך אייך פערגרעסערן די פערזיכערונגס-סומע ביז פופציג טויזענד, און דעם ווערט פון אייער סחורה איינשאצען אין זיעבציג טויזענד; דאס הייסט, אייער אייגענע ריזיקע דערביי נישט פערגרעסערן אפילו אויף איין רובל.

— איך דאנק אייך נאך אמאל. א שאד איצט איבעריג געלד אויסצוגעבען, לאז זיין נאכ'ן אלטען נאך! האט אבעל-מאן ענדליך בעשלאסען. ער האט אונטערגעשריבען די דעק-לאראציע און בעצאהלט דעם אגענט דאס גאנצע געלד, וויפיעל יענער האט אויסגערעכענט.

דערלאנגענדיג אבעלמאנען א קוויטונג, אז ער האט בע-צאהלט פאר נאך א יאהר אסעקוראנץ, האט דער אגענט איהם געררייכט די האנד צום אבשייד און געזאגט: „איצט, הערר אבעלמאן, קענען זיי א יאהר רוהיג שלאפען".

— יא, יא, רוהיג שלאפען! רעדט איבער אבעלמאן — איך וואלט קענען רוהיג שלאפען, ווען אייער געזעלשאפט וואלט צונעהמען אין פערזיכערונג, אז די וועקסעלעך, וואס איך האב פון מיינע קונדען, זאלען מיר בעצאהלט ווערען!

פייער איז אַ מזיק, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אָבער קונדען, וואָס נעהמען אויף וועקסעלעך, זענען צייטענווייז נאָך גרעסערע מזיקים. ווי בעוואָרענט מען זיך פון זיי, קענט איהר מיר נישט זאָגען?

— די בעסטע בעוואָרעניש איז — נישט צו האַנדלען מיט אַזוינע קונים, וואָס ווילען נישט בעצאָהלען! ענטפערט דער אַגענט.

— ווי אָבער ווייסט מען, ווער עס וועט יאָ בעצאָהלען, און ווער — נישט?

— האַנדעלט מען נור קעגען מזומן און מען באָרגט קיינעם נישט! זאָגט אַרויס זיין עצה דער אַגענט, און וואונ־דערט זיך, פאַרוואָס פערשטעהט נישט הערר אבעלמאַן אליין אַזאַ פּראָסטע עֵצה.

— גוט, איך וועל אייך פאָלגען, מאַכט אבעלמאַן כלומרשט מיט אַ ערנסטער מינע — און וואָס וועט אָבער זיין, אז פאַר מזומן וועלען די קונדען מיינע נישט וועלען קויפען?

— זיי וועלען מוזען קויפען, ענטפערט דער אַגענט — וואָס דען וועלען זיי טהון? זיי וועלען אוועקפאָהרען צוריק אָהן סחורה? זייערע קראָמען צושליסען? פון וואנען וועלען זיי לעבען?

— עס איז אַ סברא, מאַכט אבעלמאַן, ווען איך וועל נישט באָרגען, וועלען אַנדערע סוחרים יאָ באָרגען, און וואָס וועל איך אויספיהרען מיט מיינע עקשנות?

— זאָלען אַלע סוחרים מאַכען יד אחת, גיט דער אַגענט אַ עצה, און נמנו וגמרו, איינמאָל פאַר אַלעמאָל — אָהן געלד קיינעם אַנ׳אַרשין סחורה נישט צו פערקויפען.

— גוט וואָלט עס אפשר געווען, זיכערער — אודאי, איז אבעלמאַן מסכים — וואָס אָבער טהוט מען, אז די איבעריגע סוחרים זענען נישט מסכים צו אַזאַ מין אָבמאַך?

— ווי הייסט, זיי זענען נישט מסכים? וואונדערט זיך דער אַגענט — פאַרוואָס האָבען אַזאַ קאָנווענציע, דאָס הייסט, אַזאַ אָרט „יד אחת״, געקענט מאַכען אַלע פערזיכערונגס־גע־

זעלשאַפטען אין פערשידענע פונקטען, וואָס זענען נוגע צו אַלעמען גלייך ? איך מיין, אַז דער ענין פֿון קרעדיט איז אויך נוגע צו אַלע סוחרים גלייך ; וואָרום אַזוי גוט ווי אַ קונה קען אייך נישט בעצאָהלען, קען ער אַ צווייטען און אַ דריטען סוחר אויך נישט בעצאָהלען.

— אָט דאָ ליעגט טאַקע דער הונד בעגראָבען ! רעדט אוים אַבעלמאַן מיט אַ זיפץ: ערשטענס, זענען סוחרים קיין מענשען נישט—קיין לייט נישט, הייסט עס. איינער דעם צוויי־טען פערגינט נישט, וואָס ער לעבט, איינער דעם צווייטען רעדט קיינמאָל קיין וואָרט אמת נישט אַרוים, קיינער ווייסט נישט, וואו דער אַנדערער האַלט ... און אַפילו ווען זיי זאָלען שוין יאָ זיין מענשען, איז עס אויך זעהר אַ שווערע זאַך אוים־צופיהרען צווישען סוחרים איבער כּמה טעמים . פערזיכערונגס־געזעלשאַפטען האָט איהר געצעהלטע — צעהן, צוואַנציג אין גאַנצען לאַנד ; סוחרים האָט איהר,—וויפיעל מיינט איהר?—נישט וועניגער וויפיעל יודען עס זענען דאָ אין דער וועלט, כּן ירבו. און ווייל איטליכער יוד איז בטבע אָדער שלא בטבע, מיט׳ן אייגענעם ווילען, אדער בהכרח—אַ סוחר, זענען טאַקע דאָס רוב פון זיי בייגעל-בעקער און נישט קיין סוחרים... זעל־טען ווער עס פערשטעהט, וואָס מסחר איז, און נאָך זעלטע־נער איז, ווער עס ווייסט, ווי אַ מסחר צו פיהרען, וואָס אַ סוחר דאַרף טהון און וואָס — נישט. נישטאָ אין דער וועלט נאָך אַזאַ תהו ובהו, ווי דער תהו ובהו, וואָס איז מיט די הענד אָנצוטאַפּען אין יודישען מסחר ! זאָל זיין, אַז מען איז טאַקע אין דעם נישט שולדיג. עס קומט אַלץ צוליעב ספּע־ציעלע יודישע צרות, אָרימקייט, אונוויסענהייט און פון דעם „אין ברירה״ צוליעב׳ן גלות... גוט אָבער איז עס נישט. דע־ריבער מוז ביי יודען אַלץ פּלאַצען, אַלץ מיט׳ן רויך אָדער מיט׳ן ווינד אַוועק. גומל דאַרף אַ סוחר בענשען, ווען גאָט העלפט איהם, ער האַנדעלט אָב זיינע גאַנצע יאָהרען און ער קומט נישט צו קבר ישראל אין פרעמדע תּכריכים... אמת, אויף אונזער בית-עולם וועט איהר אפילו טייערע מצבות זעהן

אויף קברים פון געשטאָרבענע סוחרים; נאָר האָט איהר בע-רעכענט, וויפיעל נישט-בעצאָהלטע חובות האָבען זיי נאָך זיך נאָכגעלאָזען? גלויבט מיר, די תכריכים זייערע האָבען געווים אזוי פיעל איינציגע פעדים נישט אין זיך, וויפיעל צעהנרליגער רובלס פיעל פון זיי האָבען אין סוחרישען לעבען נישט בע-צאָהלט! צי אזוי, צי אנדערש, ביי דעם סדר ווי מען האַנ-דעלט איצט אויף דער וועלט קען גאָר דער מסחר צו עפּעס בעסערם און פיינערם נישט פיהרען!

אַבעלמאַן האָט פאַר'ן אַגענט, פון וועלכען ער האָט געמיינט אין אָנהויב אַ ביסעל חוזק מאַכען, ארויסגערערט זיין אייגען שווער הארץ און האָט גאָר פערגעסען, אז יענער קאָן איהם גאָר נישט רעכט פערשטעהן. ער האָט אפילו נישט בע-מערקט, אז יענער שטעהט ווי אויף הייסע קויהלען און אײלט זיך אַוועקצוגעהן.

— קענען וואָס זאָגט איהר דאָס? טהוט דער אַגענט פלוצלונג אַ פרעג.

— עט, אזוי זיך! שטיל דער פדיון איצט פאַר'ן סעזאָן, קומט אריין אַ נייער מענש — באַלאַקעט מען, וואָס נישט גע-שטויגען נישט געפלויגען. וועט, זייט מוחל, וועט איהר מיר ברענגען דעם נייעם פאַלים?

— די טעג, ענטפערט דער אַגענט. — דערווייל דינט אייך מיין קוויט שוין אויך אזוי גוט ווי אַ פאַלים. נישט דער פאַלים צאָהלט, נאָר די געזעלשאַפט. צום ווידערזעהן!

— צום ווידערזעהן! ענטפערט אַבעלמאַן און בלייבט שטעהן ווי עפּיס אַ אָבגעשמיסענער, פערשעמט פאַר זיך אַליין. צו וואָס האָט ער אזוינס גאָר בעדאַרפט ריידען? וואָס האָט איהם געצוואונגען ארויסצורײדען, וואָס ער טראַכט פאַר זיך נאַכט פאַר נאַכט, בעת ער קען נישט שלאָפען? און נאָך פאַר וועמען? פאַר אַ שוטה אַנ'אַגענט, וואָס ווייס נאָר איט-ליכע רגע צו גלעטען זיין צילינדער מיט דער האַנד?

מילא, גערעדט — זאָל זיין אזוי! רעדט אַבעלמאַן איבער פאַר זיך: אָבער דערווייל פיהל איך, ווי דאָס שטריקעל

אויפ'ן האַלז ציהט זיך מיר צו אַלץ ענגער און ענגער צו מינקינס פּראָטעסט, האָב איך נאָך בעדאַרפט איצט אַ פּאָר הונדערט רובל אויסגעבען אויף אַסעקוראַנץ! און מיט וואָס וועל איך איבערמאָרגען מיינע וועקסלען צאָהלען?"

און אַבעלמאַן פיהלט, ווי עס ציהט זיך ווידער אָן איבער איהם די מרה-שחורה, וואָס טרייבט איהם פון געוועלב אַרויס. ער פערשליסט גיך דאָס טיש-קעסטעל, נעהמט זיין שטעקען און זאָגט אָן ביילינען צו פערשליסען די קראָם אָהן איהם, ווייל ער פיהלט זיך עפּעס נישט גוט און וועט שוין, דאַכט זיך, היינט מעהר אַהער נישט קומען.

אַז דער בעל-הבית איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אַ שמועס צווישען די אָנגעשטעלטע. עס האָט זיי די מעשה פערדראָסען, וואָס זייער בעל-הבית'ס געשעפט איז פערזיכערט אין אַזאַ קליינע סומע, בשעת, לויט זייערע מבינות, בעטרעפט די סחורה אפשר צוויי מאָל אַזוי פיעל.

— אַ קראָם איז אַ גנב, —האָט ביילין געזאָגט — אין אַזאַ געשעפט ווי אונזערס פערוואַלגערט זיך מעהר סחורה וויפיעל עס געפינט זיך ביי לייטען אויבען-אויף. איהר האָט אַ ידיעה אַפילו, וויפיעל אונזער „הינטער-געוועלב" בעטרעפט? אַנ'אַלטער סוחר אַנ'אָרימאַן האָט נאָך מעהר סחורה ווי אַ נייער סוחר אַ נגיד.

— און מעהר צרות און דאגות אויך! בעמערקט איינער פון די יונגערע.

— האָב איך עס פונדעסטוועגען איינענם דעם בעל-הבית'ס פּאָרטפעל וועקסעלעך, אַפילו מיט זיינע דאגות! די סחורה בין איך אייך מוחל, ווינשט זיך ביילין—פּראָטעסטירטע וועקסעלעך זענען אויך געלד, איז נישט היינט, וועט זיין איבער אַ יאָהר; איז נישט אינגאַנצען, וועט זיין פופציג, אָדער פערציג פּראָצענט.

אין דערזעלבער צייט געהט דער בעל-הבית אַהיים, און געהענדיג מישט זיך איהם עפּעס אין קאָפּ. ר' ישראל עפּשטיין מיט זיין איידים „אונזער ראַבינער זאָל געזונד זיין!" ר' ישראל

טרינקט פערשוויצטערהייד סאָדע-וואַסער, זופּ פּאַר זופּ און קרעכצט אַלץ צו: „אי, גוט, אי, גוט! מחיה בין איך מיך!" מינקינען מיט זיין פּראָטעסט, ווי אויך די דאגה—מיט וואָס וועט ער זיינע אייגענע וועקסעלעך בעצאָהלען—האָט ער ווי גאָר פערגעסען; עס אָרט איהם איצט דער אַגענט מיט זיין וויזיט-קאַרטעל: „נאַפטאַל טערענטיעוויטש טאַבאַחאָוו".

— מילא, „נאַפטאַל" קען מען נאָך זאָגען, ער הייסט נפתלי. נאַפטאַל-נפתלי, נאָך ביים וועג. טאַבאַחאָוו איז נאָך אויך נישט שווער צו טרעפען: דער טאַטע אָדער דער זיידע זיינער האָט געמוזט זיין אַ טבח, פּשוט אַ קצב. אָבער „טערענטיעוויטש"—ווי פערייִדישט מען דאָס? זאָל מען מיר אדרבה ווייזען, וועלכער יודישער קצב הייסט „טערענטי"! אַ שאָד, וואָס איך האָב איהם נישט געפרעגט, ווי האָט מען באמת זיין טאַטען אויפגערופען אין שוהל צו דער תורה... שיקט זיך עס, מען זאָל אַ יודען אויפרופען: „יעמוד מורנו ר' טערענטי שלישי"?

און אַזוי שטאַרק איז אַבעלמאַנען אין מח אריינגעקראָכען דעם אַגענטס וויזיט-קאַרטעל, אַז אפילו ווען ער האָט זיך אין דער היים געשטעלט מנחה דאַוונען, האָט זיך איהם אַלץ געדאַכט, נישט די ווערטער פון דער שמונה-עשרה-ברכות זאָגט ער, נור די צונג זיינע רעדט אַלץ אַרויס, גאָר געגען זיין אייגענעם ווילען, די ווערטער: „נאַפטאַל טערענטיעוויטש, נאַפטאַל טערענטיעוויטש טאַבאַחאָוו"...

---

## ד.

אויף מאָרגען, נאָך דעם טאָג פון מינקינס פּראָטעסט און דעם אינספּעקטאָר נאַפטאַל טערענטיעוויטש טאַבאַחאָוו, איז ביי אַבעלמאַנען אין געשעפט עפּעס לעבעדיגער געוואָרען.

באַלד אינדערפריה, ווי אַבעלמאַן האָט זיך נור אין זיין קאַסע-

קעמערל אַריינגעזעצט, זענען אין קראָם אַריינגעגאַנגען צוויי יונגע-לייט מיט אַ יונג ווייבעל, נכר ערשט מיט דער באַהן אָנגעקומענע. נאָך דעם ווי זיי האָבען, ווי די קליינשטעדטעל-דיגע, פריהער אַלע אָנגעשטעלטע און דערנאָך דעם בעל-הבית אַליין דעם שענעם „גוט-מאָרגען" אָבגעגעבען, האָט איי-נער פון זיי אַרויסגענומען אַ בריעף און דערלאַנגט אַבעלמאַנען.

אַבעלמאַן האָט געהייסען דערלאַנגען בענקלעך און גע-בעטען זיינע נישט-בעקאַנטע געסט זיצען, האָט ער גענומען דאָס בריוועל איבערלייענען. די געסט האָבען זיך צוזעצט, האַלב שעמעדיג, האַלב וואונדערנדיג זיך אויף די לאַנגע פולע פּאָ-ליצעס מיט סחורה, וואָס זיי האָבען אין זייער קליין שטעד-טעל געוויס אַזוי פיעל קיינמאָל נישט געזעהן.

אַבעלמאַן רייסט אויף דעם קאָנווערט און שלעפּט אַרויס אַ גאַנצען פּאַק פון עטליכע בויגעלעך פּאַפּיר. — קליין שטעד-טעלדיגע יודען האָבען גענוג צייט און פערגינען זיך אָנצושריי-בען אַזאַ מגילה! — רעדט איבער אַבעלמאַן פאַר זיך, און הייבט אָן פונדעסטוועגען צו לייענען:

„לכבוד הנגיד המפורסם הרבני הנגיד וכו' מו"ה הלל אַבעלמאַן נ"י".

„ראשית שיק איך אַ גערוס אייך און אייער זוגתכם שתחי', מיט אייערע כל בני ביתכם שיחיו בעושר והצלחה כה יתן ה' וכה יוסיף, אמן!

„אחרי פרישת שלומכם, האָב איך די עהרע אייך פאָר-צושטעלען את בתי מרת פייגעלע שתחי', און איהר מאַן את חתני המושלם מו"ה שלמה פייוועל שיחי'. והנני בא אל כבודו הרם מיט מיין בקשה, זיי מקבל צו זיין בסבר פנים יפות, און זיי בעהאַנדלען אָרענטליך, היינו: פערקויפען זיי רעיעלע סחורה במקח השוה, נישט איבערשטעלען, חלילה, אויף די מקחים און געבען זיי אַקוראַט אַזאַ סחורה, וואָס איז צום סעזאָן און צו דער מאָדע, הכל כאשר לכל.

„שנית, דאַרפט איהר וויסען, אַז זיי זענען אָנפאַנגער. דאָס הייסט: דער איידים מיינער איז נאָך גאָר פרעמד אין

דעם עסק. בתי שתחי׳ האָט יאָ אַ שטיקעל ידיעה אין שניט־געשעפט, אָבער צייט איהר חתונה מיט מזל האָט זונתי שתחי׳ זי אין קראָם נישט אַריינגעלאָזען, און שוין דאָס דריטע יאָהר, אַז זי האָט זיך אין קראָם נישט געמישט און אודאי אַ סך פערגעסען. און אפילו ווען זי האָט נישט פערגעסען, ווייסט זי ווי מען דאַרף האַנדלען מיט דער יודענע, אָדער מיט דער שיקסע, להבדיל. ווי דאַרף מען אָבער האַנדלען מיט דעם סוחר, אַז מען קומט אין אַ גרויסער שטאָדט זיך איינקויפען, ווייסט זי על כל פנים נישט. על כן בעט איך אייך, נפשי בשאלתי, ובתי וחתני, שיחיו, בבקשתי, איהר זאָלט מטיב זיין מיט זיי בגיני און, בעהאַנדלען ווי עס דאַרף צו זיין על צד היותר טוב. היינו: נישט געבען קיין פערלעגענע סחורה, דאָס האָבען זיי שוין די והותר פון מיין געשעפט, וואָס זיי האָבען ביי מיר, בשעה צלחה, למזל טוב, איבערגענומען. גם נישט צוריידען זיי צופיעל צו קויפען און נישט פערגע־סען אונזער אָרט, אַז עס איז אַ קליין שטעדטעל און אויף׳ן אַרשין, אפילו אַז גאָט העלפט עס איז דאָ פדיון, ברויך מען אויך נישט קיין גאַנצע שטיקער עטליכע פון איין מוס־טער און פון איין מין. אדרבה׳ רעדט זיי אָב, טאָמער גלוסט זיך זיי פון איין מין צו פיעל. בעסער אַז עס פעהלט אויס אַמאָל, איידער עס זאָל בלייבען ליעגען חלילה ווי אַ שטיין.

„אַלץ צו ביסעלעך, און אַלץ וויפיעל און וואָס מען ברויך נויטיג. זאָגט זיי—איך האָב זיי שוין אַליין אויך הונ־דערט מאָל אָנגעזאָגט,—אַז איהר זענט גרייט פאַר זייער געלד תמיד זיי צו פערקויפען, גענוג נאָר אַ קאַרטעל אויפשרייבען פאַר דריי קאָפּיקעס, וועט איהר שוין תיכף ומיד אַרויסשיקען אויף אַ נאָכנאָהמע וואָס זיי וועלען נאָר ברויכען״.

„איך בעט אייך וועגען דעם נאָכאַמאָל, ווייל די טבע איז שוין אַזוי געשטעלט ביי דעם אָנהויבער: קומט מען אַריין אין אַ סקלאַד מיט די גרויסע לאַנגע פּאָליצעס, פול פון אַלע מינים סחורה, ווי ביי אייך למשל, כן ירבה, ווערט מען ווי

אַ צוטומעלטער, מען ווייסט נישט וואָס אײַן, וואָס אויס. און אַ בשר ודם האָט גרויסע אויגען, רחמנא לצלן, עס ווילט זיך די גאַנצע וועלט אײַנשלינגען, בפרט יונגע-לײַט, וואָס הייבען ערשט אָן צו לעבען, און עס גיעט זיך זיי אויס, אַז אַלץ איז זיי צו קאַרג.

„קיין קרעדיט ברויכען זיי נאָך נישט לעת עתה. ווילען ווילט זיך מיר, אַז גאָט זאָל זיי העלפען גאָר די גרויסע עסקים צו מאַכען און האַנדלען אַלץ במזומן. איין חכם כבעל הנסיון: גרוי און אַלט פאַר דער צייט האָט מיך דער קרע־דיט געמאַכט. די תמיד'יגע דאגות, ציטערן—טאָמער געהט חלילה מיינם אַ וועקסעלע צום פּראָטעסט, האָט מיר אפשר העלפט יאָהרען אָבגענומען. איצט דאַנק איך און לויב השם יתברך, וואָס איך האָב מיין וועלטעל כמעט שוין אויסגעפיהרט און חלילה קיינעם, נישט אייך, נישט אַנ'אַנדערן, אַ פרוטה אחת נישט שולדיג געבליבען. נו, דאָס בין איך, און מיינע צייטען זענען אויך אַנדערע געוועזען. די פרנסה איז געוועזען גרינגער, קראָמען—ווייניגער און פדיון—מעהר. אָבער וואָס געוועזען אַמאָל איז נישט היינט... זאָל זיי גאָט שומר ומציל זיין פון קרעדיט און פון קאָפּ־דרעהעניש, אַ וועקסעלע צו בע־צאָהלען! גלויבען מעגט איהר מיר, אַז איך האָב געוואָלט נעהמען ביי מיין איידים אַ תקיעת־כף אויף חלק לעולם הבא, אַז ער זאָל קיין וועקסעלעך נישט אונטערשרייבען, נישט פאַר זיך, נישט פאַר אַ גוטען ברודער. גאָרנישט איז גלייכער. נישט מעהר, עס איז דאָך נישט שייך, מען טאָר אַ יונגענמאַן אַזוי נישט פערבינדען, ווער ווייסט וואָס קען נאָך אַלץ זיין?

„עס ווילט זיך זיי אפילו אַ ביסעל צעלניק אויך קויפען, אַ ווענטעל ווילט זיך זיי אָבטיילען אויף צעלניק. כּאשר דער איידים מיינער איז אַ מושלם, האָט אַ ידיעה אין פיינע זאַכען און ער ווייסט טאַקע וואָס שען איז און וואָס גוט איז, מיינט ער, אַז אויף צעלניק, מעסערלעך, פאָרטאָמענייעלעך און נאָך אַזעלכע גאַלאַנטעריי-שמאָכטעס וועט ער דער גרויסער מבין זיין. זעהט איהר, דוקא וויל ער האָט אַ אויג, אָהן עין הרע, און

פערשטעהט זיך אויף גוטס, טאָר אזא קיין איינקויפער נישט זיין.
דער קונה איז קיין מבין נישט אויף גוטס און אויף פיינס;
אַבי וואָלוועל, איז שוין ביים קונה אַלץ גוט! דעריבער ווייס
איך, אַז דאָס, וואָס דעם איידים מיינעם וועט געפעלען פאַר
גוט, וועט טאַקע אפשר זיין גוט, אָבער עס וועט קאָסטען גוט
געלד, און פון וועמען וועט ער לייזען?

„נאָך אַ שטיקעל חסרון האָט מיין איידים — איך רייד
פאַר אייך ווי פאַר אַ אייגענעם, — פאַרט אָבגעהאַנדעלט זעקס
און צוואַנציג יאָהר, אַ דאַנק השם יתברך, און קיינמאָל קיין טענות
און קיין תרעומות נישט געהאַט אײנער אויפ'ן צווייטען!

„יונגע קינדער, מען דאַרף זיי לערנען, און עס שאַדט
נישט, איהר זאָלט וויסען זיין חסרון.

„און דער חסרון זיינער איז דוקא אזא, וואָס אין מסחר
איז דאס אַ מעלה—מען דאַרף נאָר דערצו געניטקייט האָבען,
און דאָס פעהלט איהם נאָך לעת עתה. און וואָס מיינט איהר
איז אין עצם דער חסרון, וואָס איך רייד? טאַקע דאָס, וואָס
ער האָט אַ פייערינען מח צום רעכענען, כּהרף עין בערע-
כענט ער דעם גרעסטען חשבון, וואָס ביי איין אַנדערן דאַרף
עס אָבנעהמען אַ שעה צייט. און דער חסרון דערפון בע-
שטעהט אין דעם: ער בערעכענט למשל—איך דערצעהל אייך
דאָס נישט אַ מעשה, נאָר אַ משל, נישט מעהר—אַזוי האָט
מיין איידים בערעכענט, אז ווען אַ קצב פערדיענט אָן איין פונט
פלייש צוויי קאָפּיקעס, וויפיעל-זשע קען ער פערדיענען פון
אַ גאַנצען אָקס, וואָס וועגט פופצעהן פוד? ער מאַכט דעם
חשבון כּהרף עין טאַקע, און ער חדוש'ט זיך: פאַרוואָס דאַר-
פען די גרויסע עשירים אדירים מאַכען קאָנטאָרען, פאַבריקען
און זאַוואָדען און פערדיענען מיט זייער קאַפּיטאַל פינף אָדער
צעהן פּראָצענט אַ יאָהר פון זייער אומזאַץ, — זאָלען זיי בע-
סער קויפען אָקסען, שעכטען אַלע אין איין טאָג און פער-
קויפען דאָס פלייש מיט ריוח צו צוויי קאָפּיקעס פון פונט,
וועלען זיי דאָך אין איין טאָג פערדיענען פון פלייש אַ סך
מעהר וויפיעל זיי פערדיענען אַ גאַנץ יאָהר אין זייערע קאָנ-

טאָרען, פאַבריקען און זאַוואָדען.

„מיין קינד, זאָג איך צו איהם, אַז יענע עשירים וועלען אין איין טאָג אויסשעלטען אַזוי פיעל אָקסען וויפיעל געלד זיי האָבען, וואו זועט מען געהמען אַזוי פיעל מענשען, וואָס זאָלען דאָס פלייש אָבקויפען, און אַזוי פיעל מיילער, וואָס זאָלען עס אין איין טאָג אויפעסען?

„קיין בהמה איז מיין איידים דוקא נישט, נאָר געניטקייט פעהלט איהם. האָט ער זיך פערטראַכט, און איז רויט געוואָרען. — ווייסט דו, זאָג איך, וואָס פון אַזאַ מסחר קען ווערען? עס קען ווערען אַ גראָשען אַ פונט פלייש, וועט נאָך אויך נישט פערקויפט ווערען אינגאַנצען. דאָס איבעריגע וועט מען מוזען פאַר הינט אוועקגעבען, אָדער אין טייך אריינוואַרפען, און אָנשטאָט צו פערדיענען מיליאָנען, וועלען יענע רייכע זייער גאַנצען קאַפּיטאַל מוזען צולעגען און נאָך לייטען שולדיג בלייבען.

„ער האָט מיר אפילו מודה געוועזען, אָבער זיין גיך אויסרעכענען די פרנסה פון איטליכער סחורה מאַכט מיר שווערע זאָרגען, ער זאָל אויך אין זיין שניט־קראָם נישט אַלץ פריהער אויסרעכענען דעם רויח, און זיך נישט רעכענען מיט דער צייט און מיט דעם אָרט.

„בתי תחי', זעהט איהר, קען דוקא גאָר נישט חשבונ'ען אויפ'ן פּאַפּיר, אָבער צום קראָם איז זי אַ פייערינגע בריה. האָט זי ווידער אַ חסרון, וואָס דער מאַן איז ביי איהר אַ גאָט. און קיין חדוש נישט, קיין עולה איז דאָך אַזוינס אודאי נישט, זי זעהט דאָך פאָרט, אַז מען ברענגט צו איהם די גרעסטע און שווערסטע חשבונות פון באַהן אַפילו, און ער בערעכענט זיי אַזוי גיך, אַז די מענשען, וואָס שטעהען דערביי, ווערען נתפעל און זאָגען צו מיין טאָכטער:

—„מקנא דאַרפען דיר זיין אַלע ווייבלעך און מיידלעך, וואָס דו האָסט אַזאַ מאַן מיט אַ גאונישען קאָפּ, וואָס קען זיין דער גרעסטער רעכענמייסטער אין דער וועלט!

און אַ מזג טוב איז ער אויך, אַ שענער, ווי איהר זעהט

איהם פאַר אייערע אויגען,—האָבּ איך מורא, זי ועט איהם נישט וועלען מעיז זיין, און אַז ער וועט זאָגען: פייגעלע, איך האָבּ בּערעכענט, אַז אָן דעם מין ציין, אָדער וואָלענס שטעהט אונז צו פערדיענען אַ מטמון, לאָמיר קויפען וואָס מעהר, וועט זי פערבּלענדטערהייט מסכּים זיין.

„דאָס אַלץ שרייבּ איך אייך, איהר זאָלט וויסען ווי און וויפיעל אַיינצוסאָרטירען זייער בּיסעל סחורה!, און זיי אָבּריידען פון צו פיעל, און דער עיקר—פון צעלניק.

„איך האָבּ אין מיין לעבּען מיט קיין צעלניק נישט צו טהון געהאַט, וויל איך, אַז מיינע קינדער זאָלען אויך ווייט זיין פון דעם געשעפט. שניט-סחורה איז אַלעמאָל אַ סחורה: אַראָבּ אַ קאָפּיקע פון אַרשין, און איך ווער פּטור דערפון; וואָס טהוט מען אָבּער מיט צעלניק, מיט ליאַלקעס, פערראסטעטע מעסערלעך, צובּראָכענע שפּיגעלעך, מיט קעמעלעך מיט אויסגעבּראָכענע צייהנדלעך און מיט נאָך אַזעלכע „קיי און שפּיי" און אַלערליי שמאָכטעס, ווען מען וויל חלילה פון געשעפט אָבּשניידען?...

„הכּלל, איך פערלאָז מיך אויף אייך, און איך בּעט אַייך, צו בּעהאַנדלען נישט ווי אַבּי קונים, נור ווי מיינע קינדער, און ווי קונים, פון וועלכע, איך האָף צום הזן ומפרנס את העולם בּטובו, אַז איהר וועט נאָך מיט זיינער הילף אַ סך געלד לייזען.

„גם לאָז איך גאָר פריינדליך גריסען אַייערע מענשען אין געשעפט, וביחוד את הרבּני מו"ה בּיילין יחיה, און איך בּעט זיי און איהם בּעזונדער, נישט צו קוקען אויף מיינע קינדער ווי אויף קליינשטעדטעלדיגע יונגע לייט, וואָס איז אַ מצוה אָדער אַ מנהג דאָרט בּיי אַייך אין די גרויסע שטעדט צו פּריציווען. מען ווערט נישט געבּוירען אַ סוחר אַ פאַרטיגער, זיי וועלען זיך אַיינהאַנדלען און געניט ווערען, וועט איהר פון זיי אפשר מעהר נחת האָבּען ווי פון אַייערע גרויסע קונים.

„איך רעכען, זיי וועלען אין אַייער סקלאַד בּעקומען אַלץ וואָס זיי בּרויכען. טאָמער פעהלט עפּיס צו, וועט איהר

אזוי גוט זיין שיקען מיט זיי איירן א מענשען צו א רעיעלען סוחר, וואו מען וועט זיי נישט אבנארען.

„העלפט געלד וועלען זיי אייך בעצאהלען במזומן, און העלפט וועט איהר, אזוי גוט זיין, ארויפלעגען א נאלנאהמע.

„בנוגע צו מיר אליין, וועלען אייך מיינע קינדער דער־צעהלען. איך האב מיך שוין אין מיינע עטליכע יאהרען גע־נוג אנגעהאנדעלט, צייט מיר שוין אברוהען א ביסעל. זאלען שוין מיינע קינדער האנדלען אויף מיין ארט. איז זיי בע־שערט גדלות און עשירות, איז מה טוב, אלא נישט—זאל זיי גאט העלפען, אין מיינע יאהרען זיך אזוי אבהאנדלען מיט לייטען ווי איך האב מיך אבגעהאנדעלט. צו גוטס איז קיין גבול נישטא.

„און זייט מיר געזונד און שטארק, און גאט ברוך הוא זאל אייך מאריך ימים זיין מיט אייער אלטער, און איהר זאלט האבען פיעל נחת פון אייערע קינדער כברכת ידידכם המכבד אתכם כל הימים שאול בן בנימין ז״ל שו״ב״.—

עס פערשטעהט זיך, אז אבעלמאן איז ווי מיט דעם בריעף אזוי אויך מיט די קונים העכסט צופרידען געבליבען, און נאכדעם ווי ער האט זיך ביי זיי נאכגעפרעגט וועגען שוועהר און שווינער, און האט זיי איינגעלאדען אויף מארגען צו זיך אויף מיטאג, אלס קינדער פון אן׳אלטען קונה און גוטען פריינד, האט ער זיך אליין גענומען זיי אויסקלויבען א קראם סחורה, און האט טאקע זיך געמיהט, די סחורה זאל זיין רעיעלע און אין מאס, לויט וויפיעל און וואס זייער שטעד־טיל פערלאנגט. ער האט זיי נישט אבגעלאזען, ביז זייער קראם איז פערפאקט און פערשנורעוועט געווארען. ער האט אליין די רעכענונג געמאכט, אלץ פינקטליך און רעיעל. פאר קאסע א שענעם פראצענט אראבגערעכענט ווי גאר די גרויסע קונים.

דער יונגערמאן האט מיט איין אויג די רעכענונג דורכ־געזעהן, און האט א קליינעם טעות אין עטליכע קאפיקעס געהאפט.

אַבעלמאַן איז נתפעל געוואָרען. עס איז איהם געפעלען מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ און גליקליכקייט דאָס יונגע ווייבעל האָט אַ קוק געטהון אויף איהר מאַן, און ווי אמת דער אַלטער שמואל שו״ב האָט איהם אַלץ אַרויסגעשריבען.

דער צווייטער יונגערמאַן איז אַ שני בשני דעם ערשטענס, און פאָהרענדיג, זיך אײַנקויפען, זענען די פאָר־פאָלק פערפאָהרען אין זייער קרוב׳ס שטעדטעל, און האָבען דעם קרוב מיטגענומען אַהער, מיט דער זיכערקייט, אַז צוליעב זיי וועט מען איהם אויך אָרענטליך בעהאַנדלען. ער איז אויך אַנ׳אָנפאַנגער, און חאָטש ער עסט נאָך קעסט, אָבער גלייבער פריהער זיך צוגרייטען אַ פרנסה, איידער שפּעטער, ווען מען ווערט שוין אַליין אַ בעל־הוצאה.

דער יונגערמאַן האָט זיך אײַנגעקויפט אַזאַ קראָם און דיזעלבע מינים סחורה ווי דאָס פאָרפאָלק, און צוזאַמען האָבען די ביידע רעלענונגען בעטראַפען העכער ווי אַ פאָר טויזענד קערבלעך. העלפט קאַסע, העלפט נאָכנאָהמע. און אַבעלמאַנען איז געוואָרען אַ שטיקעל ליכט אין די אויגען.

— היט אײַערע קעשענעס, יונגע־לייט! האָט זיי אַבעלמאַן אָנגעזאָגט פאַר׳ן אַרויסגעהן פון קראָם: עס איז דאָ נישט אײַער שטעדטעל... עס זענען דאָ גענוג קעשענע־גנבים, פאַסקע־שפּילערס און אַזוי אַפעריסטען, וואָס וואַרטען נור אויף קליינשטעדטעלדיגע יודען, און זיי, די גנבים און קיסלער, זענען מבינים, ווער עס איז אַ היגער, ווער אַ פרעמדער, געהט אײַך, וואוהין איהר האָט אײַך צו געהן, און לאָזט זיך פון קיינעם נישט פיהרען, פון קיינעם קיין טובות לאָזט אײַך נישט טהון. דאַרפט איהר וואָס, זאָגט אײנעם פון מיינע מענשען, וועט ער אײַך פיהרען, ווייזען, אײַנקויפען אַלץ וואָס איהר ברויכט.

— וועלוועל, דו האָסט נאָך וואָס צו טהון דאָ אין קראָם? ווענדט זיך דער בעל־הבית צום יונגסטען פון זיינע מענשען. מען וועט דאָ אָבטהון אָהן דיר, געה דו מיט זיי, בעוויז זיי די שטאָדט. עס שאַדט נישט, אין אָוועגד אין

א גאָרטען מיט זיי צו געהן, אין א טעאַטער, אויב זיי האָבען חשק, אויף מיין חשבון. נישקשה, אייגענע לייט, אָדער אַזוי גוט ווי אייגענע; אַז איך וועל אַמאָל אין אייער שטעדטעל זיין, וועט איהר מיר אָבדיענען,— זעה-זשע, וועלוועל, זיי א מענש, און זאָל איך צוליעב דיר קיין עגמת-נפש נישט האָבען, געדענק!

מיט די רייד האָט ער וועלוועלן עטליכע רובל אַריינגערוקט אין האַנד און האָט זיינע ליעבע, און צו זיין איצטיגער קריטישער לאַגע — דאָפּעלט-ליעבע געסט, נאָך א מאָל אָנגעזאָגט: געדענקט, מאָרגען דריי א זייגער צו מיר אויף מיטאָג!

און אַז דער אָנהויב טאָג איז א גוטער, איז שוין גוט דער גאַנצער טאָג. נאָך מיטאָג-צייט איז געקומען דאָס נעכטיגע פרויליין פון דעם הונדערטער מיט די מוסטערן, וואָס מען האָט איהר מיטגעגעבען, און האָט נאָך מיטגעבראַכט א האַלב טוץ שוועסטער און שוועגערינס, און אַלע צוזאַמען האָבען אויך געגעבען צו לייזען א שענע פּאָר צעהנדליג רובל.

געהענדיג אַהיים א צופריעדענער פון טאָג, האָט אַבעלמאַן זיך געטראַכט: מען קען גאָרנישט וויסען, מיט וואָס דער קריזיס וועט זיך ענדיגען. איז שוין אַמאָל גאָר פינסטער, שיינט די זון אָפּט אַרויס מיט אַמאָל, און מען פערגעסט גאָר, אַז עס איז פינסטער געווען!

דעם ווייב האָט ער אין דער היים געזאָגט:

— הערסטו, אסתר, א קראָם איז ווי א קדחת: א טאָג א שלעכטער, א טאָג א גוטער. וואָס ווייסטו, ווי שלעכט האָב איך מיך געפיהלט נעכטען אין געשעפט! און א דאַנק דעם, וואָס טהוט חסד מיט אונז, גאָר אַנדערש פיהל איך מיך אַצונד. געלייזט היינט אַנ'ערך פון פינף און צוואַנציג הונדערטער, העלפט געלד, העלט נאַכנאַהמע, און ווייסטו פון וועמען? פון שאול שו"ב'ס קינדער! געדענקסט דאָך דעם אַלטען שאול'ן? איך האָב זיינע קינדער און נאָך א יונגענמאַן, א פרישער קונה

איינגעלאַדען צו אונז אויף מיטאָג מאָרגען, וועסט מסתמא זעהן, עס זאָל צום טיש גאָרנישט פעהלען.

— אז דיר, מיין מאַן, איז ליעב, איז מיר אַודאי ניחא. זיי מיר נאָר אַלע טאָג אַזוי אויפגעלעגט, וועל איך דיר אַלע טאָג פיינע מיטאָגען מאַכען!

---

## ה.

ווי וועניג בעלמאַן האָט געגלויבט אין מזל'דיגע און אין נישט-מזל'דיגע טעג און וואָך, ווי עס גלויבען אין דעם אַנדערע סוחרים, האָט ער פונדעסטוועגען עטליכע מאָל איי בערגערעדט פאַר זיך: „מזל'דיגע קונים געוועזען די קליינ שטעדטעלדיגע יונגע-לייט! גרינג אויף דער האַנד! זיי האָבען אַ גוטע התחלה געמאַכט אויף בעסערע טעג".

די מענשען זיינע האָבען אויך נאָכאַנאַנד איבערגערעדט: „זעהט נור, אַ גוטען אָנהויב האָבען זיי געמאַכט, די קליינ שטעדטעלדיגע; עס ווייזען זיך קונים, עס איז דאָ וואָס צו טהון".

— גיעט, קינדער, קיין עין הרע נישט,—ענטפערט זיי ביילין, וואָס האַלט זיך פון לאַנג פאַר אַ גרויסען מבין אויף אַ קונה—איך האָב באַלד דערקענט, אַז די יונגע-לייט מאַכען אונז אַ גוטען אָנהויב, און עס וועט זיין פדיון.

— ווי אַזוי האָט איהר עס דערקענט? פרעגט איינער פון די יונגערע.

— נאָך דעם שטייגער פון זייער קלויבען און בעצאָהלען דערקענט מען, ווער עס איז גוט און ווער עס איז שלעכט אויף האַנד, — דערקלערט ביילין — די גרינגע האַנד קלויבט נאָר אַנדערש די סחורה, דינגט זיך נישט צופיעל, זאָגט קיין אומזיסטע חסרונות נישט, און קומט עס צום בעצאָהלען— צאָהלט זי ווי מיט פערגניגעי, נישט מיט קיין צוריסענע פאַ-

פיער-געלד און קיין גלאַטע צוקריצטע מטבעות; די שווערע האַנד אָבער פּאַלט איבער די סחורה ווי אַ בלײַ: קרימט זיך און לאָמעט זיך בײַם אויסקלױבען, מאַטערט אָן דעם מענשען, וואָס ווײַזט די סחורה, נעהמט דאָס געזונד אַרויס, אײדער זי מאַכט שוין אַ סוף. און קומט צום בעצאָהלען, ציטערט עס איבער איטליכען רובל, צעהלט דרײַ מאָל, און שטענדיג דערגעהט נישט אַ קלײניגקײט. לאָזט שטעהן עטליכע רובל, אָדער חאַטש קאָפּיקעס אויף נאָך אַ מאָל, און זעלטען אַזאַ זאָל נישט אַרײַנגעבען אַ רובל אָדער אַ דרײַערל, וואָס מען זאָל נישט אַנ'עסק האָבען, אײדער מען ברענגט עס אויס.

— עס איז גאָר קײן ראיה נישט, רופט זיך אָב נאָך אײנער: דאָס, וואָס איהר דערצעהלט, ווענדט זיך נישט אָן דער האַנד, צי זי איז אַ גרינגע אָדער אַ שווערע, נור אָן דעם כאַראַקטער פון'ם קונה. וואָס דאַרפט איהר מעהר, בעני מײַסטערמאַן איז, דאַכט זיך, אַ קונה וואָס מען קען שטאַר־בען אונטער זײַנע הענד, — קלױבט די סחורה, ווי אַ פרומע יודינע די וועריםדיגע אַרבעס פון שיסעל, און קאַלט איז ער, חאַטש שטעל אַרויף אויף איהם הײסען באָרשטש אָבקיהלען, חלשות געהט זיך אונטער, איהם אַ רשימה צו מאַכען, און פונדעסטוועגען האָט ער צום פדיון אַ גרינגע האַנד.

— אַ גרינגע האַנד האָט בעני מײַסטערמאַן, זאָגסטו? טהוט זיך אַ חאַפּ בײַלין, ווי אַ אָנגעצונדענער — אָבפּוילען מעג אַזאַ גרינגע האַנד! זינט איך קען איהם, ווײס איך, אַז דאָס איז אַ שטײן די גאַס צו ברוקירען, און נישט אַ האַנד צום פדיון! ווען אָן מיר ווענדט זיך עס נור, וואָלט איך בעני'ן אין קראָם נישט אַרײַנלאָזען. איך האָב שוין דעם סימן: האָט בעני געגעבען צו לײזען אַ הונדערטער, ווערט מען שוין עטליכע טעג כסדר קײן הונדערטער אַ פדיון אין די אויגען נישט זעהן...

— אמת, אמת, שרײַט נאָך אַ פריקאַשטשיק, — אָבדאַרען מעג בעני'ן זײַן האַנד! אַ לאָך אין האַרצען האָט ער מיר גע־מאַכט. איך קען זײַן טרפה'נעם נאָמען נישט הערען. עפענט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן אַ יוד מיט אַ געלער באָרד, געהט

מיר אַריבער אַ קעלט איבערן לייב, איך מיין: בעני געהט — געהן זאָל ער צו אַל די רוחות, דער געלער מכשף!

אין דעם אָבער, אַז די קליינשטעדטעלדיגע קונים האָבען אַ גרינגע האַנד אויף אַנ'אָנהויב, האָבען אַלע מסכים געוועזען, ווייל זיי האָבען עס בחוש געזעהן.

מאָרגען און איבערמאָרגען, נאָכדעם ווי די קליינשטעדטעלדיגע יונגע לייט מיט'ן ווייבעל זענען שוין אוועקגעפאָהרען, האָט מען ווידער געלייזט צו ביסלעך, אין אַנגראָ און דעטייל; עס האָט זיך אין קראַם גערודערט. פערלעגט די הענד ווי פריהער פלעגט זיין, איז מען שוין נישט געשטאַנען.

אַבעלמאַנען האָט זיך געדאַכט: דאָס אָבגעשטעלטע רעדעל, וואָס האָט זיך אָן ערגיץ — וואָס פערהאַלטען ביז אַהער, האָט זיך ווי פון דעם פערהאַלט אָבגעריסען און דרעהט זיך שוין ווייטער אונגעשטערט, און עס וועט זיך מסתמא שוין אַזוי כסדר דרעהען. אַ פאָר נאָהענטע וועקסעלעך, וואָס ער האָט אַ דאגה געהאַט, ווי זיי צו בעצאָהלען, זענען שוין בעצאָהלט. אין קאַסע פאַלען אַריין עטליכע הונדערטער אַ טאָג, און עס דאַכט זיך אַבעלמאַנען, אַז גאָט האָט זיך דערבאַרימט אויף איהם, ער וועט זיך ווי עס איז דורכדרעהען.

אַ נייע הויט, פיהלט ער, איז אויף איהם אַרויף; ער האָט שוין חשק בעקומען די „הצפירה" צו לייענען, און שכנים קרעמער, וואָס לייזען אין דער צייט גראָד נישט, האָבען ווידער אָנגעהויבען אַריינצוקומען צו אַבעלמאַנען, שמועסען אַ ביסעל פּאָליטיקע.

אַבעלמאַן זיצט אין זיין קעמערל, די ביידע דראָטענע טירלעך זענען פונאַנדערגערוקט; דערביי זיצען אַ פאָר קרעמער אויף בענקלעך, אַ פאָר אויפ'ן נאָהענטסטען לאַנגען טיש, און יעדערער דערצעהלט, וואָס ער האָט היינט געהערט נייעס.

אין קראַם קומט אַריין אַ פרישער קרעמער.

— אַ, שלום עליכם! גיבען זיך אַלע אַ וואָרף צו איהם, — ווען זענט איהר געקומען?

— געלטען האלב צוועלף ביינאכט.
— גלייך פון אויסלאנד?
— דירעקט פון אויסלאנד. ערגעץ זיך נישט אבגע־שטעלט.
— און וואס הערט זיך אין אויסלאנד?
— אלדאס גוטס!
— וואס הייסט?
— דאס הייסט: די פאבריקען ארבייטען, די געשעפ־טען פול סוחרים, די קראמען פול קונים, און מען קוקט נישט אויס די אויגען אויף דעם קונה ווי ביי אונז.
— און די וועקסעלער?
— ווערען בעצאהלט!
— פערמאג איך די סומע, וואס עס בעטרעפען די וועקסלען, וואס ווערען אין אויסלאנד אויך נישט בעצאהלט! האפט זיך ארוים איינער און ווינשט זיך.
— און די היינטיגע פאליטישע לאגע צווישען מלחמה און שלום איז דער סוחרישער וועלט גארנישט נוגע דארט? פרעגט אבעלמאן.
— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, צווישען די סוחרים, וואס איך האב מיט זיי א עסק געהאט, האט מען מכח דער איצטיגער לאגע גאנץ וועניג וואס גערעדט. — דער־קלערט דער אורח — און עס איז גאנץ נאטירליך, דער דייט־שישער סוחר רעדט פריהער פאר אלץ וועגען זיין מסחר. פאליטיק איז א שפעטערע זאך, ווען ער איז פריי, אין דער היים ביי זיך, אדער אין פערזאמלונג וועגען אלגע־מיינע סוחרישע אנגעלעגענהייטען. אבער ביי זיך אין קראם איז ער נישט מעהר ווי א קרעמער, און צו פאליטיק האט ער גאר קיין צייט נישט, און קיין קאפ אויך נישט.
— אין א פרט איז עס אפילו אמת, גיט צו אבעל־מאן, אבער ביי אונז וואלט אויך דאסועלבע געווען, ווען אונז זאל אזוי וועניג ליידיגע צייט בלייבען, ווי עס בלייבט דעם דייטשישען סוחר וועניג צייט וועגען פאליטיק צו שמועסען.

מיר ריידען וועגען פּאָליטיק, די לאַנגע צייט זיך אָבציקורצען.
— אָבער וואָס רעדט מען דאָרט פאָרט וועגען מלחמה!
דאָס הייסט, ווער מאַכט בעסער? ווילט זיך איינעם דוקא וויסען.

— מיר דאַכט, ענטפערט אַבעלמאַן, אַז דאָרט אין דער מלחמה קומט פאָר דאָסזעלבע, וואָס דאָ ביי אונז צווישען די קראָמען: אַ טאָג איז שטיל און טוידט, מען מיינט די וועלט געהט שוין אונטער, אוים מסחר, אַלץ פערשפּיעלט; אויף מאָרגען גיעט פון ערגיץ די זון אַ שיין, און מען מיינט— מען איז שוין ווידער אויפ׳ן פערד. נאָר אַזוי ווי עס איז נישטאָ ריכטיג פאַרוואָס זיך מיאש צו זיין אין דער שטילער צווישען־סעזאָן־צייט, וואָס מען לייזט נישט, וואָס ס׳קומט אָן אפילו אַ פּראָטעסט נאָך אַ פּראָטעסט, — אַזוי איז נישטאָ פאַר־וואָס צו געהן טאַנצען, אַז עס פאַלט צו אין דער צייט אַ נישט געריכט פדיונ׳דיל, אָדער אַז ערגיץ אַ שוטה סיידען בעצאָהלט נאָך אַ וועקסעלע צו היינטיגע צייטען. דער עיקר איז: האָט דער סוחר אַ איינענעם גרונד אין זיין געשעפט און דערצו פעהלט איהם נאָך קיין קרעדיט נישט אין באַנק, אָדער ביי אַ גוטען ברודער, מעג ער נישט אַזאַ טייערער רייטער זיין, וועט ער שוין זיך קענען אויסדרעהען, אַזוי צי אַזוי און אַרויסגעהן פון דער ענגשאַפט. אין וועלכער דער אַלגעמיינער קריזיס האָט איהם אַריינגעטריבען; האָט ער אָבער קיין איי־גענעם גרונד־קאַפּיטאַל נישט, און קיין קרעדיט אויך נישט, מעג ער זיין דער בעסטער רייטער, מוז ער אין דער צרה׳־דיגער ענגשאַפט שטרויכלען און פאַלען, צי ער וויל, צי ער וויל נישט...

די קרעמער האָבען זיך איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט, ווי פרעגענדיג: צי מיינט ער דאָס זיך אַליין, צי מיינט ער עס אונז?

„שפּיעלט דעם חתן אַ וויינענדיגס, ער האָט זיך זיינס אין זינען!" לויפט דורך אַבעלמאַנען אַ געדאַנק דורכן קאָפּ, און ער פיהלט, ער האָט זיך שיר נישט אויסגערעדט, וואָס איהם

דריקט שוין אזוי שטאַרק זינט עטליכע וואָכען ... צו פערגלעטען זיין פעהלער זאָגט ער ווייטער:

— איטליכער נעהמט פאַר אַ משל, וואָס איז איהם נעהענטער צו דער האַנד: רעדט איהר מיט אַ בעל־עגלה, גיעט ער אייך אַלץ אַ משל פון זיין פערד און וואָגען; ווערט איהר ריידען מיט אַ שמיד, וועט ער אייך אַלץ צוגלייכען צו זיין האַמער און קאָוואַדלע. און זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, מסחר איז אויך אַ מלחמה צווישען דעם פאַבריקאַנט און דעם סוחר, צווישען דעם סוחר און זיין קונה, און נאָך מעהר מלחמה איז טאַקע צווישען סוחרים גופא מיט דער שלעכטער צייט. וואָלט טערקיי האָבען אַ פעסטען גרונד, זיין אַליין רייך און קיין קרעדיט וואָלט איהר אויך נישט פעהלען, וואָלט זי זיך אויסלאַכען פון די צייטווייליגע נצחונות איבער איהר. איז זי אָבער, לא עלינו, אַ גרויסע דלפנ׳טע, וועט זי מוזען באַנקראָטירען, און אַלטע און נייע בעלי חובות וועלען איהר די לעצטע קישעלעך אראָבנעהמען.

— ווען אָבער וועט שוין אַמאָל אַנ׳עק נעהמען? אַהין אָדער אַהער, אַנ׳עק זאָל עס האָבען! טהוט זיך איינער אַ זאָג, נכר וואָס ליעגט שוין גוט אין דער קלעם, און ער וואָלט שוין וועלען, עס זאָל שוין זיין וואָס עס מוז זיין.

— קיין סוחר קען נישט אויסרעכענען אפילו אין דער שלעכטער צייט די רגע, וואָס ער וועט זיך אָבשטעלען, ענטפערט אַבעלמאַן. פון האַפערס, באַנקראָטניקעס רייד איך נישט,—יענע קענען אייך אַפילו אין דער בעסטער צייט בעשטימען דעם טאָג און די רגע, ווען אויף זייער שילד וועלען זיך בעוויזען די עטליכע ווערטער: „פריהער דער און דער״,—מען שמועסט וועגען סוחרים עהרליכע... סוחרים, מיין איך, און נישט קיין פאַרכעס. אַ סוחר נישט קיין אָנזעצער וואַרפט זיך ווי אַ שלאַנג אַהין און אַהער, פון היץ אין קעלט און פון וואַסער אין פייער, מען באָרגט, מען לייהט, מען טהוט אַלץ וואָס מען קען, אַבי זיך נישט אָבצושטעלען. עס דאַכט זיך: מען וועט זיך דורכדרעהען, עס ווילט זיך דאָך

א סוחר בלייבען! ווי קען מען זאָגען, ווען דער סוף וועט זיין?... טערקיי, וואָס זי מאָג דאָרט זיין, א פירמע איז זי, און א מאוסען נאָמען אויף דער וועלט האָט זי אויך נישט געהאַט ביז איצט. אודאי ווילט זיך איהר נישט בלייבען שטעהן, אָט שטרענגט זי אָן די לעצטע כחות, וואַרפט זיך און דרעהט זיך, טאַמער, טאָמער... און אַז אפילו נישט טאָמער, קלערט זי אפשר, איז אַלץ שענער די לעצטע מיטלען אָנצעווענדען, חאָטש זי גלויבט אפשר שוין נישט, אַז די לעצטע מיטלען וועלען זי פון א באַנקראָט אַרויסדרעהען; אָבער זאָלען לייט נישט זאָגען, זי האָט נישט געטהון, וואָס מען האָט געקענט און געדאַרפט טהון, עס טהוט איהר אַ שיין אַמאָל די זון, דאַכט זיך איהר — מאָרגען־איבערמאָרגען וועט ווידער שיינען. אָט אַזוי ווייסט זי אַליין נישט, און די זייטיגע וועלט אודאי נישט, ווען עס וועט אַ סוף נעהמען...

— דערווייל אָבער ווערט מען דערשטיקט! זיפצט א קרעמער, וועלכער האָט זיך ביז איצט אין דעם געשפרעך נישט אַריינגעמישט.

— דערווייל איז ביטער! ענטפערט נאָך איינער.

— אַלץ הייסט ביטער! ביטער וואָס ביטערער קען שוין גאָר נישט זיין! זיפצט אַ דריטער און א פיערטער.

— א כלל, זאָגען עטליכע מיט אַמאָל: אַלעמען ביטער. עס דאַכט זיך, אַז אין אַזאַ צייט קען גאָר קיינעם נישט זיס זיין.

— יענעם סיידען, וואָס וויל זיך בענוצען מיט דער צייט... אַזאַ מינקין פאַרך, ער האָט אויך באַנקראָטירט! לעבען זאָל ער אַזוי, ווי די צייט האָט איהם אין עפּים אָנגערירט, אַזאַ כלב שבכלבים! טהוט איינער א זאָג.

— אייך אויך? פרעגט אַבעלמאַן.

— וואָס בין איך? כיון שנתנה רשות למשחית, איז מען נישט מבחין, צי מען זעצט אָן א סוחר אַבעלמאַנען, וואָס האָט כח צו דערטראָגען, צי מען זעצט אָן אַזאַ סוחר׳ל

ווי איך, וואָס איך קאָן עס בשום אופן נישט אַראָפּשלינגען, נישט דערוואָרגען צו ווערען ...

— וואָס קלערט איהר צו טהון? פרעגט אַבעלמאַן.

— וואָס קלערט איהר?

— בייז זאָל איך אַזוי ויסען! שווערט אַבעלמאַן — הויב אָן מיט די אַדוואָקאַטען, ווענסט די נאָך זיך מרבה הוצאה זיין און גאָרנישט אויספיהרען. עס איז ביטער אַזוי, און ביטער אַנדערש. און שולדיג זענען די סוחרים אַליין: ווען עס איז דאָ אחדות צווישען סוחרים, וואָלטען אַזעלכע מינקינס קיינמאָל אַזאַ יצר הרע נישט בעקומען אַ באַנקראָטעל צו מאַכען! מיינט איהר, מען וועט איהם צום סעזאָן קיין נייעם קרעדיט נישט געבען? אדרבה. „נאָך אַ שרפה ווערט מען רייך", זאָגט מען ביי יודען, און נאָך אַ אָנזעץ ווערט מען אַ בטוח, זאָגט מען צווישען סוחרים. מיר אַליין האָדעווען אויס אַזעלכע מינקינס, פריידקינס, צמחזאהנס, און די שדים ווייסען זיי ווי מען רופט זיי דאָרט. און וואָס זאָל מען פאַראיבעל האָבען? ווי מען זייעט, אַזוי שניידט מען; ווי מיר האַנדלען, אַזוי בעצאָהלט מען אונז!

— אָ=אָשמנו, ב-בגדנו! זינגט זיך אויס מיט דעם יום-כפור-נגון אַ יונגער סוחר, אַ שטיקעל לץ, וואָס אַלע ווייסען, ווי שמאָל ער שטעהט.

— עס קומט אויס, ווי יענער זאָגט: „טאַטע, דו לאַכסט, אַז איך און וועה איז צו דיין געלעכטער!" ענטפערט אָב דעם יונגען סוחר דעם לץ אַ סוחר, וואָס זיצט דערביי — ר' הילל איז דען טאַקע נישט גערעכט, וואָס ער זאָגט—מיר אַליין האָדעווען אויס אָנזעצערס?

— אמת, ווי גאָט איז אמת! חאַפּט זיך אַרויס נאָך איינער, וואָס פיהלט שוין אויך דעם חלף אויף זיין האַלז. שלאַנגען האָבען מיר אויסגעהאָדעוועט! מיר האָבען זיי, די קונים אונזערע, פאַר קרעמער, פאַר סוחרים געמאַכט, זיי זאָלען אונז אַליין דערנאָך דערווערגען, אויפעסען מיט הויט און ביין...

עפּיס אַ פּאָר דאַמען זענען אין קראָם אַריין, און דער שמועס איז אָבגעהאַקט געוואָרען.

---

## ו.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַריבערגעגאַנגען. אַ טאָג אַ הייסער, אַ ברענענדיגער אָהן אַ ברעקעל אַרבייט ערגעץ פּאַר אַבעלמאַנ׳ס פּריקאַזטשיקעס, און אַ טאָג—אַ רעגענדיגער, אָדער אַ קיהלער מיט כּלומר׳שט אַ צוויי-דריי איינצעל-קונים, וואָס גיבען צו לייזען עטליכע רובל, אָדער הייסען זיך נור ווייזען סחורה און קויפען גאָרנישט.

אין קראָם קומען אַריין סוחרים און קרעמער פון דער איינענער גאַס, סוחרים, וואָס האָבען נישט אין זייערע געשעפטען אין דער שטילער צווישען-סעזאָן-צייט וואָס צו טהון, און וואָס קענען שוין מיט זייער זאָרגען און קאָפּדרעהענישען מעהר נישט אויפטהון. און ווידער רעדט מען פון וועקסעלעך פּראָטעסטירטע, פון באַנקראָטען, פון שלעכטע צייטען, און דער עיקר — פון געשטערטען קרעדיט, וואָס דאָס איז אַ מכּה שלא כּתובה בתורת הסוחרים, דאָס איז טייטש: נישט נור די באַנק האַלט איין דעם קרעדיט, אָבער אפילו דיסקאָנטערען, פּראָצענטניקעס מאַכען קיין עסקים נישט מעהר, וויל טייל פון זיי ליגען אַליין אין דער אדמה און וועלען שוין אפילו קיין תּחית המתים נישט אויפשטעהן, און טייל מענה׳ן: „קיין וועקסעל און קיין נאַכנאַהמע אפילו איז היינט נישט זיכער״— און זיי לאָזען אַ גראָשען נישט אַרויס פון דער האַנד.

ווען מען איז אַזוי אין איין פריהמאָרגען געזעסען אויף בענקלעך און אויף די טישען און געשמועסט וועגען דער מלחמה אויפ׳ן באַלקאַן און אַרויסזאָגענדיג אַלערליי השערות, וואָס דאָ קען ווערען און צו וואָס דאָס קען פיהרען, איז אין קראָם אַריינגעקומען ביילין עפּיס מיט אַ צופרידענעם פּנים,

און האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַ אַ טיש און געקוקט אויפ׳ן בעל-הבית, מיט אַ מינע פון אַ שמײכעל.

מיט אַ שעה צוריק האָט איהם אַבעלמאַן דערלאַנגט אַ אינקאַסע-קוויט, געהן געוואָהר ווערען אין באַנק וויפיעל וועקסע-לעך זענען צוריק אַנגעקומען מיט אַ פּראָטעסט. אַז די וועקסעלעך זאָלען בעצאָהלט ווערען, האָט ער שוין גאָר נישט גערעכענט. ער האָט זיי אויף אינקאַסע אין באַנק אַרײנגע-געבען, ווײל דיסקאָנטירען זיי ערגעץ האָט ער מורא געהאַט, אַזוי וועניג האָט ער פון זיי געהאַלטען. עס איז איהם אפילו אַ שאָד געוועזען די עטליכע רובל, וואָס די באַנק נעהמט פאַר אינקאַסע, נור ווי שיקט מען עס נישט אַרײן אַ אויסגע-שטעלט וועקסעלע מיט אַ טערמין? זאָל חאָטש דער אויס-שטעלער קיין תירוץ נישט האָבען און זאָגען: „ווען מען וואָלט מיר דאָס וועקסעל אַרײנגעשיקט צום טערמין, וואָלט איך זיכער געהאַט בעצאָהלט; איצט, נאָכ׳ן טערמין, איז עס שוין אַ האַלבער חיוב — פּראָטעסטירען קען מען עס שוין סײ ווי נישט”. חאָטש באמת האָבען אַזעלכע אקצעפּטאַנטען פאַר אַ פּראָטעסט אויך קנאַפּ וואָס מורא.

נאָך מעהר האָט אַבעלמאַן געזשאַלעוועט די עטליכע רובל, וואָס ער האָט בײלינען, אין באַנק געהענדיג, מיטגע-געבען, כדי צו בעצאָהלען די פּראָטעסט-קאָסטען. דאָס הייסט געווים: „געלענט די לעבעדיגע אויף די טויטע”.

אַ קוק טהוענדיג, ווי בײלין האָט זיך אַזוי שטיל אַוועק-געשטעלט בײם טיש, אַ וואָרט איהם נישט זאָגענדיג, וואָס האָט ער פון באַנק געבראַכט צוריק, האָט אַבעלמאַן געמיינט: זיין פריקאַזטשיק שעמט זיך פאַר לייטען איהם אָבצוגעבען דאָס פּעקעל פּראָטעסטען, וואָס ער האָט בײ זיך. טאָמער פּאַסט נישט, לייט זאָלען וויסען וואָס אין געשעפט טהוט זיך.

— שעם זיך נישט! אוים חרפּה, גיב אַהער וואָס דו האָסט דאָרט בעקומען! ווער האָט עס נישט אין היינטיגע צײטען? האָט אַבעלמאַן צו בײלינען געזאָגט: האָסט געגנוג „שמות”?

— שענע שמות! האָב איך אַזעלכע שמות אַ פּאָר פּ! שמייכעלט ביילין און וויל נאָך אַלץ נישט אַרויסנעהמען דאָס געלד, וואָס ער האָט ערשט אין באַנק בעקומען. ער האָט פּשוט מורא, טאָמער בעט עמיץ פון די סוחרים אַ גמילות־חסד אויף אַ פּאָר טעג, און דערנאָך האָב אַ לויפעניש צו זיי צעהן מאָל אין טאָג, ביז מען רייסט פון זיי צוריק אַרוים!

— דו טרייבסט קאַטאָוועס, ביילין? פרעגט אַבעלמאַן אַ ביסעל פערדריסיג.

ביילין איז זיך אַ רגע מישב און ענטשליסט ביי זיך: „אַז ער וויל אַזוי, זאָל זיין אַזוי!" ער נעהמט אַרוים פון בוזים־קעשענע אַ פּעקעל בילעטען מיט עטליכע ראָלקעס גאָלד און זילבער, געהט צו צום קאַסע־קעמערל און דערלאַנגענדיג דעם שעף דאָס געלד מיט'ן אינקאַסע־קוויט, זאָגט ער:

— אָט דאָס הייסט ביי אייך קאַטאָוועס?

אַבעלמאַן נעהמט צו דאָס געלד; איידער ער צעהלט איבער, קוקט ער אַריין אין קוויט, כּדי צו זעהן, וועלכע וועקסעלעך עס זענען בעצאָהלט געוואָרען.

— אַ וועקסעלע בעצאָהלט געוואָרען? אינטערעסירט זיך אַ סוחר צו וויסען, וואָס פאַר אַ געלד דאָס איז.

— אַ וועקסעלע איינגעגאַנגען! ענטפערט אַבעלמאַן, צו־שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, און נעהמט זיך איבערצעהלען דאָס געלד.

— אַ בער איז געפּגר'ט אין וואַלד! רופט זיך אָב נאָך איינער פון די סוחרים, וואָס זיצען דאָ, אַבי די לאַנגע צייט אַריבערצושטופּען.

— וואָס עפּיס איינער? שמייכעלט אַבעלמאַן: גאַנצע פינף בערען זענען נעביך היינט געפּגרט אין וואַלד.

אַבעלמאַן האָט גיך דאָס געלד איבערגעצעהלט, אַריינ־געלעגט אין טיש־קעסטעל און גיך פערשלאָסען דאָס טיש־קעסטעל, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט, עמיץ זאָל ביי איהם נישט אויסחאַפּען.

כדי מען זאָל בײַ איהם קײן גמילות-חסד נישט פערלאַנגען, האָט ער אַראָפּגענומען פון שטעלער עטליכע צאָהלקוויטלעך, און האָט געזאָגט, אָנווײזענדיג אויף זײ:

— זעהט איהר, אויף וואָס דאָס געלד וועט מיר צו-נוץ קומען? מאָרגען אײנער, איבערמאָרגען — צווײ, פרײטאָג — דרײ; וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר!

— צי איז אײער מזל אָהן עין הרע אַזוי גרויס, צי זענען נאָך דאָ שוטים ערגעץ אויף דער וועלט, וואָס צאָהלען נאָך אָב אַ וועקסעלע פאַר סחורה? איך גלויב מײנע אויגען נישט! טהוט זיך אַ זאָג אַ סוחר, וואָס האָט נישט אַזאַ מזל מסתמא און וואָס די קונים זײנע זענען אַפּנים נישט אַזעלכע שוטים, ווי אַבּעלמאַנס.

— זאָגט אײך וואָס איהר ווילט, רופט זיך אָב אַבּעלמאַן, אַ ביסעל אויפגעמונטערט: איך גלויב אין השגחה פּרטית. אָט האָב איך אַ בּאַרג קוויטלעך, כּסדר אַ חודש נאָכאײנאַנדער אַלץ צו צאָהלען, און בּיז זאָל איך אַזוי וויסען, ווי איך ווײס, וואו ווער איך עס נעהמען! נור אַז עס קומט אַ טאָג פאַר'ן צאָהלען, שיקט מיר דער רבונו של עולם צו. יענע וואָך האָב איך בּעדאַרפט צאָהלען איבער דרײ טויזענד רובּל. פאַר אַ יאָהרען איז דאָס בּײ מיר אַ שמעק-טאַבּאַק געוועזען, נור הײ-יאָהר איז עס מיר טאַקי ווי אַ בּאַרג געלעגען אויפ'ן קאָפּ. וואָס טהוט גאָט? קומען אַרײן אַ פּאָר יונגע-לײט. אָנפאַנגערס, און קויפען זיך אײן בּײ מיר איטליכער זײן קרעמעל סחורה, און איך לײז פון זײ מזומן אַנ'ערך פון פונפצעהן הונדערט רובּל, חוץ נאָך אַמאָל אַזוי פיעל מיט אַ זיכערער נאָכנאַהמע אויף דאָס גאַנצע פּעקעל סחורה. נו, איז דאָס נישט אַ השגחה פּרטית? און איצט אויך אַזוי: איך האָב אַזוי גערעכענט די פינף וועקסעלעך זאָלען בּעצאָהלט ווערען, ווי איך קען איצט רעכענען, עס זאָל איצט אַרויספאַלען אַ שנײ פון קלאָרען הימעל. און מײנט איהר, ווער זענען דאָס די צאָהלער? קבּצנים, אביונים, אײנער גרעסער פאַר'ן אַנדערן: אַײזיק זינקאָווער, וואָס איך בּאָרג איהם צו נור פון רחמנות וועגען; נאָך אײנער — יצחק

צימבלער, פון אַ שטעדטעלע אַזוי גרויס ווי אַ טל ומטר; אַ דריטער — משה מענדעל פּיקהאָלץ, אַ מלמד, וואָס זיצט אין קנעלט און וואָס דאָס ווייב זיינס איז די אשת-חיל. זי פאָהרט איינקויפען און ברענגט דעם מאַנס זשירע אויף איהר וועקסעלע, און אַזעלכע גבירים — אַ האָהר נישט גרעסער — זענען די איבעריגע צוויי. נו, איז נישט אַ עולם הפוך? די נגידים: אַ פריידקין, וואָס האָט אַ רייכען טאַטען מיט אַ רייכען שוועהר, זעצט אָן; אַ מינקין אַ בעזדיעטניק, רייך ווי אַ פויער, לאָזט זיין וועקסעל צום פּראָטעסט, אַ בערלע הייליג, אַ פּייטעל דער גרינער, שלמה שניט-קרעמער און נחום עסיגזאַלץ, דורכאויס יודען מיט אייגענסען, בעצאָהלען אַ קאָפּיקע נישט, און גאָט ווייס, ווען מען קען גלויבען אויף אַ וועקסעלע, און ווען — נישט!

— הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, שפּרינגט אַראָב אַ יונגערמאַן אַ סוחר, וואָס זיצט דאָ אויף אַ טיש — עס איז היינט געוואָרען אַ וועלט, וואָס אַלע כללים זענען אַראָב. אַמאָל איז אַ כלל גדול געוועזען ביי אָפּטאָווע סוחרים: „האַנד-לען זאָל מען נור מיט די רייכע קרעמער". ווי דאָס איז, דער רייכער קען רעגולירען, אַ פּראָצענט אַרויף — אַ פּראָצענט אַראָב, צי מיט גוטען, צי מיט בייזען, עס איז דאָ ביי איהם וואָס צו נעהמען. אָבגערעגולירט, ווידער אַ בטוח, און דרעה ווייטער. וואָס אָבער קען מען נעהמען ביי דעם אָרימען קרעמערל? סיידען די נשמה זיינע. נור וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַנ'אָרימע נשמה, אַ צוריסענע, אַ צובלוטיגטע נעביך; אַ נשמה פון אַ קליין קרעמערל, וואָס איז אַ פערשמאַכטע און אַ אויסגעטריקענטע געוועזען אַפילו אין איהרע כלומרשט גוטע יאָהרען, בפרט אין דער רגע ווען זי הערט שוין אויף זיך צו צאַפּלען אַפילו? — ווען מען טויג אַזאַ נשמה, וואָס צו איהר זענען צוגעוואַקסען אַנ'אָרימע יודינע מיט פינף צי זעקס פּיצ-לעך קינדער, ווי דער שטיינער איז?... אודאי האָט מען פון אַזאַ קונה קיין גרויס נחת נישט געקענט האָבען. דאָס אָבער איז אַמאָל געוועזען, אַמאָל, אין יענע גוטע יאָהרען, ווען

איטליכער יוד האָט געלעבט, ווי גאָט האָט געבאָטען, דאָס הייסט: בעת קרעמער, סיי דער גרויסער, סיי דער קלייגער, האָבען געקוקט אויף זייער הכנסה, ווי זיי האָבען געקוקט אויף זייער הוצאה, אַז דאָס אַלץ קומט אַריין און געהט אַרויס פון זייער אייגענער קעשענע; דעריבער האָבען זיי געלעבט מיטאַ רעלעגוגג און ווי עס רעדט זיך: געשטאָרבען מיט ודוי. דער הייגטיגער קרעמער, וואָס זאָלען מיר זיין געגאַרט, אפשר דער הייגטיגער סוחר אויך, קוקט שוין גאָר אַנדערש: אויף די הכנסה פון זיין קראָם קוקט ער ווי אויף זיינס, אויף די הוצאה אָבער קוקט ער ווי אויף פרעמדס, אויף דעם סוחרס, הייסט עס, וועמענס סחורה ער האָט אויף קרעדיט. אויף דעם אַנדערנס איז מען נישט קאַרג, דעריבער מאַכט מען די הוצאה גרע־סער: מען וואוינט שוין אין אַ גרעסערער דירה, מען קויפט זיך שענער מעבעל, מען עסט אַ בעסערן מיטאָג; מען קליידט זיך רייכער, און מען גיעט אַ טאָכטער אַ גרעסערן נדן מיט אַ טייערער גאַרדעראָבע. מען לאָזט זיך דערקענען אין אַ מקום קדוש, מען קויפט די פעטסטע עליה, „הגבה און גלילה", און מען גיט אויך די גרויסע נדבה, ווער נור עס שטרעקט אויס אַ האַנד. ערשטענס, איז דאָס אַלץ אַ מעלה צום קרעדיט: זאָל דער סוחר וויסען מיט וועמען ער האָט צו טהון; צווייטענס, קלערט זיך דער קרעמער: טאָמער וועט פון דעם אַלעם ערגעץ אַ לאָך ווערען, האָב איך קיין גרעסערע דאגה נישט! יעדענפאַלס וועט די לאָך ווערען נישט אין מיין, נור אין דעם סוחר'ס קאַסע, וועמענס סחורה איך האָב אויף קרעדיט. דערווייל אָבער לעב איך מיר אַ גוטען טאָג!...

— אויף נאמנות, ער רעדט ביים וועג! שלאָגט איהם איבער די רייד איינער פון די צוהערער.

— ער רעדט מעניני דיומא! בעמערקט אַבעלמאַן.

— איך בעט אייך, שלאָגט מיך נישט איבער, בעט דער רעדנער — האָב איך אָנגעהויבען, מוז איך אויסריידען אַלץ, וואָס איך האָב נאָך צו דעררייד־ען. אַזאַ טבע האָב איך: הויב איך אָן, מוז איך ענדיגען.

— רייד וויפיעל דו ווילסט, וואָס קומט אָבער אַרויס פון ריידען? פרעגט איינער.

— אַז מען רעדט, דעררעדט מען זיך! ענטפערט אַבעלמאַן: נישט אַלע מאָל איז שווייגען בעסער.

— דאָס אַלץ, ווי דאָרט איז שוין, וואָלט נאָך אפשר די עולה גאָר נישט אַזוי גרויס זיין, הויבט אָן דער רעדנער ווייטער — ווי דאָס איז, דאָס געלד געהט נישט אַוועק אינגאַנצען לאבוד: אַ קינד מעהר נדן געגעבען, — האָט מען חאָטש דעם קינד גוטס געטהון; דעם ווייב געקויפט צירונג, — קען די צירונג דעם מאַן אַליין אין אַ שלעכטער צייט אויך צו-נוץ קומען; געקויפט אין שוהל אַ שענע עליה — האָבען די כלי קודש דערפון אַ הנאה. אפשר וועט מען אַמאָל אויף יענער וועלט די עליה מיט דער שענער נדבה פערשרייבען אויפ'ן סוחר'ס קאָנטע, וועמען דער נדבה-געבער האָט אויף דער וועלט אָנגעזעצט... ערגער אַ סך זענען גאָר זייטיגע הוצאות, וואָס אונזערע קונים ערלויבען זיך אויף אונזער חשבון. — פון אַזעלכע וואָס בסתר, וואָס ווייב און קינדער דאַרפען פון זיי נישט געוואָהר ווערען, וויל איך נישט ריידען! ריידען אָבער וויל איך פון די וויעטשערינקעס מיט קאָרטען, וואָס זענען איצט ביי יודען בכלל און ביי קרעמער בפרט אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע אַריין.

עטליכע צוהערער האָבען זיך איבערגעוואונקען איינער מיט'ן אַנדערן, ווי איינער רעדט: גערעדט און גערעדט, און איז געקומען צו אונז אויך!

— צו וועמען מען זאָל נישט אַריינקומען אין אָוועגד, סיי זומער, סיי ווינטער, געפינט איהר תמיד אַ מנין, צום ווענינגסטען — אַ מזומן יודען זיצען ביים טיש שטאַרק אַריינגעטהון אין קאָרטען-שפיעל. מען שפיעלט אַנ'אָקע, אַ סטוקעלקע, אַ טערטעלמערטעל, אַ באַנק, — עס האָט אַ שיעור וויפיעל נעמען די דאָזיגע טומאה האָט? עס שפיעלט דער מאַן דער קרעמער, דאָס ווייב די קרעמערקע. עס שפיעלען זיהן און טעכטער, איידימס און שניר. די בעלי-בתים שעמען זיך גיט אפילו

נישט צו שפּיעלען מיט זייערע אייגענע פּריקאָזטשיקעס, און מען שפּיעלט נישט ווי חנוכה ביז די חנוכה-ליכטלעך וועלען אויסברענען, — מען שעמט זיך נישט ביז אַ פּאָר שעה נאָך האַלבער נאַכט צו שפּיעלען. און וואָס קומט אַרויס דערפון? קומט מען אויף מאָרגען אין קראָם נישט אויסגעשלאָפען, חאַפּט דער קרעמער אַ דרעמעל און דער פּריקאַזטשיק, וואָס מען האָט איהם אויסגעלערנט און געמאַכט פאַר אַ קאָרטענ-שפּיעלער, חאַפּט דערווייל וואָס איהם טויג... און אויף וועמעס קאָנטע שפּיעלט מען דאָס אַזוי פלייסיג? ווען טהוט דער קאָפּ וועה פון די נישט-דערשלאָפענע נעכט? אודאי אויף אונזער סוחרישער קאָנטע! אודאי קרענקט אונזער קאָפּ פון די נישט-דערשלאָפענע נעכט! וואָרום אויך דער אייגענער חשבון: צום געווינען זענען מיר אפילו קיין שותפים נישט, צום פערשפּיעלען אָבער זענען מיר די גאַנצע בעלי-בתים.

— וואָס האָסט דו זיך פונאַנדערגע׳דרשנ׳ט דאָ, ווי אַ רעכטער בעל-דרש׳ער? קען זיך שוין מעהר נישט איינהאַלטען איינער פון די צוהערער, וואָס אַלע ווייסען, אַז ער האָט נישט פיינט אַ קערטעל.

— איטליכער קרעכצט פון דעם וועהטאָג, וואָס ער אַליין פיהלט! ענטפערט דער יונגערמאַן דעם סוחר רוהיג און געלאַסען: מיר טהוט וועה מיין קאָפּ, וואָס מיינע איינצעל-קונים דערשלאָפען נישט קיין נעכט צוליעב דעם קאָרטענ-שפּיעל, — קרעכץ איך; טהוט ערגעץ אַ פאַבריקאַנט וועה זיין קאָפּ, וואָס זיינע סוחרים דערשלאָפען, צוליעב דעם קאָרטענ-שפּיעל, קיין נעכט נישט, — זאָל ער קרעכצען!...

אַבעלמאַן האָט בעמערקט, אַז דאָ קאָן פון אַזאַ ווערטלען זיך אַרויס אַ סקאַנדאַל בייז איהם אין געשעפט, און כדי עס צו פערהיטען, האָט ער אַ זאָג געטהון: נו, און מיט וואָס איז דער קלענערער איינצעל-קרעמער בעסער?

— אודאי בעסער! רופט זיך אָב דער יונגערמאַן: דעם קליינעם קרעמערס אָרימקייט און נויט שיצען איהם, ער זאָל קיין פאַרך און בעל-עולה נישט בלייבען. הערט אויס

אַ מעשה: צו מיין ווייב ברענגט אַריין אַן'אָרימע יודענע מילך אַלע פריהמאָרגען. מיט עטליכע וואָכען צוריק האָט עפּעס די יודינע אויפגעהערט אַליין די מילך אַריינצוטראָגען און האָט עס אַלע פריהמאָרגען צוגעשיקט מיט איהר אַ קליין קינד, אַ מיידעלע פון צעהן יאָהר. אַ קוק־טהוענדיג אויף דאָס קינד, פלעגט דאָס האַרץ מיר פערגעהן פון רחמנות: אָבגעריסען, באָרוועס און פער'חלש'ט נעביך. „וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַמע, האָב איך געקלערט, וואָס האָט אַזוי קיין רחמנות נישט אויף איהר עלענד קינד?!" מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז די יודינע שוין ווידער געקומען, האַלט איך מיך נישט איין, און רייד איהר אויס, וואָס זי לאָזט איהר קינד געהן אַזוי נאַקעט און באָר־וועס. — „אַז איך וואָלט האָבען, מיין ליעבער העהר, ענט־פערט די יודינע, וואָלט איך אודאי פאַר מיין קינד נישט קאַרג זיין". — „איהר פערקויפט דאָך מילך נישט פון מצוה וועגען, זאָג איך צו איהר, איהר פערדיענט דאָך מסתמא פיעל־וועניג, נעהמט מען אַראָב צו גילדען אַ טאָג און מען מאַכט אַ קינד אַ קליידעל!" — „אַז איך פערדיען שוין יאָ דעם גילדען, ענטפערט די יודענע, מוז איך אויסגעבען אויף קלייען און היי פאַר מיין קוה." — „איז אייך אייער קוה ליעבער ווי אייער קינד?" פרעג איך. — „וואָס רעדט איהר! גאָט איז מיט אייך! וואונדערט זיך די יודענע. גאָר גלייך אַ קוה צו אַ אייגען קינד! וואָס האָט געזאָלט זיין צו מיין קינד, זאָל אויסגעהן צו דער קוה! אָבער דער קוה די קלייען מוז איך קויפען און געבען, אַז נישט—גיעט זי קיין מילך נישט; און אַז זי גיעט קיין מילך נישט, האָב איך פאַר זיך און פאַר'ן קינד אפילו קיין ברויט אויך נישט!"

— איהר פערשטעהט אַ מעשה? ווענדט זיך דער יונגער־מאַן צו זיינע צוהערער: די יודענע האָט די קוה דוקא נישט אַזוי ליעב, נאָר קלייען און היי מוז זי איהר געבען צוליעב דעם שטיקעל ברויט, וואָס זי פערדיענט פון איהר מילך פאַר זיך און פאַר'ן קינד...

— דאָס, ברידער, איז דער משל, און דער נמשל איז:

דער אָרימער איינצעל-קרעמער און טאַקע מיר סוחרים אַליין— פאַר דעם אָרימען קרעמערל, זענען מיר אַ קוה, ער מוז אונז קלייען און היי געבען, דאָס הייסט: בעצאָהלען, וואָס אונז קומט פון איהם, מיר זאָלען איהם ווייטער סחורה געבען, ער זאָל דורך איהר זיין ברויט פערדיענען. פאַר דעם רייכען קרעמער אָבער זענען מיר נישט מעהר ווי אַ געבאָרגט פערד אויף איהם שפּאַצירען ארויספאָהרען אין דער וועלט, וואָס פאַר היי און האָבער דאַרף מען נישט זאָרגען. „ווערט דאָס פערד פאַלען, ווערט זיך געפינען אַנ׳אַנדער פערד, קאַרג פערד זענען דאָ אויף דער וועלט?״ — קלערט זיך אַזאַ פאָהרער...

— זאָג-זשע מיר, ר׳ נח׳ל, רופט זיך אָב אַ סוחר פון דער קאָמפּאַניע צום יונגענמאַן: אַז דו ביזט יאָ אַזוי קלוג און קענסט אַזוי גוט דעם אָרימען און רייכען קונה, פאַר וואָס האָסטו אין דיין געשעפט צו טהון מיט די רייכע קונים? ווער הייסט דיר זיין ביי זיי אַ געבאָרגט פערד? זיי בעסער ביי דעם אָרימען קרעמערל אַ מעלקענדיגע קוה!

— גערעכט זענט איהר, ענטפערט דער יונגערמאַן: נור מיט מיר איז אויך די אייגענע מעשה ווי מיט בערל מלמד און דעם „קאָזאַק״: „בערל, שרייט צו איהם נאָך אַ מלמד, וואָס טויג דיר אַ משא ומתן צו האָבען מיט אַ קאָזאַק? לאָז איהם אָב, און זאָל ער געהן אין אַלע רוחות!״ — „שוטה, ענטפערט איהם בערל צוריק, דער קאָזאַק האַלט מיך!״...

— דער היוצא מדברינו איז, בעמערקט אַבעלמאַן, אַז מיר סוחרים זענען אַמאָל אַ קוה און אַמאָל — אַ פערד; קיין מענשען אָבער זענען מיר, ווייזט אויס, קיינמאָל נישט.

— און וואָס עפּעס מיר סוחרים אַליין? פרעגט דער יונגערמאַן—און וואָס איז דער פאַבריקאַנט, מיינט איהר? זה לעומת זה עשה הקדוש ברוך הוא: ער האָט בעשאַפען סוחרים אויף דער וועלט מיט צווייערליי קונים, האָט ער כנגד זה

בעשאַפען פאַבריקאַנטען מיט צווייערליי סוחרים... און וואָס ווילט איהר נאָך?

— אויב דו מיינסט דאָס מיך, רופט זיך אָב אַ סוחר, וואָס האָט שוין אַ פּאָר מאָל געפּרובט נישט בעצאָהלען זיינע פאַבריקאַנטען אין מאָסקווע און אין לאָדז—אויב מיך מיינסטו, ביזטו אַ שייגעץ!

— אפשר אַ שייגעץ, ענטפערט דער יונגערמאַן, אָבער אַנ׳אמת זאָג איך!

— פע, וואָס איז דאָס? דאָ איז דאָך נישט קיין מקום קדוש! פּאַסט עס פאַר סוחרים? מישט זיך אַריין אַבעלמאַן, וואָס וויל צו קיין סקאַנדאַל נישט צולאָזען.

— איך בין נישט מחויב צו וויסען, וועמען עס קוועטשט דער שוך. איך האָב מיר נור אַ משל געזאָגט, וואָס האָט ער זיך אַרויסגעהאַפּט, ווי אַ נאַר פון באָד אַרוים?

— ביזט נאָך אַנ׳ערץ־עזות־מחוצף־פּנים אויך דערצו! שרייט יענער, גרייט זיך צו וואַרפען חאַטש שלאָגען פאַר אַזאַ בעליידיגונג.

— זאָל זיין געגוג, איך בעט אייך! שרייט אַבעלמאַן און שטעלט זיך צווישען דעם סוחר און דעם יונגענמאַן.

— און אייך, נח, זאָג איך, ווענדט זיך אַבעלמאַן צום יונגענמאַן—איהר זענט נאָך יונג, איהר רעדט גאַנץ שען, עס איז אָבער היינט אַ צייט אויף דער וועלט, וואָס קוקען און שווייגען איז נאָך שענער איידער ריידען, ווייל מען ווייסט איצט גאָר נישט, מיט וועמען מען רעדט און וועמען מען טרעפט. „סיג לחכמה — שתיקה”.

— גלויבט מיר, הערר אַבעלמאַן, איך האָב קיין כּונה נישט געהאַט עמיצען צו טרעפען. פאַרוואָס זאָלט איהר נישט אַ קלער טהון, אַז מיין אייגענעם ווערהטאָג האָב איך מיר פון האַרצען אַראָבגערעדט? כּדי די היינטיגע צרות צו פיהלען, ברויך מען גאָר נישט אַזוי אַלט זיין ווי איין אַנדערער. איך בין ערשט דרייסיג יאָהר אַלט, און עס ווייזען זיך שוין גרויע האָהר ביי מיר אין קאָפּ!

דאָס געשפּרעך האָט אויפגעהערט, און דער עולם איז זיך צוגאַנגען איטליכער צו זיין געשעפט אוי צו זיינע צרות און דאגות.

---

## ז.

כל זמן עס האָט זיך נאָך ווי עס איז געקירעוועט אין געשעפט, האָט זיך אַבעלמאַן איינגערעדט, אַז ער גלויבט טאַקע אין השגחה פּרטית. גאָט אַליין, האָט ער געמיינט, מישט זיך אַריין אין זיין געשעפט און פיהרט איהם אַרויס פון דער בלאָטע, אין וועלכע די שלעכטע צייט האָט איהם אַריינגעשטויסען. שווער אַפילו אויף נסים זיך צו פערלאָזען, און אַז עס לויפט אונטער אַ צאָהלונג אין באַנק און אין קאַסע איז האַלב, אָדער אַמאָל אויך אינגאַנצען פּוסט, דרעהט אַבעלמאַנען גוט דער קאָפּ, און ער מאַכט פּלענער ווי דאָס וועקסעלע צו בעצאָהלען. נור באין ברירה, האָט נאָך ביז איצט דער רבונו של עולם זיין השגחה נישט אָבגעטהון פון איהם, און שיקט איהם שוין זיין נישט=געריכטע הילף אַמאָל אין דער געשטאַלט פון אַ נישט-ערוואַרטעטען פּריון מזומן, און אַמאָל שיקט גאָט אַ מחשבה אַריין ערגעץ איינעם אָדער עטליכע פון זיינע קונים, וואָס זייערע וועקסלען איז אין היינטיגע צייטען קיין גראָשען נישט ווערט, אַז זיי, די קונים, זאָלען אַרגע משוגע ווערען, און די וועקסעלעך זייערע דוקא בעצאָהלען. הכלל, גאָט דרעהט אַבעלמאַנס רעדעל, און אַז ער זאָל נור ווייטער נישט אָבטהון זיין חסד, וועט ער, אַבעל-מאַן, ווי עס איז זיך אַרויסדרעהען און בלייבען אויפ'ן פּלאַץ מעשה סוחר.

נור אָט זענען שענע עטליכע טעג אַריבער, און עס הויבט זיך אַבעלמאַנען אָן צו דאַכטען, אַז דער רבונו של עולם האָט זיך ווי איינגעמידט דרעהען זיין רעדעל. דער „ראַזסילנאַי“

פון באַנק ברייננט אריין אַלע טאָג פרישע צאָהל קוויטלעך. די דיסקאָנטערען האָבען אויך טענות: ווי לאַנג איז נאָך דער שיעור, עס זאָלען זיך וואַלגערן ביי זיי זיינע דיסקאָנטירטע נאַכנאַהמעס, וואָס ווערען נישט אויסגעלייזט. און נאָט קוקט און שווייגט. נישט קיין פדיון פון ערגעץ, נישט קיין אינקאַסאָ-וועקסעלע ווערט בעצאָהלט.

— וואָס וועט דערפון זיין? פרעגט זיך שוין אַבעלמאַן און די הויט הויבט איהם אָן ציטערן אויפ'ן לייב פון דער מחשבה, וואָס דערפון קען חלילה ווערען.

דער עיקר ציטערט ער פאַר יענע וועקסעלעך אין באַנק און פאַר יענע נאַכנאַהמעס ביי די דיסקאָנטערען, וואָס זענען איצט שוין לחלוטין קיין גראָשען נישט ווערט: איינער אַ גרויסער קונה, וואָס איז דוקא אַלע מאָל רעיעל געוועזען, האָט געקויפט ביי איהם אַ קראָם סחורה אויף אַ שענע פאַר טויזענד קערבלעך, העלפט — וועקסעל, העלפט — נאַכנאַהמע. די וועקסעל האָט אַבעלמאַן צוגעשטעלט, צווישען אַנדערע, אין באַנק, און די באַנק האָט זיי דוקא דיסקאָנטירט. די נאַכנאַהמעס האָט ער פערטהון ביי יודישע דיסקאָנטערען. דאַכט זיך, גוט וואָס גוט הייסט. דאַרף דען אַ סוחר, וואָס האָט אייגענע וועקסלען צו צאָהלען נאָך וואָס בעסערס, ער זאָל זיך קענען קירעווען דורך קונדישע וועקסלען, אָדער נאַכנאַהמעס? נעהמט אָבער יענער, וואָס האָט די סחורה געקויפט, און טהוט אָב די גרויסע נאַרישקייט און מאַכט אַ שטאַרב אַוועק נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט די נאַכנאַהמע אויף דער באַהן צו בעצאָהלען און די סחורה אַראָבצונעהמען... נאָך איינע אַזאַ נאַכנאַהמע האָט אַבעלמאַן ביי די דיסקאָנטערען, וואָס דער קונה האָט גאָר געמאַכט דעם „ויברח" קיין אַמעריקאַ, און געה שיק איהם אַ בית-דין-שמש...

מילא, אין גוטע יאָהרען איז איטליכער סוחר צו אַזעלכע זאַכען געוועהנט. נישט אומזיסט זאָגט מען צווישען סוחרים, אַז עס איז נאָך ווענינ וואָס מען קען קויפען און פערקויפען. אום אַ רעכטער סוחר צו זיין, מוז מען פריהער קענען זיין

אַ גוטער חזן! דאָס הייסט, אַ שליח צבור, וואָס איז מתפּלל פאַר לייטען מעהר ווי פאַר זיך אַליין. און עס איז שוין לאַנג ידוע, אַז בעת אַ סוחר שטעהט שמונה עשרה, בעט ער גאָט מיט׳ן גאַנצען האַרצען, זיינע קונים זאָלען געזונד זיין, זייערע ווייבער זאָלען זיך נישט איינרעדען, אַז זיי זענען נישט געזונד און מוזען פאָהרען קיין מאַריענבאַד... ער בעט גאָט, די קונים זאָלען לייזען, זייערע פריקאַזטשיקעס אין קראָם זאָלען קיין גנבים נישט זיין, און אויב זיי אַליין, די קרעמער, הייסט עס, שפּיעלען אין קאָרטען, זאָל זיי גאָט צושיקען נור מלכים און טייז. און דער עיקר בעט דער סוחר דעם רבונו של עולם, ער זאָל די קונים דאָס לעבען שענקען, זיי זאָלען נישט שטאַרבען חלילה איידער זיי קויפען אויס די נאַכנאַהמעס און איידער זיי בעצאָהלען די וועקסעלעך. און נאָך מעהר בעט דער סוחר, ער, דער רבונו של עולם, זאָל אָבהיטען די קונים פון אַ בייזער מחשבה צו וועלען מאַכען די קונץ ווי אַנדערע מאַכען, אָדער גאָר מאַכען אַ ויברח קיין אַמעריקאַ.

אַזאַ חזן און שליח צבור איז אַבעלמאַן זיכער אויך געוועזען, אָבער וואָס העלפט עס? גאָט האָט זיין תפלה, אַפּנים, נישט אָנגענומען, און איין קונה איז געשטאָרבען, דער אַנדערער — אַנטלאָפען קיין אַמעריקאַ, און ביי איהם, אַבעלמאַנען, זענען געבליבען זייערע וועקסלען מיט זייערע נאַכנאַהמעס, וואָס זענען איצט אַ פּרוטה אחת נישט ווערט.

און וואָלטען זיי האָטש זיין ביי איהם! צום אומגליק זענען זיי שוין דיסקאָנטירט, און פון דעם געלד, וואָס ער האָט אויף זיי בעקומען, איז שוין לאַנג קיין זכר נישטאָ. אין גוטע יאָהרען, מאָהלט איין, פאַלט אַ סוחר דערפון נישט אַראָב: מען שטעלט צו די נאַכנאַהמע דער באַהן, מען ציהט די סחורה צוריק, און מען קומט אָב מיט עטליכע רובל היזק, וואָס די פּראַכט אַהין און צוריק קאָסט. אפילו אַז די נאַכנאַהמע איז ערגעץ שוין פערטהון געוואָרען, קען זיך אַ סוחר אַנ׳עצה געבען ווי די נאַכנאַהמע צוריק צו בעקומען. אָבער איצט אין דער קריזיס-צייט, וואָס איטליכער סוחר ווערט פּשוט

דערשטיקט פאַר אַ רובל, און מיט נסים בעצאָהלט מען אייגענע וועקסעלעך, וואו נעהמט מען אַזאַ סומע געלד נאָך אַרויסצו־נעהמען די נאַלנאַהמעס ביי די דיסקאָנטערען, און אָנגרייטען אויף צו צאָהלען דעם געשטאָרבענעם אָדער אַנטלאָפענעם סוחר׳ס וועקסעלעך אין באַנק?

מיט די דיסקאָנטערען, טרייסט זיך אַבעלמאַן, איז נאָך די סכנה נישט גרויס. מיט אַ יודען קען מען נאָך אַלץ מאַכען: נעהמט מען ביי איהם צו די נאַלנאַהמע, און מען רוקט איהם אַריין אַ וועקסעלע, אָדער מען בייט אַ וועקסעלע אויף אַ וועק־סעלע, אַ נאַלנאַהמע אויף אַ נאַלנאַהמע, „אנסיכה“ אויף „אהללה“ און אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע. פאַלט מען אָבער אַריין צו זיי אין די הענד, דאָס הייסט, האָט מען מיט דער באַנק צו טהון, איז טאַקי „והידים ידי עשו“: אַ חאַפּ פאַר׳ן גאָרגעל, מעגסט דו חאָטש זיין אַבעלמאַן דער סוחר, אָדער מי יודע וועד, פּראָטעסט! שטרעק אַרויס די צונג און שטאַרב אָהן ידוי אפילו...

און דער מוח טריקענט ביי אַבעלמאַנען, טראַכטענדיג אַ פּלאַן ווי זיך דאָ אויסצוקעהרען.

„רבונו של עולם, שרייט זיין האַרץ צו גאָט: איך ווייס דאָך, אַז סוף כל סוף וועסט דו מיך פון בלאָטע אַרויספיהרען, ווי דו האָסט מיך אַרויסגעפיהרט ביז איצט, דו קענסט דאָך די קונצען, אַז דו ווילסט נור! אָט פּרוב, שיק אַדרבה אַריין אַזאַ דעה מיינע קונדען: משה צאַפּניק, זיידעל בוניצער, ברוך כהן, געצעל דעם לאַנגען און בערעלע שאָסקעס — אינאיינעם קומט מיר פון זיי איבער פיער טויזענד רובל — אַדרבה, גיב זיי אַזאַ מחשבה, זיי זאָלען משוגע ווערען אַלע אין איין טאָג, און זאָלען צום טערמין, וואָס איז אין דריי טעג אַרום, אָבצאָהלען זייערע וועקסעלעך, און איך זאָל מיך קענען אויסדרעהען... בעוויז אַדרבה וואָס דו קענסט. איך בעט דיך נישט פאַר זיך, נור פאַר מיין עהרליכען נאָמען. מיין געלד — אַ כפּרה, קיין לייטיש געלד וויל איך נישט פ:ריהרען“

און מען מוז מודה זיין, אַז טאַקע נור אום זיין נאָמען

איז איהם געגאנגען. ער, אבעלמאן, וואס זיין ווארט אין דער סוחר'ישער וועלט, איז אזוי גוט ווי א וועקסעלע געווע־זען׳ און זיין וועקסעלע — אזוי גוט ווי מזומן־געלד ; ער, וואס האט ביי די פאבריקאנטען אין מאסקווע און לאדז א נישט־בעגרענצטען קרעדיט אין סחורה, וואס ער האט קיינמאל נישט געוואלט נעהמען מעהר אלס זיין געברויך ; ער, וואס איז צווישען סוחרים דער אריסטאקראט געוועזען, און פלעגט שטענ־דיג זאגען, אז נור א שווינדלער, וואס לעבט און האנדעלט אהן א רעכענונג באנקראטירט — ער וועט איצט דארפען ריידען מיט פאבריקאנטען, מיט דער באנק און מיט דיסקאנטערען וועגען רעגולירען, אדער האטש זיי בעטען מטיב זיין, איהם פראלאנגירען ? ניין. אזוינס, דאכט זיך איהם, וועט ער נישט אויסהאלטען. און ער קלערט נור, האטש אין איין העמד ארויס פון געשעפט, אבי לייטען בעצאהלען צו דער צייט, אהן א שום רעגולאציע, אדער פראלאנגאציע.

מען קען נישט זאגען, אז ער איז אלע מאל אזוי גלייכגילטיג געווען, וואס זיין אייגענער קאפיטאל געהט צו גרונד. אין אנהויב פלעגט ער זיך שטארק צום הארצען נעה־מען. ווען עס פלעגט איהם אנקומען א נישט־געריכטער פראטעסט.

„א רים אין הארצען, פלעגט ער פאר זיך אליין איבער־רעדען : פאר זיך איז מען קארג, א קינד מיט א שענער מתנה צו א רגל, אדער צו א געבורטס-טאג צו דערפרעהען פערגינט מען זיך נישט, און פאר אל'די שדים און רוחות איז דא״!

נור ווען די פראטעסטען האבען אנגעהויבען ווי א שנייי פון הימעל צו פאלען, און ער האט זיך ארומגעקוקט, אז פון אייגענעם קאפיטאל איז שוין כמעט א רובל נישטא, האט ער זיך אנגעהויבען טרייסטען : א כפרה מיין געלד, אבי לייטען, האף איך, נישט אנריהרען. מען קען אפשר טאקע קיין גאנ־צער סוחר נישט זיין, ביז מען לערנט זיך ניט אוים גלייכגילטיג צו צוקוקען ווי אייגענע מזומנ'ע הונדערטער ווערען פערוואנ־דעלט אין וועקסעלעך מיט פראטעסטען, וואס וועלען אפילו

קיין תחית המתים נישט אויפשטעהן. מיין דאגה? נישט דער איינענער קאַפּיטאַל איז דער עיקר פאַר אַ סוחר, נור דער נאָמען זיינער! פערלירט מען דעם קאַפּיטאַל, קען מען אָבּ־פערדיענען, פערלירט מען חלילה דעם נאָמען בּיי לייטען, איז אוים סוחר!

דאָס ווייבּ זיינס, אַ פרומע יודינע, אַ גרויסען רבּ'ס אַ טאָכטער, האָט זיך אין אַבּעלמאַנ'ס געשעפט קיינמאָל נישט געמישט. אַ פרומע גוטע בּעל־הבּית'טע אַלעמאָל געוועזען, אַ געטריי ווייבּ און אַ צערטליכע מוטער צו איהרע קינדער. קיין איבּריגס האָט זי אין איהר לעבּען פון איהם נישט פער־לאַנגט. חוץ וואָס איז נוגע צום שטוב און פאַמיליע, האָט זי איהם קיינמאָל קיין דעות נישט געזאָגט, און וואָס האָט ער, אַלס אַ יוד אַ סוחר פון פריהערדיגען שניט, געקענט פון איהר פערלאַנגען נאָך מעהר?

נור איצט וואָלט זיך איהם זעהר וועלען, אז זיין ווייבּ זאָל זיין עפּים מעהר אַלס אַ אשה צנועה אַליין. מיט זיינע קינדער קען ער זיך אודאי נישט בּעראָטען. ערשטענס, זע־נען זיי גאָר ווייט פון איהם, קיינער פון זיי איז אין דער איינענער שטאָדט נישט געבּליבּען; און צווייטענס, זענען זיי היינטיגע קינדער, מיט אידעען, מיט פּרעטענזיעס, האָבּען העכערע אידעאַלען אין דער וועלט, אַלס אַנ'אָנשטענדיגער סוחר צו זיין און פאַר'ן עהרליכען סוחרישען נאָמען צו דאגה'ן. מיט איהר, מיט דער אַלטער זיינער, וואָלט ער זיך קענען מישב זיין, פאַר איהר חאָטש זיין שווער הארץ אויסריידען, אַלע זיינע בּעהאַלטענע וואונדען איהר אָבּדעקען, וואָס טאָקע נור פאַר אַ געטריי ווייבּ קען מען אַזוינס טהון. גוטע בּרי־דער, אין היינטיגע צייטען, טאָר מען גאָר נישט געבּען צו פיהלען, וואו דער שוך קוועטשט. אָבּער זי, די אַלטע זיינע, הויבּט בּאַלד אָן איהם צו טרייסטען מיט איהר גרויסען בּטחון אויף דעם וואָס לעבּט אייבּיג, און אויף דעם זכות פון איהר פאָטער דעם גרויסען צדיק, און אויף דעם זכות פון די מעשים טובים פון איהר מוטער די צדקת, וואָס לעבּען שוין לאַנג

נישט. און מיט דעם זאָל ער, אַבעלמאַן, געטרייסט זיין? מיט דעם אַ וועקסעלע צאָהלען, אָדער חאָטש אַ נאַכגאַהמע פון אַ דיסקאָנטער צוריק אַרויסנעהמען?

אַמאָל ווערט ער אויפגערעגט, אַז זי זאָגט איהם: ווענסט זעהן מיין מאַן, אַז גאָט וועט דיך נישט פערלאָזען. מיינע הייליגע טאַטע-מאַמע וועלען זיך מיהען דאָרט פאַר דיר, און אויסבעטען מיט זייער זכות אַלץ וואָס דו פערלאַנגסט. און אַמאָל, דאַכט זיך איהם, ווערט איהם דאָס האַרץ טאַקע גרינ־גער, און עפּעס ווי אַ שיין האָפנונג טהוט איהם פון ערגעץ, חאָטש ער ווייסט נישט פון וואַנען.

אָט זיצט ער מיט זיין ווייב, און זי דערמאָהנט איהם וואָס פאַר אַ טייערער איידים ער איז געוועזען: קיינמאָל שוועהר און שוויגער נישט מעיז פנים געוועזען, אַלעמאָל מיט זיי זיך מישב געוועזען וועגען אַלע זיינע ענינים.

— נישט שוין, זאָגט זי, האָבען זיי, דער טאַטע און די מאַמע מיינע, אין זייער ליכטיגען גן־עדן דאָס אַלץ פער־געסען? זיי זיכער, מיין מאַן, זיי געדענקען עס גאַנץ גוט, און זיי וועלען דיר דערפאַר בייסטעהן מיט זייער זכות אין דיין איצטיגער נויט!

אַבעלמאַן הערט עס צו, פערגעסט אַ רגע זיין שטענדיגע קאָפּדרעהעניש, און דערמאָהנט זיך, ווי אַנדערש איז ער טאַקע געוועזען קעגען זיין שוועהר און שוויגער, אַלס עס זענען איצט קעגען איהם זיין איידים און זיין שנור די דאָקטאָרין-פילאָזאָף אין אויסלאַנד, דעם קליינשטעדטילדיגען מלמד׳ס טאָכטער!

נאָר איינמאָל, דערמאָהנט ער זיך, האָט ער העזה געהאַט דעם שוועהר, דעם רב, צו ענטפערן: איך בעט אייך, שוועהר, מישט זיך נישט און מיינע מסחר־ענינים, אין מסחר שטעקט אויך אַ גאַנצער לימוד, און אַז מען לערנט נישט, קען מען נישט.

— מיר זאָגסט דו, אַז איך פערשטעה נישט קיין מסחר־ענינים? געדענקט אַבעלמאַן, האָט דער שוועהר, זכר צדיק לברכה, איהם אָבגעענטפערט מיט רוגזא: ביסט דו דאָך מיין

זוהן, גאָר אַ יונגעל, און ווייסט גאָר נישט, וואָס אונזער תורה הקדושה איז! הפך בה והפך בה דכלה בה. אַלע שבע חכמות און אַלע שבעים לשון, אפילו מסחר אויך. די תּגרי לוד אין גמרא האָבען אודאי פערשטאַנען וואָס מסחר איז? הלואי פערשטעהסט דו אַזוי פיעל, וואָלסט דו אפשר זיין דער גרעס-טער סוחר אין דער וועלט. און זעהסט דו, צו עלף יאָהר בין איך שוין אַליין דורכגעגאַנגען די סוגיא תּגרי לוד אין בבא מציעא, מיט׳ן גרויסען תּוספות, מיט רש״י און מיט׳ן מהרש״א און מהר״ם שי״ף אפילו. זאָגסט דו מיר, אַז איך האָב קיין ידיעה נישט אין מסחר, און איך דאַרף מיר נישט אַריינמי-שען אין דיינע עסקים?

אַבעלמאַן טהוט אַ שמייכעל, אַז ער דערמאָהנט זיך עס. מילא, רעדט ער צו זיך, וואָס האָט אַ פּאַרצייטיגער רב מעהר געקענט וויסען פון מסחר, ווי פון די תּגרי לוד אין דער גמרא? אַ היינטיגער רב פערשטעהט די תּגרי לוד אויך נישט, האָטש ער האָט די גמרא געלערנט. אַ קליין שייגעצעל אין אַ מאָס-קווער קראָם, וואָס האָט די תּגרי לוד אודאי נישט געלערנט, פערשטעהט אין מסחר אַמאָל מעהר ווי דער גרעסטער רב. נאָר דאָס האָט נישט דערצו. אַ קלוגער יוד איז ער געוועזען, דער שוועהר, און אַ גדול בישראל—אודאי—צו אַ שידוך איז דאָס קיינמאָל קיין חסרון נישט געוועזען, אָבער צו אַ וועקסעלע צאָהלען איז דאָס נאָך אפילו היינט קיין מעלה נישט.

דאָס אַלץ איז בלאָטע, וואַנצען און אַ נעכטיגער טאָג! גיעט ער זיך אין מיטען אַ חאַפּ אויף, און געהט פון זיין היים צוריק אין קראָם אַריין, דאָרט ווייטער טראַכטען, דאגה׳ן און האָפען, טאָמער וועט גאָט פאָרט טהון אַ נס און איהם ווייזען אַ דרך, ווי פון דעם פלאָנטער זיך אַרויסצעוויקלען.

---

## ח.

אויב אַבעלמאַן האָט נאָך אַ שטיקעל האָפנונג געהאַט, איז די האָפנונג געווען: נישט אויף דעם זכות פון זיינע טויטע שוועהר-און-שוויגער, נאָר אויף דעם ביסעל מזומן פון זיינע לעבעדיגע מחותּנים, די עלטערן פון דעם יונגערן איי־דים, וואָס רעכענען זיך פאַר גבירים אין זייער שטעדטיל.

עס איז איהם אָפילו זעהר שווער אָנגעקומען, איידער ער האָט זיך ענטשלאָסען צו צופאַלען צו זייער הילף; ער איז אַלע מאָל צו שטאָלץ געוועזען געגען זיי, און איצט דאַרף ער צו זייער לאַסקע אָנקומען! נאָר „נויט ברעכט אייזען", — און זי האָט זיין שטאָלץ אויך געבראָכען.

און איין שענעם אָוועגד האָט ער דעם מחותּן זיינעם אָנגעשריבען אַ בריוועל, אין וועלכען ער האָט איהם בעשריבען דעם איצטיגען קריזיס בכלל און פאַר סוחרים בפרט. דערביי האָט ער איהם פאָרגעשטעלט זיין אייגענע געדריקטע לאַגע. נאַטירליך נישט מיט די אַלע שווארצע פארבען, ווי זי האָט זיך ביי איהם אַליין אין מח אויסגעמאָלט, נאָר אַזוי ווי ער ליידט, נישט אַזוי פון די היזוקות, נאָר פון דער געלד־ענג־שאַפט, על כּן אויב דער מחותּן וויל איהם טהון אַ טובה, וואָס ער, אַבעלמאַן, וועט איהם קיינמאָל נישט פערגעסען, און אויב ער וויל איהם טאַקע דערהאַלטען ביים געזונד און לעבען, זאָל דער מחותּן זעהן צו בעקומען פאַר איהם אַ קרעדיט חאָטש אויף דריי־פיער חדשים צייט; אויף לענגער ברויך ער גאָר נישט, און דוקא נישט מי יודע וואָס פאַר אַ סומע, — בסך־הכּל פון זעקס ביז אַכט טויזענד רובל.

בעוואָרעניש קען ער איהם אַרויסשיקען וואָס ער פערלאַנגט. וויל דער מחותּן וועקסלען, וועט ער איהם שיקען וועקסלען; וויל ער שוה כּסף, קען ער איהם אַריינשיקען קוראַנטע סחורה פאַר דער סומע מיט נאָך אַ היבשען עודף, ער, דער מחותּן, זאָל גאָר זיכער זיין.

„מיט עטליכע חדשים צוריק, וואָלט איך וועגען אַזאַ

טובה אייך גאָר נישט בעאונרוהיגט, האָט איהם אַבעלמאַן געשריבען: די בענק פלעגען נאָך געלד אַרויסגעבען אויף אַ משכון סחורה. נאָר מיט עטליכע חדשים צוריק האָט מיר קיין אייגען מזומן געלד נישט געפעהלט, און עס איז מיר גאָר אויפ'ן זינען נישט אַרויף, אַז עס קען קומען אַזאַ צייט, וואָס מיר, מיר אַבעלמאַן דער סוחר, וועט געלד פעהלען. איצט אָבער, ווען די בענק האָבען אַלעמען אָבגעצויגען דעם קרעדיט, און מיט דיסקאָנטערען פראָצענטניקעס ווילט זיך נישט האָבען צו טהון, און עס פאַסט טאַקע פאַר מיין סוחרישען נאָמען אויך נישט, האָבען די בענק ווי אויף להכעיס אויפגעהערט אַרויסצוגעבען געלד אויף סחורה. דאָס אַלץ צווינגט מיך אייך צו בעאונרוהיגען, טאַקע בעטען און פערלאַנגען פון אייך, מחותני הנכבד, איהר זאָלט גאָר נישט איבערקלערען, ווייל באמת איז חלילה נישטאָ וועגען וואָס איבערצוקלערען; איך האָב אין מיין לעבען חלילה קיינעם אַ קאָפּיקע נישט איבערגעפיהרט, האָף איך, וועל איך אייך אודאי נישט איבערפיהרען אַפילו וואָס אַ פּרוטה אחת איז ווערט. און באמת דאַרף איך אַפילו איצט נאָך אויך נישט עמיצען אָנריהרען חלילה. איך שטעה גאָר נישט אַזוי שלעכט, איך האָב אין מיין קראָם פרישע סחורה, בריליאַנטענע-סעזאָן-סחורה אַ סך מעהר, וויפיעל איך בין שולדיג פאַר איהר. איך ברויך נאָר די עטליכע טויזענד רובל מזומן, עס זאָל מיר אַזוי שווער נישט פאַלען די שלעכטע און שטילע צייט איבערצודולדען. על כן, קענט איהר מיר איצט געזונד און לעבען איינשפּאָרען, און למען השם מיר תיכף ענטפערן טאַקע ווי איך פערלאַנג. פאַר זיכערקייט, זאָג איך אייך נאָך אַ מאָל, זאָלט איהר גאָר נישט אין ספק זיין. טאָמער איז גראָד איצט ביי אייך אַזאַ סומע נישט ביי דער האַנד, לייהט צו ביי די קינדער, און זעהט מיך צו בערוהיגען וואָס גיכער".

מיט אונגעדולד האָט אַבעלמאַן דערוואַרט דעם מחותנ'ס תשובה, חאָטש שטאַרק געהאָפט האָט ער נישט אויף דעם קליינשטעדטעלדיגען „דבר אחר". נאָר אַ מענש איז מחויב

אַלץ אָנצעווענדען, מען זאָל זיך אַליין נישט האָבען וואָס פאָר צעוואַרפען שפּעטער, און זאָגען: „וואָלט איך דאָס און יענס געטהון, וואָלט איך דערצו אפשר נישט געקומען". און אַט זיצט אַבעלמאַן אין דער פריה אין זיין קאַסע-קעמערל, און וואַרט אויף דעם בריעף-טרעגער, אָדער ווי די קאָמיסיאָנערען און סוחרים רופען איהם אָן — „אונזער ברויט-געבער, ווארום אַ סוחריש בריוועל אין גוטע יאָהרען, ווי געוועהנליך, טראָגט פאַר סוחרים און קאָמיסיאָנערען בעשטעלונגען אויף סחורה, וואָס דאָס איז זייער ברויט.

עס איז אַבעלמאַנען אָבער לאַנג די צייט. ער האָט שוין אַ פאָר מאָל אַ קוק געטהון אויפ'ן זייגער. „דאַכט זיך, אַלעמאָל אין דער צייט ברענגט ער די פאָסט, און היינט לאָזט ער זיך עפּיס צופיעל וואַרטען!"

„סיידען ער טראָגט עפּעס רעכטס"! טרייסט ער זיך.

באַלד איז טאַקע דער בריעף-טרעגער אריין און האָט אַבעלמאַנען דערלאַנגט עטליכע בריעף מיט אַמאָל. אין גו, האָט אַבעלמאַן דערקענט זיין מחותנ'ס האַנדשריפט.

געוועהנליך לייענט אַ סוחר פריהער סוחרישע בריוולעך און דערנאָך ערשט פאַמיליען-בריעף. נור אויף היינטיגען בריעף פון דעם מחותן, האָט זיך איהם געדאַכט, הענגט זיין גאַנץ געשעפט, די גאַנצע קראָם מיט סחורה, ער אליין און דער עיקר: דער שענער סוחרישער נאָמען זיינער.

און דער מחותן ענטפערט איהם דוקא קורץ, אָבער שאַרף: „אין לי" — ער איז אַליין אויך שטאַרק פערענגט, שרייבט ער, און גאָט ווייסט, ווי ער וועט זיך אַליין אויס-קעהרען אין דער שלעכטער צייט, וואָס איז נאָך ערגער אין די קליינע שטעדטליך ווי אין די גרויסע, וואו אַ סוחר קען זיך אַזוי צי אַזוי אַנ'עצה געבען. בנוגע צו די קינדערשע עטליכע רובל, וויל ער, דער מחותן, זיך נישט אַריינמישען. און בכלל טויג נישט פאַר עלטערן אָנצוקומען צו קינדערשער לאַסקע, און אין געלד-זאַכען איז שוין בעסער צו האָבען צו טהון מיט'ן ערנסטען דיסקאָנטער, איידער מיט אייגענע קינ-

דער... ווייטער פרעגט דער מחותן: וואָס שמועסט מען אין דער גרויסער שטאָדט וועגען דער מלחמה? צי הערט זיך אַ שלום בקרוב, אָדער צי וועט זיך נאָך חלילה ציהען און צי- העןֹ? און ווייסט גאָט דער לעבדיגער, צו וואָס מען קען חלילה קומען, אויב זיי וועט זיך נאָך ציהען! בּיי אונז שמועסט מען וועגען משיח'ס צייטען, שרייבּט ער איהם — דער שוחט אונזערער האָט געפונען אין זוהר הקדוש אַ רמז אויף דער היינטיגער מלחמה, און ווי ער זאָגט, וועט פון דער מלחמה אַרויסקומען אַ גרויסע ישועה פאַר יודען און פאַר דער גאַנ- צער וועלט. הלוואי זאָל עס אמת זיין. ווי עס ווינשט אַייך און כּלל-ישראל אַייער מחותן מרדכי בּ"ר יקותיאל גאָרפינקעל.

„איך האָבּ, הייסט עס, דען פריהער נישט געוואוסט, אַז אויף דעם „דבר אחר" האָבּ איך נישט וואָס צו האָפען? האָט אַבּעלמאַן איבּערגערעדט פאַר זיך, אַ וואָרף טהוענדיג דאָס בּריוועל אין קויש אַריין. נישקשה, ריוח והצלה יעמוד לי ממקום אחר! און זאָל דער גראָבּער נפש נישט זאָגען: „אני העשרתי את אברם"!

מיט די רייד האָט ער זיך גענומען לייענען אַ צווייטען בּריעף. אין דעם בּריעף שרייבּט איהם אַ קונה, הערש בּער שוואַרצמאַן: היות ווי דעם צעהנטען איז פעליג זיינם אַ וועקסעלע על סך פינף הונדערט רובּל, און אַזוי ווי די צייט איז שווער און ער זיצט נאָך שבעה אויף דערצו, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר האָט זיך איהם אָבּגעטראָגען, על כּן — „אויבּ איהר ווילט, איך זאָל דאָס וועקסעלע דוקא צאָהלען און נישט צולאָזען צו אַ פּראָטעסט, מוזט איהר אויף מיר רחמנות האָ- בּען, מאַכען אין בּאַנק אַריין אַנ'אָנווייזונג אויף צוויי הונדערט רובּל; דריי וועל איך שוין צוטראָגען, און אויף די צוויי הונדערט שיק איך אַרויס מיט דער אַנדערער פּאָסט אַ ניי וועקסעלע, נישט מעהר ווי אויף דריי חדשים. אָבּער נישט אַנדערש צו טהון, וואָרום אַנדערש קען איך זיך נישט העל- פען, און דאָס וועקסעל וועט זיכער פּראָטעסטירט ווערען".

„נאָך מיט חסד, רעדט איבּער אַבּעלמאַן: וואָס וואָלט

איך איהם געטהון, אַז ער זאָל די דריי הונדערט רובל אויך נישט האָבען, אָדער נישט וועלען בעצאָהלען?"

— ביילין, געה שוין אין באַנק, נאַ דיר צוויי הונדערט רובל, און מאַך אַנ'אָנווייזונג, אַזוי ווי ער שרייבט. נעהם מיט דאָס בריוועל שוואַרצמאַנ'ס, און שטעל אויס די אָנווייזונג אַזוי ווי ער שרייבט.

ביילין איז אַוועק אין באַנק, און אַבעלמאַן האָט געעפענט נאָך אַ קאָנווערט. דאָ שרייבט איהם ציפּע מלמד, אַז זי האָט בעצאָהלט איהר מאַנס וועקסעלע צוויי הונדערט רובל, און אַ ראיה: שיקט זי אָב דאָס בעצאָהלטע דורכגעריסענע וועקסעלע. נור זי בעט, אַז מיט דעם לעצטען וועקסעלע, דעם הונדערטער, זאָל מען איהר צוואַרטען ביז'ן סעזאָן, ווייל די לייזונג דערווייל, זאָל זיך גאָט מרחם זיין, איז אָבגעשניטען. נור אַז זי וועט קומען צום סעזאָן זיך איינקויפען, וועט זי בתשואת חן אָבצאָהלען, און דער הערר אַבעלמאַן מעג גאַנץ רוהיג שלאָפען. דאָס איז אַזוי גוט ווי מזומן געלד.

אין נאָך אַ בריוועל שרייבט אַ קונה, אַז ער האָט אַ טענה, וואָס איין שטיק סחורה איז פערפלעקט, און אויב מען וועט איהם נישט איבערבייטען אויף איין אַנדער שטיק, וועט ער אודאי דאָס וועקסעלע, על סך ק"ן קערבלעך, נישט צאָהלען, און מען וועט איהם פערלירען פאַר אַ קונה אויף תמיד.

גאָר צום לעצטען איז איהם אין האַנד אַריינגעפאַלען אַ בריוועל פון דעם קליינשטעדטעלדיגען יונגענמאַן מיט'ן ווייבעל, אין וועלכען ער דאַנקט איהם מיט אַ פייעריגער מליצה אין לשון הקודש פאַר די התקרבות און פאַר אַלעם גוטען: דערוויל איז דער פדיון שטיל, נור דער שוועהר, זאָל לעבען, איז פון דעם נישט אַראָבגעפאַלען. ער זאָגט: מען וועט נאָך לייזען און לייזען. נייע סחורה דערווייל ברויכט מען נאָך נישט. „איידער מען לייזט זיך איין און מען ווייסט נאָך נישט וואָס מען פאָדערט, זאָגט די אשתי מיינע, קען מען נאָך נישט ויסען, וואָס עס פעהלט אין קראָם. זאָל נור השם יתברך

אונז צושיקען פדיון, וועט איהר אויך לייזען. בײַ קיין אַנדערן וועלען מיר נישט קויפען, מען זאָל אונז חאַטש די זעלבע סחורה בחצי חנם פערקויפען. גם גריסט אייך די אשתי מיינע און אַלע אייערע פריקאַזטשיקעס, ביחוד דעם יונגענמאַן, וואָס האָט אונז די גאַנצע שטאָדט אַרומגעפיהרט און איז געוועזען מיט אונז אין טעאַטער. דער שוועהר, זאָל לעבען, זאָל דער־פון געוואָהר ווערען, וואָלט ער אַ האַלבע וועלט איבערקעהרען; חאַטש איך הויב נישט אָן צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַן עולה שטעקט אין טעאַטער, בפרט אַז מען זעהט עס איין מאָל אין לעבען. און זייט מיר אַלע געזונד און שטאַרק, און לייזט אַ סך געלד; די נאַכנאַהמע האָבען מיר שוין אויסגע־קויפט. גם מיין חבר, ווי ער שרייבט מיר, האָט שוין אויך אויסגעקויפט זיין נאַכנאַהמע; און זיין שטעדטיל איז דער פדיון בעסער, שרייבט ער, און ער רעכענט אין גיכען נאָך אַמאָל צו פאָהרען זיך איינקויפען. איך בעט אייך, איהם מקרב צו זיין, גלייך ווי ער וואָלט צו אייך קומען מיט אונז צוזאַמען".

אַבעלמאַן האָט נאָך נישט געענדיגט לייענען דאָס בריי־וועל, און אין קראָם איז אַריין אַ „ראַזסילנאָי" פון דער באַהן, און האָט איהם דערלאַנגט צוויי לענגליכע קוויטלעך מיט אַ בוך זיך פונאַנדערצושרייבען.

עס איז געווען געוועזען אַבעלמאַנען אַ קוק טהון אויף די קוויטלעך, ער זאָל שוין וויסען, וואָס אין זיי זאָגט מען איהם אָן. און אָנגעזאָגט האָבען די צוויי לענגליכע קוויטלעך: „היות, ווי מען האָט איהם, דעם אַבזענדער פון די קאַסטענס סחורה, לויט דובליקאַט פון דער באַהן און דער נומער, שוין אַ פאַר מאָל אָנגעפרעגט, וואָס זאָל געטהון ווערען מיט זיין סחורה, וואָס דער עמפּפאַנגער קומט נישט אָבנעהמען, און ער, דער אַבזענדער, האָט ביז איצט קיין ענטפער נישט געגעבען, זאָגט מען איהם דערמיט אָן צום דריטען מאָל: באם אין אַ צייט פון זיבען טעג וועט נישט אָנקומען פון איהם אַ ידיעה, וואָס מען זאָל מאַכען מיט די קאַסטענס, וועט די סחורה עפענט־ליך פערקויפט ווערען לויט דעם באַהן־געזעץ".

חאָטש אַבעלמאַן האָט קיינמאָל נישט פערגעסען, אַז פריהער צי שפּעטער מוז איהם אַזאַ ידיעה אָנקומען וועגען יענע נישט־אויסגעקויפטע נאַלנאַהמעס, וואָס ער האָט דיסקאָנ־טירט, נאָר פון שטענדיגע קאָפּדרעהעניש און מאַנעווירען, ווי זיך אַרויסצודרעהען פון דער ענגשאַפט, איז איהם עפּיס גאָר אין זינען נישט געלעגען, אַז עס זענען שוין עטליכע חדשים אַריבער און אַז די צייט, וואָס נישט־אויסגעלייזטע סחורה פון דער באַהן זאָל פערקויפט ווערען, איז שוין טאַקי גאָר נאָהענט. איבערלייענענדיג איצט די קוויטלעך, האָט איהם ווי אַ קויל אין האַרצען געטראָפען. ער האָט זיך מיטביידע הענד פאַר'ן קאָפּ אַ חאַפּ געטהון, און איז אַזוי געבליבען זיצען אַ האַלבע שעה כסדר.

צולאָזען, די סחורה זאָל פערקויפט ווערען אויף דער באַהן, הייסט עס—זיך מיאש זיין פון דעם גאַנצען בעטראַג פון דער סחורה. ביידע קוויטאַנציעס צוזאַמען, בעטרעפט די סחורה איבער דריי טויזענד רובל. אַזוינס דאַרף טהון, נישט נור קיין סוחר נישט, אפילו אַ פּראָסטער אָנזעצער אויך נישט. ציהען אָבער די סחורה צוריק, מוז ער לכל הפחות זיך שאַפען קרוב צו צוויי טויזענד רובל, כדי צו בעצאָהלען פאַר די נאַלנאַהמעס ביי די דיסקאָנטערען. אָהן די נאַכנאַהמעס קען מען קיין סחורה נישט צוריקציהען. אָבער וואו נעהמט מען איצט אַזאַ מטמון געלד? און דאָ איז נאָך די צייט אַזוי קורץ, בסך הכל זיעבען טעג!

און אַבעלמאַן פיהלט זיך איצט, ווי ער וואָלט פּלוצלונג אין דער קלעם אַריינגעפאַלען און ער זעהט קיין אויסגאַנג נישט פון אַזאַ ביטערן עסק. נור פּלוצלונג גיט ער זיך אַ הויב, די אויגען האָט ער אויף די פּאַליצעס סחורה אויסגעשטעלט, און דאַכט זיך, ער האָט עפּיס אַ עצה געפונען.

„לייט טהוען דאָך אַזוינס באין ברירה, האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — פאַרוואָס זאָל איך עס נישט טהון. זיך און פרעמדם צו ראַטעווען?"

אַז אַזוינס פּראַקטיצירט זיך צווישען סוחרים, האָט ער

אַלעמאָל געוואוסט; אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין יענעם וואָס טהוט אַזוינס — „פאַר אָנשטענדיגע סוחרים איז אַזוינס נישט שען, נישט רעכט!" פלעגט ער זאָגען, האָטש אין וואָס בעשטעהט אייגענטליך די עולה דערפון, האָט ער זיך קיינמאָל קיין רעכנונג נישט אָבגעגעבען.
איצט, אַז ער איז צו דעם אַליין געקומען, האָט ער זיך דערמאָהנט, ווי נישט גערעכט ער איז אַלעמאָל געוועזען געגען יענע, וואָס האָבען אַזוינס פריהער פאַר איהם געטהון.
„אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו!" האָט ער איבערגערעדט פאַר זיך, און האָט שוין מיט אונגעדולד געוואַרט, ביילין זאָל צוריקקומען פון באַנק, און ער זאָל זיך נאָך היינט נעהמען דערצו.
אין אָנהויב האָט ער גאָר נישט געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי ער וועט עס ביילינען זאָגען, נור ווי ביילין איז פון באַנק געקומען, און אַבעלמאַן האָט איהם שוין געוואָלט אַרויסריידען זיין פלאַן, האָט איהם עפּיס ווי דאָס לשון אָבגענומען, און ער האָט עס נישט געקענט אַרויסריידען.
עס האָט זיך איהם געדאַכט, ער וועט ביי זיין פּריקאַזטשיק פערלירען דעם גאַנצען כבוד. יענער וועט איהם אָנקוקען, ווי מען קוקט אָן אַ שווינדלער, און גלאַט אַזוי ווילט זיך אַבעלמאַנען נישט אַראָבפאַלען אַזוי מיט אַמאָל, בעווייזען זיין פּריקאַזטשיק די וואונדען זיינע און ווי שלעכט איהם איז.
אַ פּאָר מאָל האָט ער שוין געפּרובט אָנהויבען ריידען עפּיס מיט ביילינען, כלומר'שט אַלס הקדמה, וואָס זאָל איהם אויף אַ פּאַסענדערען אופן צופיהרען צום גוף הענין. ער האָט איהם געוויזען די קוויטלעך פון באַהן, ביילין זאָל זיך אַליין שטויסען, נור ביילין האָט זיך נישט געשטויסען און האָט געענטפערט:
— איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מען דאַרף ציהען די סחורה צוריק. וואָס וועט זי זיך דאָרט אויסליגען?
„נישט קלוג, נישט גענוג אין אַזעלכע זאַכען! קלערט זיך אַבעלמאַן אויסהערענדיג ביילינס קאַלטע תשובה: לייט

האָבען מזל צו מענשען אין זייער געשעפט. דער בעל-הבית ברויך גאָר נישט מיט זי אַ סך אַריינטענה'ן, געגוג אַ וואונק, פערשטעהען זיי שוין, וואָס זיי האָבען צו טהון. צייט, אַז ביילין זאָל עס שוין אויך פערשטעהן. גאָר קיין איינענער שכל נישטאָ! צוקיי איהם און גיב איהם אין מויל אַריין...

— ביילין, ווענדט ער זיך ווידער צו איהם, וואָס גע-העו די בחורים נישט מיטאָג עסען?

— אַז איהר געהט נישט, מסתמא איז דאָך נאָך פריה.

— פריה צי נישט פריה, זאָלען זיי געהן. איך וויל מיט דיר וועגען עפּיס ריידען.

ביילין האָט די צוויי פּריקאַזטשיקעס, וואָס אַבעלמאַן פּלעגט זיי אָנרופען „די בחורים”, באַלד משלח געוועזען ווי עס איז.

— איצט זיי אַ מענש און פערשטעה וואָס איך רייד צו דיר... האָט אַבעלמאַן אָנגעהויבען פון דאָס ניי, זיי-זשע וויסען, ביילין, די וועלט איז איצט שטאַרק געשלאָגען, סוחרים פאַלען ווי די פליגען... אַ דאַנק גאָט, איך דאַרף נאָך נישט פאַלען, ווי דו אַליין זעהסט, אָבער קרעדיט פעהלט, ערגעץ אַ גראָ-שען נישט צו בעקומען. אָט מוז איך אויסלייזען די נאַכנאָה-מעס ביי די יודען, וואָס איך האָב ביי זיי געלד גענומען; און וואָס גיכער מוז איך עס טהון, כדי צו קענען ציהען צוריק די סחורה. נו, גיב דיין עצה: וואו נעהמט מען איצט געלד?

— עס וואָלט גוט געווען, עס זאָל אַריינפאַלען איצט אַ פדיון מזומן! ענטפערט ביילין, אַבי צו ענטפערן, וואָרום אַ עצה: „וואו נעהמט מען איצט געלד?” — ווייסט ער נישט.

— הערסטו, חכם, וואָס דערצעהלסט דו מיר וואָס גוט איז? וואָס גוט איז וויים איך אַליין. אויף נסים אָבער טאָר מען נישט און קען מען נישט זיך פערלאָזען. דעריבער איז ביי מיר געבליבען, צו מאַכען עטליכע נאַכנאָהמעס דערוויל, ביז עס וועט מיר פרייער ווערען. אז איך וועל נור האָבען

נאַכנאַהמעס, מיין איך, וועט שוין מיט געלד קיין דאגה נישט זיין. פערשטעהסט שוין, וואָס איך מיין? ...

— איך פערשטעה. אַז איהר הייסט, וועל איך מאַכען,— ענטפערט ביילין.

— איך האָב דען אַ ברירה דיר דאָס נישט צו הייסען?

ביילין טהוט אַ קוק אויף זיין בעל-הבית מיט אויגען פול מיטלייד. אַבעלמאַן פיהלט אָבער פון די מיטליידיגע אויגען אַזאַ וועהטאָג אין הארצען, אַז עס ווערט איהם ווי דאָס לשון אָבגענומען און ער קעהרט זיך אָב פון ביילינען, יענער זאָל איהם אויפ'ן פנים נישט איבערלייענען וואָס ביי איהם אין הארצען טהוט זיך. אין אַ פּאָר מינוט אַרום קעהרט ער זיך ווידער צו צו ביילינען און זאָגט:

— וואָס זאָל מען טהון? אַ סוחר האָט אַלערליי צייטען. גאָט וועט מסתמא העלפען, דערווייל קען איך זיך אויף נסים נישט פערלאָזען. זעה-זשע עס אָבצומאַכען ווי אַ סוחר. פּאַק איין עטליכע קאַסטען סחורה, אַזעלכע מסתמא, וואָס מען קען זיך בעגעהן אין סעזאָן אָהן איהר. בערעכען וויפיעל איטליכער קאַסטען בעטרעפט, און מאַך אויף איהם אַ נאַכנאַהמע, נישט מיט איין רובל מעהר, הערסט? נישט מיט איין רובל מעהר!... עקספּעדירען וועסט דו אַליין אין די שטעדטליך, וואו מיר האָבען קונדען, געדענק!

— איך ווייס וואָס איך האָב צו טהון! ענטפערט ביילין, און ביידע בלייבען אַ פּאָר מינוט שטיל אָהן ווערטער.

— יאָ, פערשטעהסט דאָך אַליין, אַז חוץ גאָט אין הי-מעל און אונז ביידען דאָ דארף דערפון קיין פויגעל נישט אַ פּיפּס טהון. די בחורים וועסט דו זאָגען, אַז איך האָב גע-הייסען די סחורה אָבשיקען קיין מאָסקווע און קיין לאָדז אומ-צובייטען אויף אַנדערע סעזאָן-סחורה. מאַך עס נור קלוג, ווי אַ מענש, מיין איך: ווי אַ סוחר, וואָס וויל זיין נאָמען ראַטע-ווען און דערביי חלילה קיינעם קיין עולה נישט טהון, קען איך זיך אויף דיר פערלאָזען?

— אויף מיינע אחריות! ווי גרויס זאָל די סומע זיין פון די נאַכנאַהמעס אינאיינעם?

— פון פינף ביז זעקס טויזענד רובל.

און ווידער ווערט שטיל עטליכע מינוט. ענדליך זאָגט אַבעלמאַן: פאַל נישט אַראָב ביי זיך, ביילין. ווילסט זיך דאָך לערנען אַ סוחר צו זיין, — זעה-זשע, אַז אַ סוחר מוז קענען צו אַלץ געפּרובט ווערען. אַלץ מוז אַ סוחר פּרובען, ווען איהם איז נור זיין נאָמען „סוחר" טייער און ער וויל קיין אָנזעצער נישט זיין און קיין פרעמדס נישט אָנריהרען. איך געה אַהיים, גיב אַכטונג אויפ'ן געשעפט, איך ווייס נישט, צי וועל איך נאָך מיטאָג צוריקקומען.

מיט די רייד איז אַבעלמאַן פון קראָם אַרויס, מיט דער דעה, נישט צו קומען צוריק אין קראָם אַריין, דערביי ביי דער חרפה נישט צו זיין, ביז ביילין וועט עס אַלץ אָבטהון אָהן

---

## ט.

אַמאָל, גאָר נישט לאַנג צוריק, איז אַ נאַכנאַהמע געוועזען אַ מטבע עובר לסוחר. פון בעצאָהלען אַ חוב מיט אַ נאַכנאַהמע שמועסט מען שוין גאָר נישט; אפילו אין גמילות חסדים פלעגט מען אָננעהמען אַ נאַכנאַהמע ווי אַ מזומן קערבעל. קעסט-קינדער פלעגען זייער געלד פערלייהען נור אויף נאַכנאַהמעס, און פרומע יודען, וואָס זיצען און לערנען אין חברה ש"ס, וועלכע האָבען עטליכע רובל און ווילען אויף „עסקא", פּראָצענט, הייסט עס, נישט פערלייהען, — פלעגען אָבקויפען נאַכנאַהמעס ביי סוחרים, נאַטירליך, מיט עטליכע רובל ווייניגער וויפיעל זיי זענען ווערט.

אין אַ נאַכנאַהמע אָבקויפען אָדער דיסקאָנטירען האָט קיין גרויסע ריזיקע נישט געשטעקט. אין ערגסטען פאַל, ווען אַ

קונה האָט די סחורה פון דער נאַכנאַהמע נישט אויסגעלייזט, האָט דער קויפער אָדער דיסקאָנטער געקענט דעם סוחר, וואָס האָט איהם די נאַכנאַהמע אריינגערוקט, און דער סוחר האָט נאָך פאַר אַ סקאַנדאַל מורא געהאַט און פלעגט קיין טענות נישט מאַכען, — אומקעהרען יענעם זיין געלד און זיך נעהמען די נאַכנאַהמע צוריק. זינט אָבער די סוחרים האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען די ספּעקולאַציעס: אַרויסשיקען סחורה גלאַט אין דער וועלט אריין, אַבי נור אויף די סחורה אַ נאַכ־נאַהמע צו מאַכען און מיט דער נאַכנאַהמע צו בעקומען געלד,— זענען די סקלאַדען אין די מאַגאַזינען פון די באַהנען און טראַנספּאָרט־קאָנטאָרען פערלעגט געוואָרען מיט אַזעלכע קאָס־טענס סחורה, יתומים אָהן אַ קרוב און אָהן אַ גואל: נישטאָ, ווער עס זאָל זיי אויסלייזען פון די סקלאַדען און מאַגאַזינען, און דער קורס פון די נאַכנאַהמעס איז זעהר שטאַרק געפאַ־לען. דעריבער האָט נעביך ביילין געהאַט אַ פּאָר טעג כסדר צו לויפען פון איין דיסקאָנטער צום צווייטען, די נאַכנאַהמעס צו פערטהון, און איז אָבער פון אומעטום צוריק־געקומען מיט ליידיגע הענד. קיינער האָט אויף אַבעלמאַנס איצטיגע נאַכ־נאַהמעס אַ קאָפּיקע נישט געוואָלט געבען.

מיט צרות און מיט יסורים האָט אַבעלמאַן בכבודו ובעצמו קיום געפועלט איבערצובייטען אַ פּאָר פרישע נאַכנאַה־מעס אויף יענע אַלטע, וואָס ס'געהט איהם אום לעבען צו צושטעלען דער באַהן, כדי צוריק צו ציהען די סחורה, און ווי עס פערשטעהט זיך, האָט מען פון איהם אַ פּאַס געריסען, אַזש בלוט האָט גערונען. דיסקאָנטירען אָבער די איבעריגע נאַכנאַהמעס, בעקומען דאָס געלד אויף צו בעצאָהלען זיינע וועקסלען, — דאָס איז איהם ערגעץ נישט געלונגען. ער איז שוין מיעד טראַכטענדיג און זאָרגענדיג: וואָס וועט זיין?... וואָס וועט דערפון ווערען?... דערמאָהנט ער זיך דעם סוף; ציטערט אויף איהם זיין הויט אויפ'ן לייב און ער קען שוין מעהר גאָר נישט טראַכטען.

און טראַכט זיך איהם נאָך אַמאָל נישט ווילענדיג,

טראַכט ער נישט וועגן זיין געשעפט, אָבער וועגן געשעפט בכלל. און דאָס געשעפט שטעלט זיך איהם פאָר ווי עפּעס אַ מאַשינע מיט אַ סך רעדער. איטליכס ראָד איז פערטשעפּעט פון פאָרענט און פון הינטען אָן אַנדערע רעדער, און אַלץ דרעהט זיך, ווערט פון ערגעץ אַ כח געטריבען... שטעלט זיך אָב אַ רעדעל, ווערט עס באַלד אַרויסגעוואָרפען און אַ אַנדערס אַריינגעשטעלט. און עס דאַכט זיך איהם, ער דערקענט אויך זיין ראָד אין מיטען, — עס דרעהט זיך נאָך כלומרש'ט, אָבער שוואַך און שווער, אַט־אַט עס שטעלט זיך אָב.

„פאַר וואָס זאָל זיך אַזאַ געזונד שטאַרק ראָד אָבשטע־לען? פרעגט ער זיך — עס פעהלט אין איהם קיין שרייפעל נישט, קיין צאָהן איז נישט אויסגעבראָכען, אַלץ איז נאָך אַזוי גאַנץ, אַזוי ריין, און דאָך קען עס זיך עפּיס נישט דרעהען מיט אַנדערע רעדער צוגלייך... וואָס פעהלט?"

„בוימאייל פעהלט! ענטפערט ער זיך אַליין — אַ ראָד מוז מען שמירען; שמירט מען איהם נישט, מוז ער זיך שטעלען... דער אייגענער קאַפּיטאַל מיינער, וואָס איז ביי מיינע קונים פערפאַלען געוואָרען, דער פרייער קרעדיט, — דאָס איז דאָס בוימאייל, וואָס מיין ראָד פעהלט איצט"...

און ווי ווילט זיך איהם נישט אָבשטעלען זיך און פון דער מאַשין, וואָס מען רופט אָן „געשעפט", נישט אַרויסגע־וואָרפען ווערען ווי אַ געפּסל'ט רעדעל, וואָס שטערט דעם גאַנג פון דער גאַנצער מאַשין!...

און ווידער דערפיהלט ער זיין וועהטאָג אין האַרצען, און ווידער הויבט ער אָן צו מאַכען פּלענער, צו זוכען מיטלען, ווי צו בעקומען דאָס בוימאייל, וואָס ס'פעהלט איהם אַצונד, און צו לאָזען ווייטער זיך דרעהען דאָס רעדעל זיינס אין דער מאַשין...

ער זיצט אין זיין קאַסע־קעמערל און טראַכט, און פיהלט זיין שמערץ אין האַרצען אַזוי טיעף, אַזוי אונדערבאַרמליך. נאָר אָט טראָגט איהם אַריין דער בריעפטרעגער אַ בריעף מיט דער „הצפירה", וואָס ער בעקומט אַלע טאָג. ער נעהמט זיך דורכלייענען דעם בריעף, דאָס איז פון זיין זוהן; ער זאָגט

איהם אַ מזל-טוב: זיין ווייב, די דאָקטאָרין-פילאָזאָף, האָט איהם, דעם זוהן זיינעם, אַ טאָכטער געבוירען מיט מזל.

— מיט פילאָזאָפיע מסתמא, ווי קען אַנדערש זיין! רעדט ער איבער פאַר זיך. נור דאָס איז נאָך נישט גאָר. דער עיקר, בעט דער זוהן זיינער, — שיקען איהם געלד וואָס גיכער און וואָס מעהר.

— ווייסט דער תכשיט מיינער, ווי מיר דרעהט מיין קאָפּ איצט? פרעגט ער זיך? ווייסט ער, וואו איך האַלט? און איך וועל שיקען, פון אונטער דער ערד אויסגראָבען און שיקען. און אַז מיין רעדעל וועט זיך אָבשטעלען, און אַז ער וועט דערהערען; אַז זיין טאַטע זיינער איז באַנקראָט, וועט ער צו מיר נאָך טענות האָבען. — וואָס איך האָב איהם דאָס פנים פערשוואַרצט... און נישט ער, אַבעלמאַנס בן-יחיד וועט זיין דער יחסן, נור זי, דאָס ווייב זיינס, וועט האָבען מיט וואָס זיך איבערצונעהמען: „מיין טאַטע, וועט זי זאָגען, איז טאַקע אַ מלמד, אָבער קיין אָנזעצער נישט"...

ער לעגט אַריין דעם בריעף אין בוזים-קעשענע, מיט דער דעה איהם איבערצוגעבען דער אַלטער זיינער — זאָל זי זיך פרעהען מיט דעם ניי אייניקעל. אַ נאָמען נאָך איהר מוטער דער רביצין, און דער נאָמען וועט מסתמא אַזוי גלייך זיין ווי „נאַפטאַל" צו „נפתלי" אָדער „טערענטי" — צו „טביה", און אפשר גאָר „תנחום".

ער נעהמט זיך לייענען די „הצפירה" און לייענט פרי-העער די טעלעגראַמען.

— דאָרט שיסט מען, און דאָ טרעפען די קוילען! רעדט ער איבער פאַר זיך — דאָרט פאַלען קעפּ, און דאָ פאַלט מען פון די פיס! עס איז דאָרט ביטער, און עס איז דאָ אויך נישט גוט. גאָט ווייסט, ביז ווי לאַנג דאָס קען זיך נאָך אַזוי אַוועקציהען!...

ער לייענט ווייטער אַ ידיעה פון אַנ'אָבגעברענט שטעד-טעל ערגעץ אין דער ליטאָ.

— יודישע שטעדטליך ברענען ווי די חנוכה-ליכטלעך,

אַלע טאָג אַלץ מעהר און מעהר — דאָס קען אויך דעם אַלגעמיינעם קריזיס נישט פערבּעסערן. נייע אביונים, פרישע פּראָטעסטלעך! . . .

ער לייענט ווייטער:

„קיין איין הויז איז נישט פערזיכערט געוועזען, און גאָט ווייסט, ווען דאָס שטעדטעל וועט זיך קענען אַמאָל אָבּבּויען!"

— פאַר וואָס פערזיכערן זיי דאָרט נישט די הייזלעך זייערע פון פייער? פרעגט אַבּעלמאַן זיך אַליין — דער, וואָס האָט אַנ'אייגען הייזעל, דאַרף, דאַכט זיך, בּיכולת זיין צו פערזיכערן זיין הייזעל. וואָס איז דאָס ערגער ווי אַ נאַלאָג, וואָס איטליכער בּעל-הבּית מוז צאָהלען דער קרוין פאַר זיין פּלאַץ און הייזעל? נישט מעהר, פשוט, דאָס מזל פון די פערזיכערונגס-געזעלשאַפטען איז אַזוי גרויס, אַז דוקא, וואָס ס'איז נישט פערזיכערט, — דאָס בּרענט. אָט צאָהל איך שוין אין דער געזעלשאַפט עטליכע און צוואַנציג יאָהר, און ווען, עס זאָל אַמאָל טרעפען בּיי מיר אַ שאָדען וואָס אַ קאָפּיקע איז ווערט . . . אַנ'אוצר געלד האָבּ איך זיי שוין אָבּגעצאָהלט. האָבּ איך עס איצט בּמזומן, וואָס פאַר אַ דאגה וואָלט איך איצט בּעדאַרפט האָבּען?! . . .

ער פערטראַכט זיך אַ רגע. עס פאַלט איהם אַריין אַ מחשבה: וואָס וואָלט געווען, ווען אַזאַ שרפה, ווי דאָרט אין די ליטווישע שטעדטליך, טרעפט דאָ אין שניט-ריאַד? צי וואָלט עס פאַר סוחרים נישט געוועזען איצט אַ שטיקעל ישועה? פאַר מיר, קלערט ער, וואָלט עס אַנ'אמת'ע הצלה געווען! . . .

בּאַלד אָבּער דערמאָהנט ער זיך, ווי נישט אָרענטליך און נישט פיין אַזאַ מחשבה איז.

ער טהוט אַ שפּיי.

— פע, פע, אָט צו וואָס פאַר אַ שלעכטע געדאַנקען אַ סוחר קען קומען, בּעת איהם איז שלעכט און ער געפינט נישט קיין אויסוועג ווי פון זיין ענגער לאַגע זיך צו ראַטעווען! — איך וויל נישט, איך וויל נישט! גאָט זאָל מיך אָבּהיטען פון אַזאַ הילף און פון אַזאַ מחשבה גאָר! . . .

## .6 דינעזאָהן.

אין קראָם קומט אריין א שכן א סוחר.

— איהר האָט געהערט א נייעס? זאָגט יענער.

— וואָס פאַר א נייעס? פרעגט אבעלמאַן.

— יאָסעל מאַלאָווער האָט זיך א מיתה אָנגעטהון!

— וואָס רעדט איהר? טהוט אבעלמאַן א געשריי דער־שראָקען.

— אָט וואָס איהר הערט!

— ווי אַזוי?

— מען האָט איהם ערשט געפונען אַנ׳אויפגעהאַנגענעם אויפ׳ן בוידים.

— וואָס איז איהם געוואָרען? צי פון זינען איז ער אראָב?

— פרעגט נישט. מען קען פון זינען אראָב צוליעב דעם היינטיגען קריזיס! פּראָטעסטען, צאָהלונגען — מען דאַרף אַייך דערצעהלען מיט וואָס דאָס שמעקט?... האָט זיך ווי א פיש אָן אַייז געשלאָגען, זיך נישט געוואָלט שטעלען, און אַז ער האָט געזעהן, אַז ער האָט שוין קיין ברירה נישט, האָט ער די חרפּה נישט געקענט אריבערטראָגען מיט זיין אָרענט־ליכען האַראַקטער, און איז ארויף אויפ׳ן בוידים, זיך אויפ־געהאַנגען, די שאַנד נישט איבערצולעבען.

— נעכטען אָוועגד האָב איך נאָך מיט איהם גערעדט; ער האָט זיך בעקלאָגט אויף די שלעכטע צייט. נו, וועלכער סוחר בעקלאָגט זיך איצט נישט? דערצעהלט אבעלמאַן: איך זאָל אָבער בעת מעשה א טראַכט טהון, אַז ער האַלט שוין אַזוי שמאָל, איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלען.

— ביי מיר איז קלאָר ווי דער טאָג, זאָגט זיך ארויס דער סוחר זיין מיינונג, אַז שולדיג אין זיין טויט זענען די געלד־מעקלער. ווען איהם איז ענג געוואָרען, ווייס איך, האָט ער זיך א וואָרף געטהון צו די געלד־מעקלער. זיי האָבען איהם מבטיח געווען צו בעקומען פאַר איהם עטליכע טויז־ענד רובל, אויף א גרויסען פּראָצענט מסתמא. מעהר ווי א וועקס־זיבען טויזענד רובל האָט יאָסעל נישט בעדאַרפט, ער זאָל קענען בלייבען שטעהן אויפ׳ן פלאַץ. נו, האָבען זיי איהם

געפיהרט: היינט, מאָרגען, נאָך שבת, נאָך אַ פּאָר טעג, ווי ווייער שטייגער איז. ער האָט זיך אויף זיי סומך געווען און נישט געזוכט אַנ'אַנדער מקור. צום סוף האָבען זיי איהם נעבּעכ טען, ווען דער הלף איז איהם שוין אויפּ'ן האַלז געלעגען, אָנגעזאָגט: „אין כּסף" — זייערע מלוים ווילען איצט קיין געשעפט נישט מאַכען. איז איהם טאַקע קיין אַנדער ברירה נישט געבּליבּען, ווי אַ שטריק אויפּ'ן האַלז.

— גאָט זאָל מיך אָבּהיטען פון די געלד-מעקלער! האָט אַבּעלמאַן אַרויסגערעדט מיט אַ שווערען זיפץ — איך האָבּ מיט זיי בּיז איצט קיין עסקים נישט געהאַט און איך קען זיי גאָר נישט.

— זיי קענען אַ סוחר צופיהרען צו אַזאַ סוף! רעדט דער שכן ווייטער — איך האָבּ שוין געפּרובּט אַמאָל אַנ'עסק האָבּען מיט זיי. אַ חברה בּאַנדיטען, זאָג איך אייך, סכּנות מיט זיי זיך צו פערטשעפּען. ווילען זיי, קענען זיי אַ מענשען אויפהויבּען בּיז'ן הימעל. זיי זענען דאָך די שטאָדט-גלעקליך, וואָס צוקלינגען איבּער דער שטאָדט, ווער עס שטעהט גוט און ווער עס שטעהט שלעכט, הויבּען און וואַרפען אַ סוחר, ווי זיי ווילען. איך בּעט אייך, רעדט נישט איבּער וואָס איך האָבּ געזאָגט. חאָטש איך האָבּ איצט נישט קיין עסקים מיט זיי, אָבּער אַז זיי זאָלען נאָר ווענען מיר צודיענען, קענען זיי...

— אַ יודינע בּין איך, אַז איהר בּעט עס מיך? רעדט איהם אוים אַבּעלמאַן — און וואָס וועט העלפען, אַז איך וועל עס איבּעררייידען? יאָסעל מאַכאָווער וועט דורכדעם נישט לעבּעדיג ווערען. געשטאָרבּען איז געשטאָרבּען. און ווייסט איהר, וואָס נאָך איך וועל אייך זאָגען: איידער דעם שענעם נאָמען צו פערלירען, איז אפשר גלייכער דער טויט.

— אָבּער אַזאַ טויט?

— דער ערגסטער טויט איז אפשר בּעסער ווי דאָס ערגסטע לעבּען! ענטפערט אַבּעלמאַן: מען טאָר דעם אַנדערן נישט דן זיין.

ווען דער סוחר איז אַרויס פון קראָם, און אַבּעלמאַן איז ווידער אַליין געבּליבּען, האָט ער זיך טיעף פערטראַכט.

דער טויט פון זיינעם אַ חבר, אַ סוחר, וואָס איז קיינמאָל נישט ערגער געשטאַנען פאַר איהם, און וואָס ער אַליין, אַבעלמאַן, געפינט זיך איצט זיכער נישט אין אַ בעסערער לאַגע, ווי יענער האָט זיך געפונען, — האָט אויף אַבעלמאַנען געמאַכט אַ שווערען, שרעקליכען איינדרוק.

אַ פּאָר מאָל האָט ער אין האַרצען מאַכאָווער'ן גערעכט געמאַכט. „ער איז אַ חכם, געטהון ווי עס דאַרף צו זיין... וואָס איז די נפקא מינה, נאָך אַ יאָהר לעבען, אָדער נאָך צעהן? ווער ווייסט שוין זיכער, אַז ער האָט נאָך אַזוי פיעל און אַזוי פיעל צו לעבען? דאָס גאַנצע לעבען איז נישט מיט אונזער ווילען, און דער טויט איז אויך נישט מיט'ן אייגענעם ווילען... אויפגעהאַנגען זיך און גע'פטר'ט די אַלע דאגות וועגען וועקסעל צאָהלען און וועגען אויסקויפען נישט-איינגעגאַנגענע נאַכנאַהמעס!"...

באַלד אָבער דערמאָהנט ער זיך, ווי גרויס די חרפה איז צו שטאַרבען מיט אַזאַ טויט. און ער רעדט איבער פאַר זיך: „כּדאי אַלץ געוועזען... געהאַרעוועט, געפאָהרען, דעם קאָפּ געדרעהט, — און נאָך אַלעם דעם ארויפצוגעהן אויפ'ן בוידים, זיך אַרויפלעגען די פּעטליע אויפ'ן האַלז און זיך אויפהענגען!"...

„און די חרפה פאַר דער פאַמיליע? ווי קען אַ מענש אַזאַ ענגאָאיסט זיין, אין זינען צו האָבען נור זיך אַליין צו ראַטעווען פון שאַנד, און אויף דער אייגענער פאַמיליע אַרויפצוואַרפען נאָך אַ גרעסערע שאַנד? — איהר צוגעבען, צו אַלע איהרע פּיין און ליידען, אויך די חרפה פון אַנ'אויפגעהאַנגענעם מאַן, פאָטער, אָדער פעטער אפילו?!"

„ניין, ניין! ענטשליסט ער ביי זיך — באַנקראָט איז אַ שאַנד, אַ גרויסע שאַנד פאַר אַנ'אָרענטליכען סוחר; אָבער כל זמן אַ מענש לעבט, קען ער די שאַנד אָבוואַשען פון זיך, די שאַנד אָבער, וואָס פאַלט אויף אַ פאַמיליע דורך אַ מאבד עצמו לדעת, — קען קיינמאָל נישט אָבגעוואַשען ווערען. און

דעריבער קען דעם זעלבסט-מערדער אויך קיינמאָל זיין זינד נישט פערגעבען ווערען״.

אַהיים גערענדיג פון קראָם פאַרנאַכט, האָט זיך אַבעלמאַן ווידער דערמאָהנט אָן דעם אַגענט פון דער פערזיכערונגס-געזעלשאַפט און פון זיין וויזיט-קאַרטעל: „נאַפטאַל טערענטיעוויטש טאַבאַחאָוו״.

ווי אַזוי ער האָט זיך פלוצלונג דערמאָהנט אָן איהם, — ווייסט אַבעלמאַן אַליין נישט. נור עס אַרט איהם אַלץ דער נאָמען „טערענטיעוויטש״ און עס ווילט זיך איהם טרעפען, ווי אַזוי האָט געקענט דעם דאָזיגען נאַפטאַל'ס טאַטע הייסען?

„פאַרהאַן מענשען אויף דער וועלט, וואָס ס'ליעגט זיי אין זינען אַזעלכע שטותים, צו בעהאַלטען זייער יודישקייט אונטער אַ נישט-יודישען נאָמען, טראַכט אַבעלמאַן געהענדיג אַהיים: שוטים שבעולם, צי דער נאָמען מאַכט דעם יודען אָדער דעם נישט-יודען? נו, לאָמיך מיך היינט אָנרופען „ראָטשילד״, „באַראָן הירש״ אָדער „בראָדסקי״, — וועט מיין לאַגע צוליעב דעם בעסער ווערען? וועט מיר דער קאָפּ נישט דרעהען: וואו נעהם איך די עטליכע רובל מיך אויסצודרעהען פון אַ באַנקראָט?״...

---

פ.

געקומען אַהיים, האָט אַבעלמאַן געפונען אויפ'ן טיש צולעגט אַ גאַנצע קינדער-גאַרדעראָבע, וואָס זיין אַלטע האָט צוגעגרייט, אוועקצושיקען מאָרגען מיט דער פּאָסט דעם ניי-געבוירענעם אייניקעל אַ מתנה פון דער באָבען: העמדעלעך, ווינדעלעך, וויקעל-שנורען, קישעלעך און קאָלדרעטשקעס, אפילו וואָלף-צייהנדלעך און „הייעלעך״ האָבען דאָ אויך נישט געפעהלט.

— אויסלאַכען וועט זי דיין מתנה, די שנוהר דיינע,

רעדט אַבעלמאַן אַרום מיט פערדרוס אויף זיין נישט־בעקאַנ־טער שנוהר, און צוגלייך צופרידען מיט זיין ווייבס מתנה, וואָס זי האָט אַלץ אין זינען געהאַט עס פריהער אָנצוגרייטען.

— פאַר וואָס וועט זי עפּעס אויסלאַכען? פרעגט די אַלטע.

— זי איז דאָך אַ דאָקטאָרין־פילאָזאָף, די שנוהר דיינע! ענטפערט ער — וועט זי מסתמא דאָס קינד האָדעווען מיט לויטער פילאָזאָפיע, נישט מיטווינדעלעך און וויקעל־שנורען, ווי דו האָסט דיינע קינדער געהאָדעוועט.

— זאָלסט עס גאָר נישט זאָגען, מיין מאַן, ענטפערט דאָס ווייב — איך האָב שוין געזעהן אַזוינע פילאָזאָפקעס, וואָס ווילען מיט זייער געלערנטקייט משיח'ן אַראָבברענגען, אָבער דאָס איז אַלץ ווי לאַנג זיי זענען מיידלעך אָדער ווייבלעך אָהן קינדער; ווערען אָבער די אייגענע פעררייסענע פילאָזאָפקעס— מאַמעס, וואָלסט דו זעהן, מיין מאַן, וואָס נאָך פאַר אַ מאַמעס זיי ווערען! מאַמעס ווי אַלע מאַמעס: ציטערן איבער זייער קינד ווי אַלע מאַמעס, האָדעווען עס, מאַכען זיך נאַריש און שפּיעלען מיט'ן פּיצעל קינד גאָר ווי די פּראָסטע יענטעס אָדער יאַכנע־שאָסיעס. פילאָזאָפיע איז אפשר פילאָזאָפיע, אָבער אַ מאַמע איז געוויס אַ מאַמע.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— דאָס קען גאָר אַ מאַנסביל נישט פערשטעהן, ווי דאָס ווערט שוין דאָרט אין דער אשה'ס הארצען, ענטפערט די אַלטע— מיט'ן פּראָסטען שכל איז זיך טאַקע נישט צו דערקלערען, ווי אַזוי פערגעסט אַ יונג ווייבעל איהרע אַלע מיידעלשע חלומות תיכף ווי זי ווערט אַ מאַמע. נור מעגסט זיך אויף מיר פער־לאָזען, איך האָב קיין טעות נישט, און אונזער שנוהר וועט זיך אַ סך מעהר פרעהען מיט דער שוויגערס מתנה, ווי דער זוהן — מיט'ן טאַטענס געלד, וואָס דו שיקסט איהם. מחשבות'ן, וויפיעל שיקסט דו איהם?

— אַ הונדערטער!

— פאַר וואָס אַזוי ווייניג?

— איך קען איצט נישט מעהר, ענטפערט אַבעלמאַן מיט אַ שווערען זיפץ—ווייסט גאָט, צי וועל איך דעם אַנדערן חודש האָטש אַזוי פיעל קענען שיקען...

— גאָט וועט העלפען! טרייסט דאָס ווייב.

— זעהסט דאָך, אַז ער העלפט נישט, זיפצט ער אַרויס, און הערט כמעט אַליין נישט וואָס ער רעדט.

— וועסט זעהן, מיין מאַן, ער וועט העלפען. ער מוז העלפען! אין דעם מזל פון אונזער ניי אייניקעל, זאָל דאָרט לעבען און געזונד זיין, וועט גאָט ברוך הוא העלפען דעם זיידען, וואָס זאָרגט פאַר איהם.

— אודאי וועט ער העלפען, ווער דען, אַז נישט ער? רעדט אַבעלמאַן פאָרט אַ ביסעל האָפענדיג נאָך אויף גאָטס הילף—אָבער דערוויילע?

— וואָס דערווייל?

— דערווייל האַלט איך גאַנץ שמאָל, איך מוז דיר דאָס פריהער געבען צו פערשטעהן. איך האַלט איצט זעהר שמאָל... מיט אַ ריס אין האַרצען האָב איך היינט דעם הונדערטער אָנגעגרייט, מאָרגען די קינדער צו שיקען. איך האָב אין דריי טעג אַרום אַ צאָהלונג צוועלף הונדערט רובל, און איך האָב נאָך קיין אָנהויב נישט מיט וואָס צו צאָהלען; און וועט גאָט ברוך הוא אין די דריי טעג מיר נישט צושיקען עפּעס אַזוינס, אויף וואָס איך קען מיך איצט גאָר נישט ריכטען, און איך וועל לאָזען דאָס וועקסעלע מיינס פּראָטעסטירט ווערען, בלייב איך שטעהן... אין רעכטען מיטען בלייב איך שטעהן און איך וויים נישט, ווי וועל איך דאָס מיט מיינע כוחות און מיט מיין שכל אַריבערטראָגען.

— ישועת ה׳ כהרף עין! ענטפערט די אַלטע, אויפ־הויבענדיג פרום די אויגען צו דער סטעליע—איך געה מאָר־גען סיי ווי אויפ׳ן ריינעם אָרט, אָנזאָגען דער מאַמען מיינער, אַז עס איז אַ נאָמען נאָך איהר געבוירען געוואָרען ביי אונזער קינד, וועל איך שוין, אין איין גאַנג, פאַר דיר מיין מאַן,

אויסבעטען אַלדאָס גוטס. פערליר נור דיין בטחון נישט אויף דעם וואָס לעבט אייביג.

— אָבער צו וואָס זאָלסט דו דיין מאַמען אַ ליגען זאָגען? פרעגט ער—זיי וועלען זייער קינד נישט רופען ברכה. בערטאַ וועט זי הייסען!...

— וואָס עפּיס בערטאַ? ווי פאַלט דיר איין, אַז זיי וועלען דאָס קינד אַ נאָמען געבען בערטאַ?

— אַזוי, ווייל די מאָדע איז זיך צו שעמען מיט אַ יודישען נאָמען —„ברכה” איז אַ יודישער נאָמען, וועט זיי נישט אָנשטעהן. וועלען זיי דעם נאָמען „ברכה” איבערלעגען אויף „בערטאַ”. אין ברכה איז דאָ אַ בי”ת מיט אַ רי”ש, און אין בערטאַ איז אויך דאָ אַ בי”ת מיט אַ רי”ש. גענוג האָטש אָנ׳אות פון אַ יודישען נאָמען... וואָס אָבער טהוסטו זיי, אַז זיי גיבען דעם קינד אַ נאָמען „סטעפאַנידאַ”, אָדער גאָר „קאַראָלינאַ”? מיינסט, אַז אַזעלכע נעמען גיבען זיך נישט יודישע קינדער? טאָמער ווייסט דו, אדרבה, ווי פערטייטש מען אין יודישען: נאַפּטאַל טערענטיעוויטש טאַבאַחאָוו?

— וואָס מען לעבט מעהר, הערט מען מעהר! דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען הער איך אַזאַ משוגענעם נאָמען. וואו האָסט דו אַזאַ מין נאָמען געהערט?

— איך האָב נישט נור געהערט, אָבער איך האָב אַליין געזעהן דעם טייערן פויגעל, וואָס לאָזט זיך אָבדרוקען אַזאַ וויזיט־קאַרטעל בזה הלשון—נאַפּטאַל טערענטיעוויטש טאַבאַחאָוו.

— טפוי זאָל אַזאַ יוד ווערען! שפּייט זי אויס.

— שפּיי נישט, מיין ווייב! ווי זאָגט מען: האָסטו קינדער אין די וויעגען, לאָז לייטען צופרידען ליעגען. דו ווייסט נאָך נישט, וואָס פאַר אַ קאַרטלעך דיינע אייניקלעך וועלען זיך לאָזען אָבדרוקען.

נאָך די רייד האָט אַבעלמאַן זיך געזעצט שרייבען אַ מזל־טוב צום זוהן מיט דער שנוהר, דער פילאָזאָפין. זיי אָנגעוואונשען אַלדאָס גוטס. וועגען זיין קריטישער לאַגע—אַ וואָרט נישט דערמאָהנט. אין דער מאַמעס נאָמען האָט ער

געבעטען, מען זאָל דעם ניי-געבוירענעם קינד אַ נאָמען געבען „ברכה", נאָך דער באָבען. — אַ רביצין, אַ פרומע אשה אפילו געוועזען, אָבער צו שעמען זיך מיט דעם, וואָס מען האָט אַזאַ באָבען געהאַט, איז נישטאָ פאַר וואָס.

פריהער, כל זמן זיין קאָפּ האָט נאָך געקענט טראַכטען, פלעגט אַבעלמאַן גאַנצע נעכט דורכטראַכטען און אַנ'אויג נישט געקענט צוטהון; נור צייט עטליכע טעג איז שוין זיין מוח אַזוי מיעד, אַז ווי נור ער לעגט זיך אין בעט אריין, פערזינקט ער באַלד אין אַ טיעפען שלאָף.

געענדיגט דעם בריעף צום זוהן, האָט ער זיך באַלד אריינגעוואָרפען אין בעט און איז אַנטשלאָפען געוואָרען. אַלער-ליי טאָגיגע אומשטענדען און געשעהענישען האָבען זיך איהם אין חלום געפלאָנטערט: געלד-מעקלערס, דיסקאָנטערען, גאַנ-צע פעק מיט פראָטעסטירטע וועקסעלעך; די סחורה פון באַהן איז צוריקגעקומען; די פריקאַשטשיקעס עפענען די קאַסטענס, און די סחורה איז נאַס און פערפוילט. דאָס האַרץ, פיהלט ער אין חלום, רייסט איהם דאָס צוקוקענדיג. פלוצים דער-זעהט ער: יאָסעל מאַלאָווער שטעהט פאַר איהם מיט אַ גאַנ-צען בונט שטריק. יאָסעל דערלאַנגט איהם אַ שטריק און זאָגט איהם: הענג זיך! דו האָסט קיין אַנדער ברירה נישט.

— איך וויל נישט, איך וועל נישט אַרויפוואַרפען אַזאַ שאַנד אויף מיינע קינדער! שרייט אַבעלמאַן אין שלאָף.

— אָבער דו שטעהט דאָך אַזוי שלעכט, נישט בעסער פאַר מיר! דינגט זיך מיט איהם יאָסעל. — זעהסט די שטריק אויף מיין האַלז?

— איך זעה! ענטפערט אַבעלמאַן, און עס דוכט זיך איהם, אַז ער זעהט טאַקע אַ פעטליע אויף יאָסעלס האַלז — ווער האָט דיר דאָס אָנגעטהון?

— די מעקלער, די געלד-סרסורים... זיי האָבען מיך דערוואָרגען, און מיך מאַכסטו שולדיג, וואָס איך האָב מיין משפחה פערפלעקט?

— אָבער איך האָב מיט געלד־מעקלער קיין עסקים נישט! שרייט אַבעלמאַן מיט אַנגסט.

— טאָ הענג זיך נישט. זעץ־אָן, רעגוליר, וואָס אָב דעם פּלעק און זאָג קדיש נאָך מיר! — ענטפערט יאָסעל און וויל אַוועקגעהן.

— וואוהין געהסטו? פרעגט איהם אַבעלמאַן.

— איך געה אײַנטײלען שטריק אַלע אונזערע סוחרים פון ריאַד, וואָס שטעהען נישט בעסער פאַר מיר און האָבען שוין לאַנג עסקים מיט סרסורים און געלד-מעקלערס!... הענגען מוזען זיי זיך. וועסט זעהן, פריהער אָדער שפּעטער — אַלע, אַלע וועלען זיך אויפהענגען. אוים סוחרים, אוים סחורה, נור שטריק און בוידימס אויף הענגען זיך וועלען בלייבען!...

פּלוצלונג, דאַכט זיך אַבעלמאַנען, רייסען זיך אַריין אַ באַנדע געלד־מעקלערס צו איהם אין קראָם. יאָסעל אַנטלויפט, און זיי יאָגען זיך נאָך איהם. ער הערט יאָסעלס קולות פון וויטען — „גוואַלד, ראַטעוועט! גוואַלד, עס ברענט! עס ברענט, גיכער ראַטעוועט"!... און אָט דערפיהלט אַבעלמאַן — עמיץ נעהמט איהם אָן פאַר אַ האַנד און וועקט איהם: שטעה אויף, שרעק זיך נישט!

ער עפענט די אויגען. דאָס ווייב זיינס שטעהט נעבען איהם מיט אַ ליכט אין האַנד, בלאַס ווי דער טויט, און ציטערט מיט אַלע גלידער.

— וואָס איז, וואָס איז געשעהן? פרעגט ער מיט שרעק.

— שרעק זיך נישט, מיין מאַן! גאָט וועט חסד טהון. עס ברענט אין שטאָדט.

אַבעלמאַן גיט אַ קעהר די אויגען צום פענסטער. דער הימעל איז רויט. עס דאַכט זיך, די גאַנצע שטאָדט און זיין הויז אויך ליעגט אונטער איין פלאַם פייער. ער שפּרינגט גיך אַראָב פון בעט, טהוט זיך אָן אין איילעניש, האַפּט די שליסעל פון זיין געשעפט און לויפט פון שטוב אַרויס.

---

# יא

—וואו ברענט? פרעגט אַבעלמאַן דעם ערשטען, וואָס ער בעגעגענט אויף דער גאַס לויפענדיג.

—גיכער, די קראָמען ברענען. אַזאַ ווינד, גאָט זאָל זיך מרחם זיין!—ענטפערט יענער און אַנטלויפט.

אַבעלמאַן פיהלט, ווי די פיס ברעכען זיך איהם אונטער, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער, עס פעהלט איהם אָטהעם, ער וויל לויפען, כאָטש גיך געהן,—און ער קען נישט.

מענשען, צעשראָקענע און בלאַסע, לויפען און שרייען, פוהרען פאָהרען, עס קלאַפּט, עס רוישט. די מהומה איז גרויס. נאָר אין דער מהומה פאַלט איהם אריין אַ געדאַנק אין קאָפּ, און עס טראַכט זיך איהם: „גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב עס נישט געוואָלט, נאָר אַז אַנדערש האָט גאָט מיר נישט גע-וואָלט העלפען, זאָל דאָס זיין מיין ישועה! איך וועל פון דעם געלד נישט נהנה זיין אפילו אַ פּרוטה אחת נישט, אָבער מיין נאָמען וועט זיין געראַטעוועט!...״

און טראַכטענדיג אַזוי, פיהלט ער, ווי דאָס האַרץ ווערט איהם רוהיגער, פרייער, ווי ער האָט שוין לאַנג אַזוי פריי זיך נישט געפיהלט.

—גיכער, ר׳ הלל, שרייט איהם עמיץ פאַרביילויפענדיג: גיכער, אייער קראָם, דאַכט זיך, ברענט שוין אויך!...

עס טהוט איהם פונדעסטוועגען אַ צופּ אין האַרצען, און ער האָט בעת מעשה אַ טענה צו גאָט, וואָס ער האָט איהם שוין יאָ אַ נס געטהון, ווי נצול צו ווערען פון אַ באַנקראָט, האָט ער, גאָט, דעם נס דען ניט געקאָנט טהון אויף איין אַנדער אופן!...

און ער געהט ווייטער, און וואָס נעהנטער ער קומט צו, זעהט ער אַלץ קלאָרער ווי דער גאַנצער ריאַד קראָמען איז אַרומגענומען מיט רויך און מיט פייער... ער געהט נאָך ווייטער, נאָר ער וויל עפּעס גאָר די מענשען אויסוויכען, ער שעמט

זיך, זיי זאָלען איהם אויפ'ן פּנים נישט אָנזעהן די פרייד, וואָס איז איצט ביי איהם אין הארצען.

—דאַנקט גאָט, ר' הלל, הערט ער ווי עמיץ רעדט צו איהם: דער ווינד האָט זיך אַ קעהר געטהון אויף איין אַנדער זייט, און דאַכט זיך, אייער מאַגאַזין וועט מען אָבראַטעווען.

עס גלויבט זיך איהם אפילו נישט. עס קען נישט זיין. צוליב וואָס און צוליב וועמען האָט גאָט געשיקט דאָט פייער אויף די קראָמען, אויב נישט צוליב זיין קראָם?...

נאָר אָט איז ער שוין אין דער גאַס. עס ברענט דוקא די זייט גאַס, וואו זיין מאַגאַזין איז! דאַכט זיך, דער מאַגאַזין איז שוין אויך אין פייער. פון וויטען איז שווער צו אונטער-שיידען. דער טומעל איז גרויס, גאָר נאָהנט לאָזען די פייער-לעשער נישט צו, נאָר אַבעלמאַן שפּאַרט זיך ווי עס איז דורך און ער זעהט שוין, אַז זיין מאַגאַזין איז אמת אין רעכטען פלאַם, אָבער די פייערלעשער לעגען כּחות אַוועק, גיסען גאָר דאָס וואַסער אויס אויף זיין דאַך און לאָזען זיין מאַגאַזין זיך נישט אָגצינדען. דער אַגענט מיט'ן צילינדער שטעהט און קאָמאַנדע-וועט מיט די פייערלעשער, ווייזט, וואו דעם נאַסען וואַליק צו האַלטען, און וואו דאָס וואַסער צו שפּריצען.

אַבעלמאַן שטעהט און פיהלט ווי די פיס ברעכען זיך איהם ווידער אונטער, ווי די צעהנער קלאַפּען איהם אין מויל און ווי דאָס האַרץ פּלאַצט פון עגמת נפש.

„גזלנים, רוצחים, וואָס ווילט איהר פון מיינע יאָהרען?— שרייט דאָס האַרץ זיינס צו די לעשער. וואָס אַרט אייך, אַז עס וועט ברענען? אָ, קיין גוטס זאָלט איהר נישט האָבען פאַר די טובה, וואָס איהר טהוט מיר!"

—וואָט כאָזיאַאין! ווייזט אָן אַ פּאָליציאַנט אויף איהם: אַרבייט, קידנער, שרייט ער צו די פייערלעשער: דער קופּיעץ וועט אייך געבען אויף בראָנפען!

און מיט נאָך מעהר ענערגיע וואַרפען זיך די לעשער, אַבעלמאַנס קראָם אָבצוראַטעווען. און ער קוקט, אין די אויגען ווערט איהם פינסטער, ער פיהלט, עס געהט איהם אונטער

הלשות. ער וויל אַוועקגעהן, כאָטש מיט די אויגען זיין אומ־גליק נישט צוזעהן, נאָר דער עולם שטעהט אַרום, רעדט עפּעס צו איהם, ער הערט נישט וואָס און ווייסט נישט ווער עס רעדט. ער שטעהט ווייטער און זעהט, ווי דאָס פייער בויגט זיך אַלץ אין דער אַנטקעגענדיגער זייט, גלייך ווי עמיץ זאָל מיט גוואַלד עס אַוועקטרייבען פון זיין קראָם. און אַלץ שטי־לער און קלענער ווערט דאָס פייער. די פייערלעשער טרעטען שוין אָב פון זיין קראָם און לויפען אַהין אַראָב גאַס, וואוהין דאָס פייער בלאָזט. זיין קראָם, זעהט שוין אַבעלמאַן, איז שוין איינגאַנצען געראַטעוועט...

„נישט בעשערט, נישט בעשערט, שרייט עס אין איהם מיט אַ וועהטאָג: אַזוי באָהעגנט פון דער ישועה, און גאָר נישט!..״ פונדעסטוועגען האָט ער נאָך די האָפנונג נישט פערלאָרען: דער ווינד קאָן זיך נאָך אפשר איבערדרעהען, איין פונק אפילו קאָן איהם ראַטעווען, און פונקען פליהען, ווי אַ האָגעל פון הימעל... איצט, דאַכט זיך איהם, וועט זיך אַריינכאַפּען אַ פונק און וועט פאַרריכטען אַלץ, וואָס די פייערלעשער האָבען קאַליע געמאַכט... און ער וואַרט, עס זאָל דער ווינד זיך אַ דרעה טהון אָדער אַזוי פון אַ ווינקעל דאַך זאָל אַרויסשפּרינגען אַ פלאַם און ראַ־טעווען איהם—ראַטעווען פון בזיונות, פון באַנקראָט, ראַטעווען אפשר דאָס לעבען זיינס, וואָס האַלט זיך איצט אין זיין לייב אויף איין האָר פון עגמת נפש.

נאָר אומזיסט. די ברענענדע קראָם, וואָס נעבען זיין קראָם, איז שוין אינגאַנצען איינגעפאַלען. דער עולם שלעפּט אָב די נאָך ברענענדע קויהלען, און אָט פערלעשט זיך אינגאַנצען. אויס! אויסגעלאָשען גאָר אָהן רחמנות דעם לעצטען פונק האָפ־נונג...

ער וויל שוין אַהיימלויפען, דאָרט אין קישען אויסגיסען זיין פערקלעמט הארץ, פון אַזאַ אומגליק, פון אַזאַ צער... נאָר אָט בעווייזט דער אַגענט אין צילינדער און געהט צו גלייך צו איהם:

—נו, הער אַבעלמאַן, זאָגט ער, אַזוי ווי מיט גרויס נצחון:

זאָגט, איז אייך נישט כדאי וואָס איהר צאָהלט אַ יאָהר איין פייער-קאַסע, צוליב דעם אַליין, וואָס איהר קאָנט זיך שטעהן אַזוי רוהיג, מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד, בעת עס ברענט אַזוי נאָהענט פון אייער געשעפט?

אַבעלמאַן פיהלט, אַז דאָס בלוט גיסט זיך איהם פון האַרצען אַרויס, און עס ווילט זיך איהם אַ געשריי טהון: „ממזר, דו שיטסט מיר נאָך זאַלץ אויף מיינע וואונדען! אַ רוח אין דיר און אין דיין טאַטען טערענטיען אַריין, דו עוכר ישראל!" נאָר ער בעהערשט זיך און ענטפערט געלאַסען:

—אַלץ כדאי, אַלץ כדאי!

און שטילערהייד פאַר זיך זאָגט ער: „אַזוי כדאי זאָל דיר דיין לעבען זיין, דו נאַפּטאַל טערענטיעוויטש טאַבאַלאָוו!—ער טהוט זיך אַ בויג און געהט אַ צובראָכענער צוריק אַהיים. ער האָט זיך באַלד אין בעט אַריינגעוואָרפען, עס האָט איהם אַ קעלט אַרומגענומען, אַ צאָהן אָן אַ צאָהן האָט איהם אין מויל געקלאַפּט. דאָס ווייב האָט איהם גוט איינגעדעקט און האָט זיך אַליין אויך נאָך אַמאָל שלאָפען געלעגט.

אין דער פריה צו טהיי האָט דאָס ווייב צו אַבעלמאַנען געזאָגט:

—זעהסט, מיין מאַן, זכות אָבות איז טאַקע אַ זאַך, און זכות אבות זאָל מען טאַקע האָבען... מיינסט, איך האָב ערשט נישט אין חלום געזעהן, ווי דער טאַטע און די מאַמע מיינע שטעהען פאַר אונזער קראָם מיט אויסגעשפּרייטע הענד, און לאָזען נישט צו דאָט פייער צו אונזער קראָם! איך זאָל נאָך אַזוי גוטס זעהן אין מיין גבול, ווי איך האָב ערשט אַליין מיט מיינע אויגען אין חלום געזעהן! זאָרג נישט, זייער זכות וועט דיר נאָך ווייטערביישטעהן אומעטום, וואו דו וועסט זיך קעהרען און ווענדען!

אַבעלמאַנען ווילט זיך דעם ווייב ענטפערן מיט כעס: „אַזוי, דאָס האָבען מיר שווער און שוויגער אַזוי שען צוגעדינט? אַ רוח אין זייער טאַטען אַריין!" אָבער ער בעהערשט זיך און ענטפערט:

—הער נור, אסתר, וואָס איך וועל דיר זאָגען: דער טאַטע דיינער איז טאַקע דער גרויסער צדיק און מופלג געוועזען! די מאַמע דיינע אויך גאָר די גרויסע צנועה, נאָר זאָלען זיי מיר מוחל זיין, אין סוחר'ריי האָבען זיי אַזאַ ידיעה געהאַט, ווי מיין לינקער שטיוועל. על כן, טאָמער קומען זיי דיר צו חלום נאָך אַמאָל, זאָג זיי: איך דאַנק זיי פאַר אַזאַ זכות, אָבער נאָך אַמאָל זאָלען זיי זיך נישט פּרובען אין מיינע עסקים אַריינמישען, אויב זיי ווילען כבוד האָבען פון מיר, פערשטעהסט?...

דאָס ווייב האָט זיך דערשראָקען, דערהערענדיג אַזעלכע רייד פון איהר מאַן; זי האָט געמיינט, דער מח האָט זיך איהם געריהרט.

---

אין עטליכע טעג איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָדט, אַז הלל אַבעלמאַן, דער רעעלסטער סוחר האָט אָנגעזעצט. טייל האָבען דעם אָנזעץ אָבגעשאַצט אויף פופציג טויזענד רובל, און טייל האָבען נישט געקאַרגט צו פערגרעסערן טאַקע ביז די גאנצע הונדערט טויזענד. און וואָס נאָך מעהר וואונדער איז דערביי, וואָס פון דער שרפה, כאָטש ער האָט אַ ברעקעל שאָדען נישט געהאַט, זאָגט מען, האָט ער פון דער פייער-קאַסע פונדעסטוועגען געכאַפּט אַ פּאָר הונדערט רובל.

אַבעלמאַן האָט זיך וואָכען-לאַנג אויף דער גאַס נישט בעוויזען. סוחרים און גוטע פריינד, וואָס האָבען באמת מיטלייד געהאַט מיט איהם, פלעגען צו איהם אַריינקומען טרייסטען איהם, איטליכער מיט וואָס און ווי ער האָט געקענט. איינער פון זיי האָט איהם אַמאָל אַ זאָג געטהון: „איך ווייס נישט, צו וואָס האָט איהר זיך באַדאַרפט גאָר שטעלען? איהר האָט אייערע קרעדיטאָרען בעדאַרפט אַריינשיקען אייער באַלאַנס, זאָלען זיי זעהן, אַז זייער סחורה איז גאַנץ, וואָלטען זיי אייך אייערע וועקסלען איבערגעביטען, און עס וואָלט אַלץ אַראָב כשר וישר, אָהן אַ סקאַנדאַל”.

—וואָס קלערט איהר, האָט איהם געענטפערט אַבעלמאַן ציי האָב איך אַלץ געטהון, די חרפה אויסצעווייכען? אודאי האָב

איך אַלץ געטהון, וואָס נאָר איך האָב געקענט. אַלץ אַרומגע־טראַכט, אַלץ געטהון, געשריבען, געבעטען, נאָר וואָס האָט עס געהאָלפען? קורץ, עס איז דערבּיי קיין חכמות נישטאָ. איז בּע־שערט אַ אָרענטליכען סוחר צו בּאַנקראָטירען, העלפען קיין עצות און קיין חכמות נישט. טאָמער מאַכט זיך שוין יאָ אַמאָל אַ נס אַפילו, וואָס קאָן פון אַלע צרות אַרויסראַטעווען, קומט אַ זכות אבות, וואָס מישט זיך אַריין און מאַכט קאַליע...